STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12549

# BIBLISHE GEZANGEN

Pesach Kaplan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ISBN:0-657-12549-0 01-239

v.3

פ. קאפלאן

ביבלישע געזאנגען

MARK B. HANOPOLSKY

# „ביבלישע גע‫ו‬אנגען"

— פון —

## פסח קאַפּלאַן

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון „ביאַליסטאָקער קאָמיטעט ארויס־צוגעבן די ווערק פון פסח קאַפּלאַן".

אין דער ערשטער ריי „ביבלישע געזאַנגען".

# Śpiewy biblijne

**P. Kapłana**

Printed in Poland

Adres: P. Kapłan, Białystok
Nowy Świat 27, tel. 3-96.

Drukarnia wyd. „Prasa„ Białystok, Kilinskiego 23

דריטער בוך

# עפּאָס און ליריק

Digitized by the Internet Archive
in 2012 with funding from
National Yiddish Book Center

http://archive.org/details/nybc212549

# אינהאלט *)


## די ערשטע מענטשן
(זז. 1—10)

די שאפונג (בראשית ב')
דער חטא (בראשית ג')
קין און הבל (בראשית ד' און פסוקים פון ה').
דער מבול (בר' ו, ז, ח און פסוקים פון ט).
נאכן מבול (בר' ט, י).
דער דור הפלגה (בר' י"א).

## די אבות
(זז. 11—44).

אברהם (בר' י"א, י"ב).
לוט (בר' י"ג, י"ד).
דער ברית בין הבתרים (בר' ט"ו).
שרה און הגר (בר' ט"ז).
דער געבאט פון מילה (בר' י"ז).
די דריי מלאכים (בר' י"ח).
סדום (בר' י"ח, י"ט).
יצחק (בר' כ"א).
די עקדה (בר' כ"ב).
די מערת המכפלה (בר' כ"ג).
רבקה (בר' כ"ד).
אברהמס טויט (בר' כ"ה).
יעקב און עשו (בר' כ"ה).
יצחקס וואנדערונגען (בר' כ"ו).
יצחקס ברכות (בר' כ"ז, כ"ח).
יעקבס חלום (בר' כ"ח).
יעקב, רחל און לאה (בר' כ"ט).
די צוועלף שבטים (בר ל').
יעקב און לבן (בר' ל').
יעקב פארלאזט לבנען (בר' ל"א, ל"ב).
די ברידער באגעגענען זיך (בר' ל"ב, ל"ג).
דינה (בר' ל"ד).
יעקב אין כנען (בר' ל"ה, ל"ו).

## יוסף
(זז. 45—69).

יוספס חלומות (בר' ל"ז).
מכירת יוסף (בר' ל"ז, ל"ט).
אין תפיסה (בר' ל"ט, מ').
פרעה'ס חלום (בר' מ"א).
יוסף א משנה למלך (בר' מ"א).
די ברידער ביי יוספן (בר' מ"ב).
בנימין (בר' מ"ב, מ"ג).


*) ס'ווערן דא אנגעוויזן די קאפיטלען, פונוואנען די באזונדערע טיילן זיינען גענומען; אין די פסוקים וועט שוין דער לייענער זיך אליין אריענטירן.

די ברידער האָבן חרטה (בר' מ"ג, מ"ד).
יהודה פאַר יוספן (בר' מ"ד).
יוסף לאָזט זיך דערקענען (בר' מ"ה).
יעקב קיין מצרים (בר' מ"ה, מ"ו).
אין גושן (בר' מ"ז).
יעקבס צוואה (בר' מ"ז, מ"ח).
יעקב'ס ברכות (בר' מ"ט).
יעקב'ס טויט (בר' מ"ט, נ').
יוספס טויט (בר' נ', ט"ו).

---

## מ ש ה

(זז. 70—140.)

אין מצרים (שמות א').
משה'ס געבורט (שמות ב', א—ט"ו).
אין מדין (שמות ב' ט"ז—כ"ב).
דער סנה (שמות ג' מיט השמטות).
וואַנדער (שמות ד' א'—י"ג).
אהרן (שמות ד' י"ד).
פרעה (שמות ה, ו, ז, ביז פסוק י"ד).
די מכות (שמות ז'—י"א).
יציאת מצרים (שמות י"ב, ל').
אין דער מדבר (שמות י"ג, י"ז; י"ד).
קריעת ים סוף (שמות י"ד, ט"ו).
אז ישיר (שמות ט"ו).
דער מן (שמות ט"ז).
געשפּאָלטן דעם שטיין (שמות י"ז).
עמלק (דאָרטן).
מתן תורה (שמות י"ט).
עשרת הדברות (שמות כ').
נעשה ונשמע ((שמות כ"ד).

די לוחות (שמות כ"ד, י"ב; שמות ל"א, י"ח).
דער עגל (שמות ל"ב).
צובראָכן די לוחות (שמות ל"ב, ל"ג).
די צווייטע לוחות (שמות ל"ד).
דער משכן (שמות ל"ה).
בצלאל (שמות ל"ה, ל"ו, ל"ז, ל"ח, ל"ט).
וואָלקן און פייער (שמות מ' ל"ג).
קרבנות (ויקרא א—ט בקיצור).
נדב ואביהוא (ויקרא י').
דער שעיר לעזאזל (ויקרא ט"ז).
געשטייניגט (ויקרא כ"ד, י.)
ששים רבוא (במדבר א' י', י"א).
פלייש (במדבר י"א).
לשון הרע (במדבר י"ב).
די מרגלים (במדבר י"ג, י"ד; במ' ט"ו, פסוק ל"ב).
קורח (במדבר ט"ז).
די מגפה (במדבר י"ז).
אַ שטעקן בליט (דאָרט).
מי מריבה (במ' כ').
אדום לאָזט ניט (דאָרט).
אהרונס טויט (דאָרט).
דער קופערנער שלאַנג (במ' כ"א).
סיחון און עוג (דאָרט).
בלעם (במ' כ"ב, כ"ג, כ"ד).
מואבס טעכטער (במ' כ"ה).
משה און יהושע (במ' כ"ז, י"ב).
עבר הירדן (במ' ל"ב).
משה זעגנט זיך (דבר' כ"ט).
האזינו (דבר' ל"ג).

פאר משה'ס טויט (דארט).
וזאת הברכה (דבר' ל"ג).
משה'ס טויט (דבר' ל"ד).

## י ה ו ש ע

(זז. 141—162).

יהושע א, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, כ"ב, כ"ד.

## י ר מ י ה

(זז. 163—186).

זייט 163, ירמיה א'
זייט 165, ירמיה ז'.
זייט 167, שורה 7 רעכטס: ירמיה כ'.
זייט 167, שורה 3 לינקס: ירמיה כ"א.
זייט 168. שורה 7 פון אונטן, לינקס: ירמיה, כ"ב, י'.
זייט 169, שורה 6 לינקס: ירמיה כ"ג, ט'.
זייט 171. שורה 10 רעכטס: ירמיה כ"ד.
זייט 171, שורה 19 לינקס: ירמיה כ"ה.
זייט 172, שורה 16 רעכטס: ירמיה כ"ו, ז'.
זייט 173, שורה 1 רעכטס: ירמיה כ"ז.
זייט 174. שורה 4 רעכטס: ירמיה כ"ח.
זייט 174, שורה 17 לינקס: ירמיה כ"ט.
זייט 175, שורה 15 לינקס. ירמיה ל"ב.
זייט 176, שורה 1 לינקס. ירמיה ל"ד, ח'.
זייט 177. שורה 2 פון אונטן רעכטס: ירמיה ל"ה.
זייט 178, שורה 3 רעכטס: ירמיה ל"ו.
זייט 179, שורה 10 פון אונטן רעכטס: ירמיה ל"ז.
זייט 180, שורה 8 פון אונטן רעכטס: ירמיה ל"ח.
זייט 181, שורה 6 פון אונטן לינקס: ירמיה ל"ט, ב'.
זייט 182, שורה 3 לינקס: ירמיה מ'.
זייט 183, שורה 19 לינקס: ירמיה מ"א.
זייט 184, שורה 6 לינקס: ירמיה מ"ב.
זייט 185, שורה 6 רעכטס ירמיה מ"ג.
זייט 185, שורה 2 לינקס: ירמיה מ"ד.

## ע מ ו ס

ז. 187 (עמוס ה'.)

## א י ו ב

איוב א, ב, מ"ב.

## א י כ ה

איכה א' — ה'.

## ק ו ה ל ת

קוהלת א' — י"ב.

## נ אָ ט י צ ן

(זז. 215 —229)

## נ אָ כ ו ו אָ ר ט

(זז. 230—232)

## ב אַ מ ע ר ק ט ע ט ע ו ת ן

(אויפן דעקל.)

# די ערשטע מענטשן

## די שאפונג.

ווען גאט האט הימל - ערד באשאפן,
איז נאך קיין פעלד - וואוקס ניט געווען,
קיין גראזן האבן ניט געשפראצט,
קיין רעגן האט נאך ניט געגאסן,
און ס'איז קיין מענטש אויך ניט געווען,
ער זאל די ערד באארבעטן.
און ס'פלעגט פון ערד א נעפל אויפגיין
און אנטרינקען דעם גאנצן באדן.
האט דאמאלס גאט דעם מענטש באשאפן
פון שטויב, גענומען פון דער ערד,
אריינגעבלאזן אין זיין נאז
א לעבעדיגן אטעם,
און ס'איז געווארן אט דער מענטש
א לעבעדיגער וועזן.
אין מזרח - לאנד, אין עדן - געגנט
האט גאט געפלאנצט א גארטן,
אריינגעזעצט דעם מענטשן דארטן,
געלאזן וואקסן ביימער אלע,
צום אנזען שיין, צום עסן גוט,
דעם לעבן - בוים אינמיטן גארטן,
און אויך דעם בוים פון וויסן גוטס און
שלעכטס.

און ס'פליסט א טייך ארויס פון עדן,
דעם גארטן אנצוטרינקען,
פון דארטן גייט ער זיך פאנאנדער
און ס'ווערן פיר טייכן פון אים:
איין טייך הייסט פישון, דער וואס פליסט
אין הולו-לאנד, וואו ס'איז די גאלד,
און אויך קרישטאל און שוהם-שטיין.
דער נאמען פונם צווייטן טייך
איז גיחון, פליסט אין לאנד פון כוש,
דער דריטער טייך, חידקל, פליסט
אין מזרח-זייט פון אשור-לאנד,
דער נאמען פונם פערטן — פרת.
האט גאט דעם מענטש אריינגעפירט
אין עדן-גארטן, ער זאל אים
באארבעטן און אפהיטן.
און גאט האט אנגעזאגט דעם מענטשן:
פון אלע ביימער מעגסטו עסן,
נאר ניט פון בוים פון וויסן גוטס
און שלעכטס,
ווייל אינם טאג, ווען דו וועסט עסן
פון זיינע פרוכטן, וועסטו שטארבן.
און ס'האט געזאגט גאט: ס'איז ניט גוט
דער מענטש זאל זיין אליין פאר זיך,
איך וועל א העלפערין אים שאפן.
און גאט האט פון דער ערד באשאפן
די חיות און די עופות אלע
און האט געבראכט זיי צו דעם מענטשן
צו זען, ווי ער וועט רופן זיי,
און ס'האט דער מענטש געגעבן נעמען

די בהמות, חיות און די עופות.
און פאַרן מענטשן האָט ער נאָך
קיין העלפּערין אַלץ ניט געפונען.
האָט גאָט אויף אים אַ שלאָף געוואָרפן
און האָט אין שלאָף ארויסגענומען
ביי אים אַ ריפּ, מיט פליש פארשלאָסן,
און האָט פון אָט דעם ריפּ געבויט
אַ פרוי און האָט איר אים געבראַכט.
און ס'האָט דער מענטש געזאָגט:
דעם מאָל
איז עס אַ ביין פון מיינע ביינער,
און פליש איז עס פון מיינע פליש;
זי דאַרף גערופן ווערן „אשה",
(ווייל פון אַן „איש" איז זי גענומען).
דערפאַר פאַרלאָזט מען טאַטע־מאַמע,
און מאַן און פרוי באַהעפטן זיך
און ווערןביידע ווי איין לייב.
און ס'איז דער מענטש און אויך
זיין ווייב
געגאַנגען נאַקעט, ניט געשעמט זיך.

## דער חטא.

און ס'איז דער שלאַנג געווען אַ קלוגער
מער ווי די אַלע פעלד־חיות
און ער האָט צו דער פרוי געזאָגט:
כאָטש גאָט האָט אָנגעזאָגט, איר זאָלט
פון אַלע ביימער דאָ ניט עסן —
און ס'האָט די פרוי געזאָגט דעם שלאַנג:
מיר מעגן אַלע פרוכטן עסן,
נאָר פונם בוים אינמיטן גאָרטן
האָט גאָט אונז אָנגעזאָגט ניט עסן
און זיך אַן אים ניט אָנרירן,
אויב ניט — וועלן מיר שטאַרבן.

און ס'האָט דער שלאַנג דער פרוי
געזאָגט:
פונדעסטוועגן וועט איר ניט שטאַרבן;
ווייל גאָט ווייס, אַז ווי נאָר איר עסט
די פרוכט פון אָט דעם בוים אינמיטן,
באַקומט איר אויגן אָפענע,
און איר וועט ווערן ווי די געטער
וואָס ווייסן אַלץ וואָס גוט און שלעכט.
און דאַמאָלס האָט די פרוי דערזען,
אַז ס'איז דער בוים צום עסן גוט,
און פאַרן אויג אַ לוסטיגקייט,
און ס'קען דער בוים אויך מאַכן קלוג,
האָט זי גענומען פון זיין פרוכט,
געגעסן און דעם מאַן געגעבן
און ער האָט אויך מיט איר געגעסן,
און ס'האָבן באַלד די אויגן זיך
ביי זיי געעפנט און זיי האָבן
דערוואוסט זיך, אַז זיי זיינען נאַקעט,
זיך אויפגענייט אַ פייגנבלאַט,
געמאַכט דערפון פאַר ביידן גאַרטלען.
און זיי האָבן דערהערט גאָטס שטים,
אין גאָרטן גייענדיג בייטאָג,
ווען ס'האָט אַ ווינטעלע געבלאָזן
און ביידע האָבן זיך באַהאַלטן
פאַר גאָט, דאָרט צווישן גאָרטן־ביימער.
האָט גאָט דעם מענטשן צוגערופן
און האָט געזאָגט צו אים: וואו ביסטו?
האָט ער געזאָגט: איך האָב דיין שטים
געהערט אין גאָרטן, זיך דערשראָקן
און זיך באַהאַלטן, ווייל כ'בין נאַקעט.
זאָגט גאָט: ווער האָט עס דיר דערציילט,
אַז דו ביסט נאַקעט? צי האָסטו

געגעסן פונם בוים, וואָס איך
האָב דיר געזאָגט, דו זאָלסט ניט עסן?
און ס'זאָגט דער מענטש: די פרוי וואָס דו
האָסט מיר געגעבן, האָט דערלאַנגט מיר,
האָב איך געגעסן. און ס'זאָגט גאָט
דער פרוי: וואָס האָסטו עס געטאָן?
האָט זי געענטפערט: ס'האָט דער שלאַנג
מיך אַנגערעדט, האָב איך געגעסן.
זאָגט גאָט צום שלאַנג: דערפאַר, וואָס דו
האָסט דאָס געטאָן, טאָ זײַ פאַרשאָלטן
פון אַלע בהמות און די חיות;
זאָלסט תמיד קריכן אויפן בויך
און עסן ערד דײַן גאַנצן לעבן
און איך וועל פײַנטשאַפט אײַנפלאַנצן
צווישן דיר און אַט דער פרוי,
און צווישן דײַן זאָמען און אירן,
ער וועט דיר טרעטן אויפן קאָפּ
און דו וועסט אים דעם פּוסטריט בײַסן.
און צו דער פרוי האָט ער געזאָגט:
איך גיב דיר ווייטאָגן בײַם טראָגן,
אין ווייטאָגן וועסטו געבוירן,
צום מאַן איז דײַן געלוסטעניש,
און ער געוועלטיגט איבער דיר.
צום מענטשן זאָגט ער: ווײַל דו האָסט
געפאָלגט דײַן ווײַב און פונם בוים
געגעסן, וואָס כ'האָב דיר באַפוילן,
אַז דו זאָלסט זײַנע פרוכט ניט עסן, —
פאַרשאָלטן זאָל פאַר דיר די ערד זײַן,
מיט מאַטערנישן זאָלסטו עסן
פון אירע שפּײַז דײַן גאַנצן לעבן
זי וועט דיר דערנער לאָזן שפּראָצן
און וועט דיר גראָזן געבן עסן,
מיט שווייס פון פּנים עסטו ברויט,
ביז דו קומסט ווידער צו דער ערד,
ווײַל ביסט פון איר געמאַכט געוואָרן,
ביסט שטויב און גייסט צוריק צום שטויב
און ס'האָט דער מענטש זײַן ווײַב
גערופן: חוה —
די מוטער פון אַ יעדערן בעל־חי.
און גאָט האָט פעל־העמדער געמאַכט,
באַקליידט דעם מענטשן מיט זײַן ווײַב.
און גאָט זאָגט: ס'איז דער מענטש
געוואָרן
ווי אונזער־איינער, צו פאַרשטיין
וואָס גוט איז און וואָס שלעכט.
איצט טאָמער שטרעקט ער אויס
זײַן האַנט
און נעמט אויך פונם לעבן־בוים
און עסט און בלײַבט אויף אייביק לעבן?
און גאָט האָט אים פון עדן־גאָרטן
אַרויסגעשיקט צום אַרבעטן
די ערד, פונוואַנען ער שטאַמט אָפּ.
האָט גאָט דעם מענטש אַרויסגעטריבן
און האָט בײַם עדן־גאָרטן פאַרנט,
געלאָזן שוועבן די כּרובים,
וואָס האָבן מיטן שווערד געפאָכט,
געהיט דעם וועג צום לעבן־בוים.

---

## קין און הבל.

און ס'האָט דער מענטש דערקענט זײַן
ווײַב
און זי איז טראָגעדיג געוואָרן
און האָט געבוירן קינען,
נאָכדעם זײַן ברודער הבלן.

און הבל איז געווען אַ פּאַסטוך
און קיין האָט די ערד באַאַרבעט
און אין אַ צייט אַרום האָט קיין
געבראַכט גאָט ערד־פּרוכט אַ געשאַנק
און ס'האָט אויך הבל אַ געשאַנק
געבראַכט די בעסטע פעטסטע שאָף.
האָט גאָט צו הבלן און זיין
געשאַנק געקערט זיך, אָבער ניט
צו קיינען און זיין געשאַנק.
האָט עס פאַרדראָסן קיינען,
און ער איז אומעטיג געוואָרן.
האָט גאָט געזאָגט צו קיינען:
פאַרוואָס האָט עס פאַרדראָסן דיר
און דו ביסט אומעטיג געוואָרן?
אויב דו ווערסט בעסער — שיינקט מען
דיר;

אַז ניט, בלייבט הויערן די זינד
ביים טיר מיט גלוסטעניש צו דיר, —
דו קענסט איר אָבער אויך באַהערשן.
און קיין האָט מיט הבלן,
זיין ברודער, אָפּגערעדט, און אַז
זיי זיינען אויפן פעלד געווען
איז קיין הבלן באַפאַלן
און האָט זיין ברודער טויט געשלאָגן.
האָט גאָט געזאָגט צו קיינען:
וואו איז דיין ברודער הבל?
זאָגט ער: איך ווייס ניט; צי בין איך
אַ שומר פון מיין ברודער?
און גאָט זאָגט: וואָס האָסטו געטאָן?
עס שרייט דאָך פון דער ערד אַרויס
דיין ברודערס בלוט צו מיר?
מאָ זיי פאַרשאָלטן פון דער ערד,

וואָס האָט זיך אויפגעעפנט
און איינגעזאַפּט דיין ברודערס בלוט;
ווען דו ווערסט איר באַאַרבעטן,
זאָל זי איר כּוח דיר ניט געבן
זאָלסט בלאָנדזשען, וואָגלען אויף דער
וועלט.

און קיין האָט געזאָגט צו גאָט:
איז מיין זינד גרויס, ניט צו פאַרטראָגן?
האָסט איצט פאַרטריבן מיר פון ד'ערד,
פון דיר וועל איך פאַרבאָרגן ווערן
און נע ונד זיין אויף דער וועלט,
און ווער ס'וועט מיר נאָר אָנטרעפן,
וועט קענען מיר דערהרגענען! —
זאָגט גאָט: ווער ס'הרגעט קיינען,
זאָל זיבנפאַכיג זיין באַשטראָפט
און האָט אַ צייכן אים געמאַכט,
אַז ווער ס'געפינט, זאָל אים ניט טויטן.
און קיין איז אַוועק פון גאָט
און זיך באַזעצט אין וואַנדער־לאַנד,
צו מזרח־זייט פון עדן.
און קיין האָט זיין ווייב דערקענט,
און זי האָט אים אַ זון געבוירן,
דער זון געבוירט אַן איירניקל,
אַן אור־איירניקל קומט נאָכדעם —
דער זעקסטער דור געווען איז למך.
און למך נעמט זיך ווייבער צוויי,
די איינע עדה און די צווייטע צילה,
האָט עדה יבלן געבוירן,
דעם פאָטער פון געצעלטן זיצערס
בי־באַהיצערס:
זיין ברודער יובל איז דער ערשטער
שפּילער אויף אַ האַרף און פידל.

און צילה האָט אַ זון געבוירן,
האָט ער געהייסן תּובל ־ קין,
געווען אַ שלייפער און אַ שמידער
פון קופערוואַרג און אייזנוואַרג:
און למך האָט אַמאָל געזאָגט
צו זיינע ביידע ווייבער:
עדה, צילה, הערט מיין קול
פאַרנעמט מיין וואָרט, איר למכ׳ס
ווייבער!
איך האָב אַ מענטש דערהרגעט,
איז עס מיר אַ וואונד;
איך האָב אַ קינד דערשלאָגן,
איז עס מיר אַ בייל;
זיבן מאָל וועט מען באַשטראָפט
פאַר קינען;
זיבעציג און זיבן מאָל —
פאַר למכן.
און ווידער האָט דער מענטש דערקענט
זיין ווייב, און זי האָט אים געבוירן
אַ זון, וואָס זי האָט שת גערופן.
געזאָגט: עס האָט מיר גאָט געגעבן
אַן אַנדער זון אָנשטאָט דעם הבל,
וואָס קין האָט אים טויטגעשלאָגן.
און שת האָט אויך אַ זון געבוירן
האָט מען אים אָנגערופן: אנוש.
און אנוש האָט אַ זון געבוירן,
דער זון געבוירט אַן אייניקל
אַן אוראייניקל קומט נאָכדעם
דער זעקסטער דור געווען איז חנוך,
און ס׳איז חנוך מיט גאָט געגאַנגען
און — ניט געוואָרן,
ווייל ס׳האָט גאָט אים צוגענומען.
זיין זון מתושלח האָט געלעבט
ניינהונדערט ניין און זעכציג יאָר.
און זיין זון האָט אַ זון געבוירן
און האָט אים אָנגערופן נח:
ער זאָל אונז אַ נחמה ברענגען
פון אונזער ווייטאָגדיגער פּראַצע
ביי דער פון גאָט פאַרשאָלטענער ערד.

## דער מבול.

און נח האָט דריי זין געבוירן,
שם און חם און יפת.
און ס׳איז די ערד געווען פאַרדאָרבן
און פול מיט רויבעריי
האָט גאָט געזאָגט צו נחן:
עס קומט דער סוף פון אַלע לייבער,
ווייל אַלע זיינען פול מיט רויב
און איך פאַרדאַרב זיי פון דער ערד.
מאַך זיך פון גופר ־ האָלץ אַ קאַסטן,
אין קעמערלעך זאָלסטו איר מאַכן
און זאָלסט איר אויסקלעפּן מיט פּעך
פון אינעווייניג, אויסעווייניג,
די לענג אירע דרייהונדערט איילן
און פופציג ברייט און דרייסיג הויך
און זאָלסט אין איר אַ פענצטער מאַכן
און אויבן בלויז אַן אייל די ברייט
די טיר פון קאַסטן אין דער זייט
און איינגעטיילט אין שטאָקן דריי.
און איך ברענג אויף דער ערד אַ מבול
וואָס וועט פאַרדאַרבן אַלע לייבער
מיט לעבן ־ אָטעם אונטערן הימל
אַלץ, וואָס אויף ערד איז, וועט פאַרגיין.

מיט דיר בלויז האַלט איך פעסט מיין
בונד
זאָלסטו אַריינגיין אין דער קאַסטן
מיט ווייב און זין און זינס ווייבער,
און אויך פון אַלץ, וואָס לייבט און לעבט
זאָלסטו צו צוויי אין קאַסטן ברענגען
צו לאָזן לעבן גלייך מיט דיר,
איין זכר, איין נקבה.
פון איטלעכס פויגל צו זיין מין,
פון איטלעכס בהמה צו איר מין,
פון ערד ־ קריכערס צו זייער מין,
פון איטלעכע צו פּאָר זאָל קומען
צו בלייבן לעבן דאָ מיט דיר
און דו נעם מיט פון אַלע שפּייזן
און ברענג אַריין מיט זיך אין קאַסטן,
זאָל זיין פאַר אַלעמען צום עסן.
און נח האָט אַזוי געטאָן,
ווי גאָט האָט אים באַפוילן.
און גאָט האָט נחן באַפוילן
אַריינגיין מיט זיין הויז־געזינד
אין קאַסטן, און אויך מיטנעמען
פון ריינע פי צו זיבן פּאָר
און ניט־ריינע צו איין פּאָר בלויז
און אויך פון פויגלען זיבן פּאָר
צו לאָזן זאָמען אויף דער וועלט
און נח האָט אַזוי געטאָן
און ס'איז אין זיבן טעג אַרום
דער מבול אויף דער ערד געקומען
געשפּאָלטן האָבן זיך די קוואַלן
פון גרויסן אָפּגרונט, און אין הימל
האָבן פענצטערס זיך געעפנט
און פערציג טעג און פערציג נעכט

האָט אַלץ געפּליוצט דער שטאַרקער רעגן
און אַז ס'האָט זיך געשטאַרקט דער
וואַסער
האָט עס דעם קאַסטן אויפגעהויבן
און אים געטראָגן אויפן וואַסער
און ס'האָט דער וואַסער זיך געשטאַרקט,
פאַרגאָסן אַלע הויכע בערג
מיט פופצן איילן איבער זיי
האָט זיך דער וואַסער אויפגעהויבן
און ס'איז פאַרגאַנגען איטלעכס לייב
וואָס ווימלט אונטן אויף דער ערד,
די קריכעדיגע און די פויגלען,
בהמות, חיות און די שרצים
און אויך דער מענטש, ווער נאָר עס האָט
אין זיך אַ לעבעדיגן אָטעם,
אַלץ וואָס נאָר אויף דער טריקעניש,
איז פונם מבול אויסגעשטאָרבן,
און אָפּגעמעקט אַל דער באַשאַף
פון מענטש ביז פי ביז קריכעדיגס
געבליבן נח בלויז אַליין
מיט זיין געזינד מיט אים אין קאַסטן.
און ס'האָט דער וואַסער זיך געשטאַרקט
אויף דרעד ביז הונדערט פופציג טעג.

*

און גאָט האָט נחן דערמאָנט
און אַלע חיות און בהמות,
וואָס זיינען דאָרט מיט אים אין קאַסטן,
און האָט אַ ווינט אַדורכגעלאָזט,
און ס'איז דער וואַסער שטיל געוואָרן:
פאַרשטאָפּט די קוואַלן פונם אָפּגרונט
און אויך די פענצטערס פונם הימל,
און ס'האָט דער רעגן אויפגעהערט.

און ס'קערט דער וואַסער זיך צוריק,
ווערט ווינציגער אַלץ אויף דער ערד,
און ס'האָט דער קאַסטן זיך געשטעלט
אויף איינעם פון די בערג הררט
און ווינציגער אַלץ ווערט דער וואַסער
ביז ס'האָבן זיך אַרויסגעוויזן
די שפּיצן פון די הויכע בערג
האָט נח דאַמאָלס אויפגעעפנט
דעם פענצטער פונם קאַסטן און
אַרויסגעשיקט די קראָ אינדרויסן
איז זי אַרויס, צוריקגעקומען
און אַלעמאָל געפלויגן ווידער,
ביז אויסגעטריקנט איז דער וואַסער,
און ער האָט אויך געשיקט די טויב
צו זען אויב ס'איז דער וואַסער גרינגער
און ס'האָט די טייבעלע קיין רו
פאַר אירע פיסלעך ניט געפונען,
זיך אומגעקערט צוריק אין קאַסטן,
ווייל ס'איז נאָך וואַסער אויף דער ערד,
האָט נח אויסגעשטרעקט זיין האַנט,
אַריינגענומען איר אין קאַסטן
און ווידער זיבן טעג געוואַרט,
אַרויסגעשיקט די טויב פון קאַסטן,
און ס'איז די טויב צוריק פאַרנאַכט־צייט
געקומען מיט אַן אָפּגעריסן
איילבערט - בלעטל אין איר מויל
האָט נח דאַמאָלס זיך דערוואוסט,
אַז ס'איז דער וואַסער גרינגער שוין
און ווידער זיבן טעג געוואַרט,
די טויב צוריק אַרויסגעשיקט,
איז זי צו אים שוין ניט געקומען.
און נח האָט אַראָפּגענומען
דעם צודעק פון דער קאַסטן
און אַט — די ערד איז אָפּגעטריקנט.
האָט גאָט געזאָגט צו נחן:
גיי אַרויס פון קאַסטן, דו,
דיין ווייב און זין און זינס ווייבער
און אַלע לעבעדיגע וועזנס,
פון פויגלען, בהמות, קריכעדיגס,
זיי זאָלן ווימלען זיך אויף ד'רערד
און פרוכפּערן און מערן זיך.
און נח איז אַרויס פון קאַסטן
מיט אַלע לעבעדיגע וועזנס
און אַ מזבח אויפגעבויט
און אויפגעבראַכט אויף אים קרבנות
פון אַלע ריינע לעבעדיגע.
האָט גאָט דערשמעקט דעם ליבן ריח
און האָט געטראַכט ביי זיך אין האַרצן:
איך וועל ניט שילטן מער די ערד
פון מענטשנס וועגן, ווייל עס איז
דעם מענטשנס האַרץ פון יוגנט שלעכט
און כ'וועל שוין מער ניט אומברענגען
די אַלע לעבעדיגע וועזנס
ווי איך האָב עס אַצינד געטאָן
אַזוי לאַנג ווי די ערד וועט לעבן
וועט זייאונג, שניט און קעלט און היץ
און זומער, ווינטער, טאָג און נאַכט
שוין קיינמאָל ניט געשטערט ווערן,
און גאָט האָט נחן געבענטשט
און זיינע זין און זיי געזאָגט:
איר זאָלט זיך פרוכפּערן און מערן
און אָנפילן די וועלט
און פאָרכט און שרעקעניש פאַר אייך
זאָל זיין אויף אַלע חיות, עופות,

אויף ווימלענישן פון דער ערד
אויף אַלע מינים פיש פון ים —
אַלץ איז אין אייער האַנט געגעבן.
אַלץ וואָס עס קריכט און וואָס עס לעבט
קען זיין פאַר אייך אַן עסנוואַרג,
ווי קרויט און גרינס צו אייך געגעבן
נאָר פלייש, וואָס לעבט טאָרט איר ניט
עסן
און אויך זיין בלוט טאָרט איר ניט עסן
און בלוט פון אייער מענטשיש לייב
וועל איך ניט שענקען קיינעם ניט,
כ'וועל פאָדערן ביי איטלעכס חיה
כ'וועל פאָדערן ביי איטלעכס מענטשן
ווער ס'וועט פאַרגיסן מענטשיש בלוט
זאָל זיין בלוט אויך פאַרגאָסן ווערן
ווייל אין גאָטס פּנים איז דער מענטש
געמאַכט
און איר זאָלט פרוכפּערן זיך און מערן
און ווימלען אויף דער ערד אין מאָסן!
און איך שטעל אויף מיט אייך מיין בונד
אַז ס'וועט קיין לייב ניט אומקומען
און ס'וועט קיין מבול מער ניט זיין
צו אומברענגען די גאַנצע וועלט.
אָט איז דער צייכן פונם בונד,
וואָס איך מאַך צווישן מיר און אייך:
איך גיב מיין בויגן אינם וואָלקן,
וועט ער אַ צייכן זיין פון בונד,
און ווען איך ברענג אויף ערד אַ וואָלקן
און מ'וועט דעם רעגנבויגן זען,
וועל איך דערמאָנען זיך מיין בונד,
וואָס צווישן מיר און צווישן אייך
און צווישן אַלץ, וואָס לעבט און לייבט,
און ס'וועט קיין מבול מער ניט זיין,
די אַלע לייבער צו פאַרדאַרבן.

---

## נאָכן מבול.

אַז נח איז אַרויס פון קאַסטן,
איז ער אַן אַקערמאַן געוואָרן
און האָט אַ וויינגאָרטן געפלאַנצט,
ער האָט מיט וויין זיך אָנגעשיכּורט
און אָפּגעדעקט זיך אין געצעלט.
האָט חם, זיין זון, דער פאָטער כּנענס,
דערזען זיין פאָטערס נאַקעטקייט,
איז ער אין דרויסן באַלד אַרויס
און האָט די ברידער עס דערציילט.
און שם און יפת האָבן דאַמאָלס
אַ קלייד גענומען אויף די אַקסלען,
געגאַנגען ביידע הינטערווייַלעכס,
דעם פאָטערס נאַקעטקייט פאַרדעקט,
די פּנימער פאַרדרייט אויף הינטן,
דעם טאַטנס ערווה ניט געזען.
אַז נח האָט זיך אויסגעניכטערט,
דערוואוסט זיך, וואָס עס האָט געטאָן
זיין יונגער זון, האָט ער געזאָגט:
פאַרשאָלטן כּנען! זיין זאָל ער
אַ קנעכט פון קנעכט ביי זיינע ברידער!
געבענטשט זאָל זיין דער גאָט פון שם,
אין שמס געצעלטן זאָל ער וואוינען,
און יפת זאָל מיט גוטס זיין זאַט,
און כּנען זאָל ביי זיי אַ קנעכט זיין!
און נח האָט געלעבט ניינהונדערט
און פופציק יאָר און איז געשטאָרבן.
און ס'האָבן נחס זין די דריי

געבוירן קינדער נאָכן מבול
און ס'האָבן זיך פון זיי פאַרשפּרייט
די פעלקער איבער אַלע לענדער.
און חמס אַן איניקל איז נמרוד,
דער ערשטער יאַכט־העלד אין דער וועלט
דעריבער פלעגן מענטשן זאָגן.
,,ער איז אַ יאַכט־העלד פונקט ווי
נמרוד!"

זיין הערשאַפט איז געווען אין בבל
און נאָך געביטן אין לאַנד שנער
פון דאָרטן איז געקומען אשור
און די שטאָט נינוה אויפגעבויט,
און נאָך אַן איניקל, מצרים,
האָט אויך אַרויסגעבראַכט די פלישתים.
פון כנען זיינען אויך געקומען
דער חתי, יבוסי און אמורי
און אַלע אַנדערע כנענס פעלקער
אויך שם און יפת האָבן קינדער
געבראַכט, די פאָטערס פון די פעלקער
אַזוי זיינען פאַרמערט געוואָרן
די אַלע פעלקער נאָכן מבול.

## דער דור הפלגה.

און ס'איז די גאַנצע וועלט געווען
איין לשון און געציילטע ווערטער;
געוואַנדערט פון דער מזרח־לאַנד,
אַ טאָל געפונען אין לאַנד שנער,
האָבן זיי דאָרטן זיך באַזעצט.
און איינער זאָגט צום אַנדערן:
,,קום, לאָמיר אויסברענען דאָ ציגל!"
און ציגל איז געווען פאַר שטיינער,
און וואַפנע איז געווען פאַר ליים.
און מענטשן האָבן זיך געזאָגט.
מיר וועלן בויען זיך אַ שטאָט,
אַ טורים, מיטן שפּיץ צום הימל,
מיר וועלן זיך אַ נאָמען מאַכן,
ווייל טאָמער ווערן מיר פאַרשפּרייט
פונדאַנען איבער גאָר דער וועלט.
און ס'האָט אַראָפּגענידערט גאָט
צו זען די שטאָט און אויך דעם־טורים,
וואָס מענטשן האָבן אויפגעבויט.
און האָט געזאָגט: אָט איז איין פאָלק,
אַ שפּראַך איינאיינציגע ביי אַלע
און הויבן אָן אַזוינס צו טאָן שוין —
וועט דאָך אַצינד זיי שוין ניט שווער זיין
טאָן אַלץ, וואָס זיי פאַרטראַכטן נאָר.
לאָמיר אַראָפּנידערן דאָרטן
און זיי צומישן זייער שפּראַך,
ס'זאָל איינער ניט פאַרשטיין דעם אַנדערן
און גאָט האָט זיי פון דאָרט פאַרשפּרייט
אויף גאָר דער וועלט, און זיי האָבן
שוין אויפגעהערט די שטאָט צו בויען.
האָט מען דעם אָרט גערופן בבל,
ווייל דאָרט האָט גאָט צומישט דעם לשון,
פון דאָרט פאַרשפּרייט זיי אויף דער
וועלט.

און דאָס איז די געשיכטע שמס:
ער האָט אַ זון געהאַט אַרפּכשד,
און דורות ווייטערדיגע זיינען:
שלח, עבר, פלג, רעו,
שרוג און נחור, זיין זון תרח,
און תרח האָט געהאַט דריי זין:
אברם און נחור און אויך הרן,

איז הרן יונגערהייד געשטאָרבן
אין זיין געבורט־לאַנד, אין אור־כשדים
און תרח האָט זיין זון אַברם
און לוט זיין אייניקל גענומען

און האָט פאַרלאָזט מיט זיי אור־כשדים
געלאָזט זיך ־ין אין לאַנד כנען
געקומען! בלויז ביז חרן און
באַזעצט זיך דאָרט און דאָרט געשטאָרבן.

# די אבות

## אברהם.

... און תרח האָט דריי זין געבוירן,
דער עלצטער האָט אברם געהייסן,
און תרח איז מיט זיינע קינדער
פון זיין געבוירן־שטאָט אור כשדים
אַוועק און זיך באַזעצט אין חרן.
און ס'איז געווען אַברם'ס ווייב שרי,
אַן אומפּרוכטבאַרע — אָן אַ קינד.
און ס'האָט אַברם גאָטס וואָרט פאַרנומען
ער זאָל אַוועק פון פאָטערס הויז,
פון זיין געבוירן־אָרט און לאַנד,
און ער וועט ווערן אַ גרויס פאָלק,
וועט זיין געבענטשט און גרויס
זיין נאָמען
און ווער עס בענטשט אים ווערט
געבענטשט
און ווער עס שילט אים איז פאַרשאָלטן
און ס'וועלן בענטשן זיך מיט אים
די שטאַמען אַלע פון דער ערד.
האָט ער גענומען זיין ווייב שרי
און לוט, זיין ברודער חרנס זון,
און אַל דאָס גוטס און דינערשאַפט,
אַלץ וואָס אין חרן איינגעשאַפט,
און זיך געלאָזט אין לאַנד כנען,
וואו ס'איז דער כנעני נאָך געזעסן,
און גאָט האָט אים אַזוי געזאָגט:
„איך גיב דאָס לאַנד צו דיינע קינדער".
האָט ער געבויט דאָרט אַ מזבח
צו גאָט, וואָס האָט זיך אים באַוויזן,
און זיך גערוקט צום באַרג אַלץ נענטער,
געלאָזן זיך צו דרום זייט.

*

און ס'איז אין לאַנד געווען אַ הונגער,
האָט ער געלאָזט זיך קיין מצרים,
און פּרעה האָט אים גוטס געטאָן,
געשיקט די קנעכט באַגלייטן אים
מיט ווייב און אַלע זיינע לייט,
און ס'האָט אַברם געהאַט אַ סך
אי שאָף אי רינדער און אויך אייזלען
און קנעכט און דינסטן און אויך קעמלען
און זילבער אויך און גאָלד אַ סך —
געגאַנגען ווייטער אַלץ צו דרום.

---

### לוט

אויך לוט האָט שאָף געהאַט אַ סך
אויך רינדער און אַ סך געצעלטן
און ס'האָט די ערד זיי ניט פאַרטראָגן
מיט אַל די גרויסע רייכטימער;
ס'פלעגט צווישן ביידנס פאַסטוכער
אַ קריג זיין שטענדיג וועגן פּאַשע.
און ס'האָט אַברם געזאָגט צו לוטן:
מיר זיינען ביידע ברידער דאָך,
טאָ זאָל ביי אונז קיין קריג ניט זיין;

די גאַנצע ערד איז דאָך פאַר דיר,
לאָמיר ־ זשע זיך פאַנאַנדערשיידן,
אויב דו גייסט לינקס, גיי איך אויף
רעכטס,
אויב דו גייסט רעכטס, גיי איך אויף
לינקס.
האט לוט אַ הויב געטאָן זיין בליק,
דערזען דעם גאַנצן פּליין פון ירדן,
וואָס איז פון אים געווען באַוואַסערט
און פעט געווען פונקט ווי גאָטס גאָרטן,
ווי ס'לאַנד מצרים, לעבן צוער;
האט לוט דעם פּליין זיך אויסגעקליבן
און ס'האָבן ביידע זיך צעשיידט,
אברהם איז אין לאַנד כנען געזעסן
און לוט האָט אויסגעשפּרייט געצעלטן
דאָרט אין די שטעט פון פּליין, ביז סדום.
*
און גאָט האָט דאָרט געזאָגט אברמען,
ווען לוט האָט זיך מיט אים צעשיידט:
הויב אויף דיין בליק און זע דעם אָרט
אין צפון, דרום, מזרח, מערב
דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס דו זעעסט דאָ,
וועל איך אַוועקגעבן צו דיר
און צו דיין נאָכקום ביז אויף אייביק.
און כ'מאַך דיין נאָכקום ווי דעם שטויב;
פונקט ווי מ'קען דעם שטויב ניט ציילן,
וועט אויך דיין נאָכקום ניט געציילט.
גיי דורך דאָס לאַנד אין לייג און ברייט,
איך גיב אינגאַנצן דיר אַוועק.
*
און ס'האָבן דאַמאָלס פיר מלכים
געמאַכט מלחמה קעגן פינף ——
בראש פון פיר שטייט כּדרלעומר
און צווישן פינף איז מלך סדום;
צונויפגעקומען זיך אין קאַלך ־ טאָל,
וואָס רופט זיך אויך דער ים ־ המלח.
ווייל צוועלף יאָר האָבן זיי, די פינף,
געדינט דעם מלך כּדרלעומר
און אויפן דרייצנטן געזינדיגט.
און ס'איז דער קאַלך ־ טאָל פול געווען
מיט גריבער, גריבער ליימיגע.
און ס'זיינען אינם טאָל אַנטלאָפן
די מלכים סדום'ס און אויך עמורה'ס
און זיינען דאָרט אַריינגעפאַלן
און כּדרלעומר האָט פאַרנומען
די גאַנצע גוטס און עסנוואַרג
פון יענע מחנות און אַוועק,
פאַרנומען אויך די גוטס פון לוטן,
וואָס איז אין סדום געזעסן דאַמאָלס.
און איינער אַן אַנטרונענער
האָט אָנגעזאָגט אַבֿרם דעם עברי,
אַז לוט זיין ברודער איז געפאַנגען,
האָט ער באַוואָפנט זיינע הויז ־ לייט,
דרייהונדערט אַכטצן מאַן צוזאַמען,
געיאָגט ביינאַכט פון ביידע זייטן
געכאַפּט ביי חובה, ביי דמשק,
אַוועקגענומען אַל דאָס גוטס,
אויך לוטן מיט זיין גוטס געבראַכט,
און אויך די ווייבער און דאָס פאָלק.
און ווען ער איז צוריק געגאַנגען
האָט אים דער מלך סדום באַגעגנט
און מלכּי ־ צדק, מלך שלם,
האָט ברויט מיט וויין אים צוגעטראָגן;
געווען אַ פּריסט צום העכסטן גאָט

און האָט געגעבן אים אַ ברכה:
געבענטשט זאָל זיין אַברם צו גאָט,
וואָס האָט געשאַפן הימל, ערד;
געבענטשט איז אויך דער העכסטער גאָט,
וואָס האָט דיין פיינט דיר
אונטערטעניגט —
אַברם האָט מעשר אים געגעבן.

*

און מלך ־ סדום זאָגט צו אַברמען:
גיב מיר אַוועק בלויז די נפשות
און די פאַרמעגנס נעם זיך צו.
און ס׳זאָגט אַברם צום מלך סדום:
כ׳הויב אויף מיין האַנט צום העכסטן גאָט
וואָס האָט געשאַפן הימל, ערד,
אויב איך נעם פון דאָס דייניגע
אַ פאָדים, צי אַ שוך ־ בענדל;
דו זאָלסט ניט קענען זאָגן שפּעטער:
איך האָב אַברמען רייך געמאַכט,
ניט איך, נאָר בלויז די יונגען מיינע
און די פאַרבינדעטע, זיי האָבן
אַ טייל פאַרנומען און געגעסן.

## דער ברית בין הבתרים.

נאָכדעם האָט גאָט געזאָגט אַברמען:
האָב ניט קיין מורא, כ׳בין דיין שוץ,
און זייער גרויס וועט זיין דער לוין;
און ס׳פרעגט אַברם: וואָס גיסטו מיר?
איך גיי דאָך אָן אומפּרוכטבאַרער,
און אליעזר, פון דמשק,
איז דאָך דער פירער אין מיין הויז;
האָסט מיר קיין קינדער ניט געגעבן,
וועט דאָך מיין הויז־קינד זיין מיין יורש!
און ס׳איז צו אים געוועזן גאָטס וואָרט:
ניין, דער וועט דיך ניט ירשנען,
נאָר ווער ס׳קומט פון דיין לייב אַרויס,
אָט יענער וועט דיין יורש זיין!
אַרויסגעפירט אים פון געצעלט
און אים געזאָגט: קוק נאָר צום הימל,
צי קענסטו דאָרט די שטערנס ציילן?
אַזוי וועט אויך דיין נאָכקום זיין!
און ס׳האָט אַברם געגלויבט אין גאָט
געגלויבט, אַז ער טוט גנאָד מיט אים.
און גאָט האָט ווייטער אים געזאָגט:
איך בין דער גאָט, וואָס האָט געבראַכט
דיך פון אור ־ כשדים, אָפּצוגעבן
דיר האָט די לאַנד צום אייגנטום.
האָט ער געזאָגט: מיין גאָט, מיט וואָס־
ווייס איך, אַז כ׳וועל איר ירשנען?
האָט גאָט געזאָגט: ברענג מיר אַ קאַלב,
אַ ציג, אַ באַראַן, טויבן צוויי,
אַן אַלטע און אַ יונגינקע.
האָט ער געבראַכט אים אָט דאָס אַלץ,
צושניטן איטלעכס שטיק אינמיטן,
געלייגט די שטיקער איינס ביי איינס
און נאָר די פויגל ניט צושניטן
און אַז די פויגל איז געפלויגן
און אויף די שטיקער זיך געלאָזט,
האָט איר אַברם אַראָפּגעיאָגט.
און ווי די זון האָט זיך געזעצט,
איז אים אַ שווערער שלאָף באַפאַלן;
אַ מוראדיגע פינצטערניש
האָט אים אַרומגעכאַפּט אינגאַנצן,
און ס׳האָט אַ קול צו אים גערעדט:
זיי ווייסן, אַז דיין נאָכקום וועט

אַ פרעמדלינג זיין אין פרעמדער לאַנד,
אין קנעכטשאַפט און אין פייניגונג
וועט ער דאָרט זיין פיר הונדערט יאָר,
און אויך דעם פאָלק, זיין פייניגער,
וועל איך באַשטראָפן, און נאָכדעם
וועט ער, דיין נאָכקום, ווערן פריי
און וועט אַרויס מיט גרויס פאַרמעגן.
און דו וועסט אין גוט ־ עלטער שטאַרבן,
צו קבר קומען, אין גרויס שלום.
און ווי די זון איז נאָר פאַרגאַנגען,
איז באַלד שטאָק ־ פינצטערניש געוואָרן,
און ס'שטייט אַן אויוון רויכערדיג
און ס'גייט פון אים אַ פלאַקער פייער
און לאָזט זיך צווישן אָט די שטיקער.
אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן
מיט אים אַ בונד אַן אייביגן:
איך גיב דיין נאָכקום אָפּ די לאַנד
פון טייך מצרים ביזן פרת.

## שרה און הגר.

און שרי די פרוי פון אַברמען
האָט אים אַלץ קיין קינד ניט געבוירן.
און זי האָט אַ מצרישע דינסט,
איר נאָמען איז הגר; זאָגט שרי:
טאָ נעם זשע מיין דינסט פאַר אַ ווייב,—
פון איר ווער איך אפשר געבויט.
אַברם האָט געפאָלגט שרי'ס וואָרט,
און אַז ס'איז אַריבער צען יאָר,
זינט ער האָט אין כנען זיך באַזעצט,
האָט ער די דינסט הגר גענומען
און זי איז געוואָרן זיין ווייב.
איז הגר פאַרגאַנגען אין טראָגן;
געזען אַז זי טראָגט, איז איר האַרין
ביי איר שוין געוואָרן גאָר קליין.
האָט שרי געזאָגט צו אַברמען:
מיין אומרעכט האָסטו מיר געבראַכט;
איך האָב דיר געגעבן מיין דינסט,
און איצט, אַז זי טראָגט, בין איך שוין
ביי איר אין די אויגן, גאָר קליין;
זאָל גאָט צווישן אונז זיין אַ שופט!
און ס'ענטפערט אַברם און זאָגט שרי'ן:
,,דיין דינסט איז ביי דיר אין דער האַנט,
נעם, טו מיט איר, וואָס דיר געפעלט!"
האָט שרי געפייניגט איר דינסט,
ביז זי איז אַנטלאָפן פון איר.
און ס'האָט איר אַ מלאך געטראָפן
ביים קוואַל, אויפן וועג אין דער מדבר,
און זאָגט צו איר: הגר, דו שפחה
פון שרי, פונוואַנען — וואוהין?
און זי זאָגט: כ'אַנטלויף פון מיין האַרין!
זאָגט ווידער דער מלאך צו איר:
גיי באַלד צו דיין האַרין צוריק
און פייניג זיך אונטער איר האַנט;
און איך וועל פאַרמערן דיין נאָכקום
ניט איבערצוציילן די צאָל;
ביסט טראָגעדיג, וועסט געבוירן
אַ זון — זאָלסטו אים רופן ,,ישמעאל"!
ווייל צוגעהערט האָט גאָט דיין פיין,
און ער וועט אַ מענטש זיין אַ ווילדער,
מיט איטלעכן רק אין געשלעג,
שפרייט אומעטום אויס זיין געצעלט.
איז הגר געגאַנגען צוריק,
געבוירן אַברמען אַ זון
און ס'האָט אים דער פאָטער גערופן

ישמעאל. געווען איז אברם
זעקס און אכציג יאָר אַלט ביים געבוירן.

## דער געבאָט פון מילה.

און אַז אברם איז אַלט געוואָרן
ניין און ניינציג יאָר
האָט גאָט באַוויזן זיך צו אים;
איז באַלד אברם צו ד'ערד געפאַלן,
און גאָט האָט אים געזאָגט:
איך בין דער אַלמעכטיגער גאָט
זיי גאַנץ מיט מיר, שליס איך מיין בונד
מיט דיר און מאַך דיר זייער צאָלרייך
און ווערסט אַ פאָטער פון פיל פעלקער
און ניט אברם וועט מען דיך רופן,
נאָר אברהם, אַ פעלקער - פאָטער,
און וועסט זיך פרוכפּערן גאָר שטאַרק
און מלכים קומען פון דיין לייב,
און איך וועל זיין ביי דיר אַ גאָט
און ביי דיין נאָכקום אויף דור - דורות,
און כ'וועל דיר און דיין נאָכקום געבן
אָט די לאַנד כנען, וואו דיין וואוינשאַפט,
פאַר אַן אייגנטום אויף אייביג,
און דו זאָלסט אָפּהיטן מיין בונד
דו און דיין נאָכקום אויף דור - דורות;
איר זאָלט באַשניידן איטלעכס זכר,
אראָפּשניידן די ערלה - פלייש,
וועט דאָס דער בונד זיין צווישן אונז,
אַז איטלעכס זכר, אכט טעג אַלט,
צי ער איז אין דיין שטוב געבוירן,
צי פאַר דיין געלט געקויפט ביי פרעמדע,
אַלציינס מוז ער באַשניטן ווערן,
מיין צייכן מוז זיין אין זיין לייב
און בלייבן דאָרט אַ בונד אויף אייביג
און אויב אַ זכר בלייבט אַן ערל,
זיין ערלה - פלייש ניט אָפּגעשניטן,
וועט ער אַליין פאַרשניטן ווערן
פון מיין פאָלק — האָט מיין בונד
פאַרשטערט!
און אויך דיין ווייב הייסט מער ניט שרי,
נאָר שרה רוף איר, און איך בענטש איר,
און דו באַקומסט פון איר אַ זון
און ס'וועלן פעלקער פון איר קומען
און מלכים פון איר אינגעווייד.
איז אברהם צו דר'ערד געפאַלן
און האָט געלאַכט און האָט געטראַכט
צי ווען אַ מאַן איז הונדערטיעריג
און אויך זיין פרוי איז ניינציגיעריג, —
צי ווערט ביי זיי אַ קינד געבוירן?
און אברהם האָט גאָט געבעטן:
,,זאָל כאָטש ישמעאל בלייבן לעבן!"
נאָר גאָט האָט אים געזאָגט: פאַרוואָר!
דיין שרה, וועט אַ זון געבוירן,
וועסט אים אַ נאָמען געבן יצחק
און איך שטעל אויף מיין בונד מיט אים,
אַ בונד אַן אייביגן אויף דורות.
און אויך ישמעאלן דיין זון
האָב איך געבענטשט און פרוכפּער אים
און איך פאַרמער אים זייער שטאַרק
ער וועט געבוירן פירשטן צוועלף
און כ'מאַך פון אים אַ גרויסן פאָלק,
מיין בונד אָבער האָב איך געשלאָסן
מיט יצחקן, דיין זון פון שרה'ן
וואָס וועט ביי דיר געבוירן ווערן
אין אָט דער צייט אין צווייטן יאָר.

און ווי ס'האָט גאָט זיך אָפּגעטאָן,
האָט אברהם גענומען באַלד
זיין זון ישמעאל און די זכרים,
צו אין זיין שטוב געבוירענע,
צו פאַר זיין געלט דערוואָרבענע,
האָט אַלעמען און זיך אַליין
די ערלה - פלייש אַראָפּגעשניטן
אין זעלבן טאָג, ווען ער איז אַלט
געוואָרן ניין און ניינציג יאָר
און דרייצן יאָר זיין זון ישמעאל.

---

## די דריי מלאכים.

און גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן
אין ממרא'ס פּליינען, ווען דער טאָג
איז הייס געווען, און אברהם
זיצט פאַרן טיר פון זיין געצעלט.
און ער הויבט אויף זיין בליק און זעט,
עס שטייען לעבן אים דריי מענער,
איז ער געלאָפן זיי אַנטקעגן,
געבוקט זיך און געזאָגט: מיין האר,
אויב איך האָב חן ביי דיר געפונען
גייט ניט אַוועק פון אייער קנעכט;
מ'וועט אַ ביסל וואַסער ברענגען,
און איר וועט אָפּוואַשן די פיס
און צושפּאַרן זיך דאָ ביים בוים,
און איך וועל נעמען ברויט אַ פּענעץ,
וועט איר די הערצער אונטערלענען,
און נאָכדעם וועט איר ווייטער גיין.
און זיי האָבן געענטפערט אים:
גוט, טו אַזוי, ווי האָסט געזאָגט.
און אברהם איז באַלד געלאָפן
צו שרה'ן אין געצעלט אַריין,
געזאָגט: „ברענג גיך דריי מעסטלעך מעל
און קנעט עס אויס און באַק אויס קוכנס".
ער איז געלאָפן צו די רינדער,
אַ רינד אַ יונגינקן גענומען,
אַ ווייכינקן, אַ גוטינקן,
געגעבן אים דעם יונג צו מאַכן,
גענומען שמאַנט און מילך צום רינד
און אַלץ אַוועקגעשטעלט פאַר זיי
און ער איז איבער זיי געשטאַנען,
געקוקט, ווי זיי האָבן געגעסן,
און זיי האָבן געפרעגט אויף שרהן;
און ער זאָגט: זי איז אין געצעלט.
און איינער זאָגט: איך קום אַהער
אין צווייטן יאָר אין אָט דער צייט,
און דיין ווייב שרה האָט אַ זון.
און שרה שטייט און הערט זיך איין
דאָרט לעבן אייגאַנג פון געצעלט,
האָט זי געלאַכט אין זיך, געמיינט:
זאָל איך איצט, אויף דער עלטער, ווערן
צוריק יונג? אויך מיין מאַן איז אַלט!
האָט גאָט געזאָגט צו אברהמען:
למאי האָט שרה איצט געלאַכט:
„זאָל איך געבוירן? כ'בין דאָך אַלט!"
צי איז עס עפּעס פאַר גאָט אוממעגלעך?
אין צווייטן יאָר קום איך אַהער —
און שרה וועט אַ זון שוין האָבן!
און שרה האָט פון פאָרכט געלייקנט,
געזאָגט: ניין, איך האָב ניט געלאַכט!
און ער זאָגט: ניין, האָסט יע געלאַכט!

## סדום.

די לייט זיינען פון דאָרט אַוועק,
און אברהם האָט זיי באַלייט,

און זיי האָבן אויף סדום געבליקט.
זאָגט דאַמאָלס גאָט צו אברהמען:
די קלאָג אויף סדום און אויף עמורה
איז זייער גרויס און שווער פאַר מיר;
אָט וועל איך נידערן און זען,
צי האָבן זיי אַזוי געזינדיגט,
ווי עס דערגייט צו מיר די קלאָג,
צי זאָל איך זיי פאַרטיליגן —
איך וועל שוין וויסן וואָס צו טאָן! —
און ס'האָב זיך די דריי געווענדט,
אַוועק קיין סדום; און אברהם
שטייט דאָרט נאָך אין געבעט פאַר גאָט,
און ער דערנענטערט זיך און זאָגט:
צי וועסטו אויך פאַרטיליגן
דעם צדיק מיטן רשע גלייך?
און אויב פאַראַן צדיקים פופציג
וועסטו דעם אָרט ניט מוחל זיין
צוליב אָט די צדיקים פופציג?
חלילה, זאָלסט אַזוינס ניט טאָן,
דעם צדיק טויטן מיטן רשע,
ס'זאָל זיין דער צדיק ווי דער רשע, —
צי זאָל דער שופט פון דער וועלט
ניט אויספירן גערעכטיקייט?!
האָט גאָט געזאָגט: אויב איך געפין
צדיקים פופציג נאָר אין סדום,
וועל איך דעם גאַנצן אָרט פאַרגעבן.
האָט אברהם געפרעגט אים ווייטער:
איך האָב שוין אָנגעהויבן ריידן,
און איך בין בלויז דאָך שטויב און אַש;
און אפשר פעלן פון די פופציג
צדיקים פינף — וועסטו פאַרדאַרבן
צוליב די פינף די גאַנצע שטאָט?

זאָגט גאָט אים: איך וועל ניט פאַרדאַרבן,
אויב איך געפין דאָרט פינף און פערציג.
און אברהם פרעגט ווייטער גאָט:
און אויב עס וועלן זיין בלויז פערציג?
זאָגט גאָט: כ'פאַרדאַרב ניט צוליב פערציג.
און ער זאָגט: זאָל דיר ניט פאַרדריסן;
און אפשר וועלן זיין בלויז דרייסיג?
זאָגט גאָט: איך טו עס ניט ביי דרייסיג.
— און אפשר וועלן זיין בלויז צוואַנציג?
— פאַרדאַרב איך ניט צוליב די צוואַנציג.
— און אויב ס'געפינען זיך בלויז צען?
— פאַרדאַרב איך ניט צוליב די צען.
נאָכדעם האָט גאָט זיך אָפּגעטאָן
און אברהם איז אויך אַוועק.

*

און ס'זיינען די מלאכים צוויי
קיין סדום פאַרנאַכט אַריינגעקומען,
און לוט זיצט אינעם טויער סדומס,
האָט ער געזען, זיך אויפגעשטעלט,
געבוקט זיך צוויי מאָל צו דער ערד
און האָט געזאָגט: אָט, מיינע הארן,
טרעט אָפּ אין הויז פון אייער קנעכט
און נעכטיגט און וואַשט אָפּ די פיס
און אינדערפרי וועט איר אַוועקגיין.
נאָר זיי האָבן געענטפערט: ניין,
מיר וועלן נעכטיגן אין גאַס!
האָט ער זיי זייער שטאַרק געבעטן,
ביז זיי זיינען מיט אים אַוועק,
אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז,
האָט ער פאַר זיי געמאַכט אַ מאָלצייט,
געבאַקן מצות און דערלאַנגט.

און איידער נאָך זיי ליגן זיך,
און ס'קלייבן זיך צונויף די סדום־לייט,
פון יונג ביז אַלט, דאָס גאַנצע פאָלק,
און האָבן לוטן אָנגעפרעגט:
וואו זיינען יענע מענטשן, וואָס
געקומען היינט ביינאַכט צו דיר?
פיר זיי אַרויס צו אונז אַהער,
מיר ווילן זיך מיט זיי באַקענען!
איז לוט אַרויס צו זיי צום טיר —
די טיר פאַרשלאָסן הינטער זיך —
און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:
ניין, ברידער מיינע, טוט קיין שלעכטס
ניט!

אָט האָב איך מיינע טעכטער צוויי,
וואָס האָבן נאָך קיין מאַן געקענט,
וועל איך זיי אייך אַרויספירן
און טוט זיי אַלץ, וואָס אייך געפעלט,
נאָר אָט די מענטשן טוט קיין זאַך ניט,
נאָכדעם ווי זיי זיינען געקומען
צו מיר אין שאָטן פון מיין באַלקן.
און ס'שרייט דאָס פאָלק: דו רוק זיך אָפּ!
געקומען וואוינען דאָ אַהער,
און וועסט נאָר משפטן אַצינד?
מיר וועלן דיר נאָכמער בייז טאָן!
און זיי האָבן געסטראַשעט לוטן,
דערנענטערט זיך, די טיר צוברעכן.
באַלד האָבן די צוויי לייט די הענט
געשטרעקט, אַריינגענומען לוטן,
די טיר פון שטוב פאַרשלאָסן פעסט,
און יענע לייט וואָס פאַרן טיר
געשלאָגן מיט פאַרבלענדעניש,
פון קליין ביז גרויס דעם גאַנצן פאָלק,
און זיי האָבן צוטומלט זיך
און ניט געקענט די טיר געפינען.
און די האָבן געזאָגט צו לוטן:
צי האָסטו ווער נאָך אין שטאָט.
צי זין, צי טעכטער, אָדער איידימס,
פיר אַלעמען אַרויס פון שטאָט; —
ווייל מיר פאַרדאַרבן אָט דעם אָרט,
ווייל גרויס איז איר געשריי פאַר גאָט,
האָט ער געשיקט אונז, איר פאַרדאַרבן.
איז לוט אַרויס און האָט גערעדט
מיט זיינע איידימס, טעכטערס מאַנען,
געזאָגט: קומט, לויפט מיט מיר פון
שטאָט,
ווייל גאָט פאַרדאַרבט דעם גאַנצן אָרט.
נאָר זיי האָבן געמיינט, ער שפּאַסט.
און ווען דער טאָג האָט שוין געגרויט,
און ס'האָבן די מלאכים אים
געאיילט: גיי, נעם דיין ווייב און טעכטער,
דו זאָלסט, צוליב די זינד פון שטאָט,
ניט אומקומען מיט זיי צוזאַמען.
האָט ער פאַרזאַמט זיך, האָבן זיי
גענומען לוטן פאַרן האַנט
און אויך זיין ווייב און זיינע טעכטער,
אַרויסגעפירט זיי הינטער שטאָט
געזאָגט: לויף ראַטעווע דיין לעבן!
זאָלסט זיך ניט אומקוקן אויף הינטן,
ניט אָפּשטעלן זיך אינם פּליין,
אַנטלויף צום באַרג, וועסטו ניט שטאַרבן.
האָט לוט געזאָגט: ניין, ניין, מיין האַר!
איך האָב דאָך חן ביי דיר געפונען
און דו האָסט מיר געלאָזן לעבן —
ווי קען איך ביזן באַרג אַנטרינען?

דעריאָגט דאָס שלעכטס מיר, מוז איך
שטאַרבן!
אָט איז דאָ נאָענט אַ קליינע שטעטל,
לאָמיר זיך דאָרטן ראַטעווען!
זאָגט ער: איך טו עס דיר צוליב
און וועל די שטאָט ניט איבערקערן;
אַנטלויף - זשע גיך אַהין אין שטאָט,
ווייל איך קען גאָרניט אָנהייבן,
ביז דו קומסט ניט אין שטאָט אַריין!
דעריבער הייסט די שטאָט: צוער
דאָס הייסט: קליינשטעטל — עיר מצער
און ווי די זון האָט זיך באַוויזן,
איז לוט אין צוער אָנגעקומען.
און גאָט האָט רעגענען געלאָזט
אויף סדום און אויף עמורה שוועבל
און פייער געטלעכן פון הימל
און האָט צושטערט דעם גאַנצן פליין,
די שטעט מיט אַלע איינוואוינערס
און מיט די שפּראָצונגען פון דר'ערד.
און לוט'ס ווייב האָט געקוקט אויף הינטן
איז זי געוואָרן אַ זייל זאַלץ.
און אברהם האָט אינדערפרי
אַ בליק געטאָן אויף יענעם אָרט,
וואו ער איז דאָרט פאַר גאָט געשטאַנען,
און האָט געזען, ווי איבער סדום,
עמורה און דעם גאַנצן פליין
האָט אויפגעהויבן זיך אַ רויך,
געדיכט ווי פון אַ קאַלך - אויוון —

*

איז אברהם אוועק פון דאָרט:
געצויגן אין דער לאַנד פון דרום
און האָט באַזעצט זיך אין שטאָט גרר.
און אבימלך, קיניג גרר'ס,
האָט שאָף און רינדער אים געגעבן
און קנעכט און דינסטמוידן, און האָט
געזאָגט צו אים: אָט איז מיין לאַנד
פאַר דיר, קענסט זיצן וואו דו ווילסט!

## יצחק

און אברהמס ווייב שרה איז
געוואָרן טראָגעדיג פון אים
און האָט אַ זון געבוירן פונקט
צו יענער צייט, ווי צוגעזאָגט.
און אברהם, דער פאָטער, האָט
אַ נאָמען אים געגעבן יצחק
און אים באַשניטן צו אַכט טעג.
און אברהם איז הונדערט יאָר
שוין אַלט געווען ביי דער געבורט.
און שרה האָט געזאָגט: ס'האָט גאָט
נאָר אַ געלעכטער מיר געמאַכט,
ווער ס'הערט וועט לאַכן נאָך פון מיר;
ווער וואָלט פאָרויסגעזאָגט אברהמען,
אַז שרה וועט נאָך זויגן קינדער?
איך האָב דאָך אויף דער עלטער זיינער
אַ זון געבוירן נאָך פון אים!
און אַז דער יונג איז אויסגעוואָקסן
און איז פון ברוסט אַנטוואוינט געוואָרן,
האָט אברהם אַ גרויסן מאָלצייט
געמאַכט אין טאָג פון דער אַנטוואוינונג.
און שרה האָט געזען דעם זון
פון איר דינסט הגר, ווי ער שפּילט זיך,
האָט זי געזאָגט צו אברהמען:
פאַרטרייב די דינסט און אויך איר זון,
און זאָל איר זון ניט ירשנען
מיט מיין זון יצחקן צוזאַמען.

האָט עס פאַרדראָסן אַברהמען,
נאָר גאָט האָט אים געזאָגט: זאָל ניט
פאַרדריסן דיר פאַר יענעם זון
און פאַר דער דינסט; אַלץ, וואָס עס זאָגט
דיר שרה, זאָלסטו פאָלגן איר,
ווייל יצחק וועט דיין נאָכקום הייסן,
נאָר אויך דער דינסטס זון איז דיין
נאָכקום,
און כ'מאַך פון אים אַ גרויסן פאָלק.
איז אברהם פרי אויפגעשטאַנען,
גענומען ברויט, אַ לאָגל וואַסער,
געגעבן הגרן; דעם קינד
אַרויפגעלייגט איר אויפן פּלייצע
און איר אַרויסגעשיקט פון זיך.
איז זי געגאַנגען און געוואַנדערט
אינמיטן מדבר פון באר שבע.
און אַז עס האָט זיך אויסגעלאָזט
די וואַסער אינם לאָגל, האָט זי
דעם קינד געוואָרפן אין די קוסטעס,
אַליין אַוועקגעזעצט זיך ווייטער,
פאַררוקט ביז צו אַ בויגן - שאָס,
געזאָגט: לאָמיך ניט זען דעם טויט
פון קינד! געזעסן און געוויינט.
און ס'האָט אַ מלאך איר גערופן:
וואָס איז דיר, הגר? האָב ניט מורא
ווייל גאָט האָט איצט דעם יינגלס שטים
דערהערט דאָרט, וואו ער איז אַצינד.
גיי, נעם דעם יינגל פאַרן האַנט,
ווייל כ'מאַך אים פאַר אַ פאָלק אַ גרויסן.
האָט גאָט געעפנט אירע אויגן,
האָט זי דערזען אַ ברונים וואַסער,
איז זי אַהינצו באַלד אַוועק
און אָנגעשעפּט אַ לאָגל וואַסער
און האָט דעם יינגל אָנגעטרונקען
און אויסגעוואָקסן איז דער יונג
און האָט באַזעצט זיך אין דער מדבר־
און איז געווען אַ בויגן - שיסער.
און ס'האָט די מאַמע אים גענומען
אַ ווייב פון לאַנד מצרים.

*

אין יענער צייט האָט אבימלך
מיט פיכול'ן, זיין קאָמאַנדיר,
געזאָגט אַזוי צו אַברהמען:
מיט דיר איז גאָט אין וואָס דו טוסט;
טאָ שווער - זשע מיר אַצינד ביי גאָט
אויב וועסט מיר פאַלש זיין און מיין
נאָכקום;
ווי איך האָב גנאָד געטאָן מיט דיר,
אַזוי זאָלסטו אויך טאָן מיט מיר,
און מיט דער לאַנד, וואו האָסט
געוואוינט
זאָגט אברהם: איך שווער ביי גאָט.
נאָר אַברהם האָט אים געשטראָפט
פונוועגן יענעם וואַסער - ברונים,
וואָס ס'האָבן זיינע קנעכט געריבט.
האָט אבימלך אים געזאָגט:
איך ווייס ניט, ווער ס'האָט דאָס געטאָן,
אויך דו האָסט עס מיר ניט געזאָגט,
האָב איך עס ניט געהערט ביז היינט.
האָט אַברהם גענומען שאָף
און רינדער און געגעבן אים
און זיי האָבן אַ בונד געשלאָסן
און אַברהם האָט זיבן שעפסן
גענומען און געשטעלט באַזונדער

האָט אבימלך אים געפרעגט,
וואָס שטעלסטו אָט די שאָף באַזונדער?
זאָגט ער: דו זאָלסט ביי מיר זיי נעמען,
און זאָלן זיי אַן עדות זיין,
אַז כ'האָב געגראָבן אָט דעם ברונים.
דערפאַר רופט מען דעם אָרט באר שבע,
ווייל ער האָט זיבן שאָף געגעבן
און ביידע האָבן זיי געשוואוירן,
און אבימלך איז אוועק
און אברהם איז אין לאַנד פּלישתּים
אַ לאַנגע צייט געבליבן וואוינען.

---

## די עקדה.

און גאָט האָט געפּרובט אברהמען,
גערופן צו אים: אברהם!
און ער האָט געענטפערט: אָט בין איך!
האָט גאָט געזאָגט: נעם נאָר דיין זון,
דעם איינציג - געליבטן, דיין יצחק,
און פיר אים אין לאַנד פון מוריה
און בריינג אים דאָרט אויף פאַר אַן עולה,
וואו איך וועל דיר ווייזן אַ באַרג.
איז אברהם פרי אויפגעשטאַנען
און האָט אָנגעזאָטלט זיין אייזל,
גענומען צוויי יונגען מיט זיך,
אויך יצחקן מיט זיך גענומען,
און אָנגעהאַקט העלצלעך צום ברענען,
צום אָרט דעם באַשטימטן געלאָזט זיך,
דעם דריטן טאָג האָט ער פונווייטנס
דעם אָרט שוין דערזען און געזאָגט:
איר, יונגען, זיצט דאָ מיטן אייזל
און איך וועל מיר גיין מיטן יינגל
ביז מייר וועלן דאָרטן זיך בוקן
און נאָכדעם צוריק אַהער קומען.
און ער האָט גענומען די העלצלעך,
געגעבן זיי יצחקן טראָגן,
און ער האָט גענומען דעם פייער,
דעם מעסער — און ווייטער געגאַנגען.
האָט יצחק געזאָגט אברהמען:
מיין טאַטע! און ער זאָגט: אָט בין איך!
פרעגט ער: אָט איז פייער און העלצלעך
און וואו איז די שעפּס פאַר אַן עולה?
און ס'האָט אברהם אים געענטפערט:
גאָט וועט שוין אַ שעפּסעלע זען,
מיין זון, פאַר אַן עולה! — און ווייטער
געגאַנגען, געקומען צום אָרט,
וואָס גאָט האָט געהאַט אים באַשטימט,
און ס'האָט אברהם אַ מזבח
געבויט און געלייגט אויף אים האָלץ
און האָט זיין זון יצחק געבונדן,
אַוועקגעלייגט אים אויף די האָלץ,
און אויסגעשטרעקט האָט ער זיין האַנט,
גענומען דעם מעסער דעם שאַרפן
געוואָלט שוין באַלד שעכטן זיין זון.
האָט פלוצים אַ מלאך גערופן
פון הימל צו אים: אברהם!
און ער האָט געענטפערט: אָט בין איך!
האָט ער געזאָגט: שטרעק ניט דיין האַנט
צום יינגל און טו אים קיין זאַך ניט!
איצט ווייס איך אַז דו ביסט גאָטספאָרכטיג
און האָסט ניט פאַרמיטן פון מיר
אפילו דיין איינציגן זון.
און ס'האָט אברהם באַלד דערזען
אַ באַראַן, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט
אין צווייגן - געפלעכט מיט די הערנער,

און ער איז געגאַנגען, גענומען
דעם באַראַן און אים פאַר אַן עולה
אָנשטאָט זיין זון יצחק געבראַכט.
און ווידער האָט צו אברהמען
אַ מלאך גערופן פון הימל:
ווייל דו האָסט געטאָן אָט אַזוינס,
דעם איינציגן זון ניט פאַרמיטן,
וועל איך דיינע קינדער פאַרמערן
ווי שטערנס פון הימל, ווי זאַמד
אויפן ברעג פונם ים, און דיין נאָכקום
וועט ירשענען שטעט פונם שונא
און ס'בענטשן מיט זיי זיך די פעלקער;
ווייל דו האָסט מיין שטימע געהאָרכט.
און ס'האָט אברהם צו די יונגען
זיך אומגעקערט און איז געגאַנגען
מיט זיי קיין באר - שבע צוריק
און האָט זיך באַזעצט אין באר - שבע.

## די מערת המכפלה.

און ווען ס'איז שרה אַלט געוואָרן
הונדערט זיבנאונצוואַנציג יאָר,
איז זי געשטאָרבן אין שטאָט חברון,
און אברהם איז אין געצעלט
געקומען שרה'ן צו באַקלאָגן.
נאָכדעם איז ער אַוועק פון טויטן
און האָט גערעדט מיט די בני - חת:
איך בין אַן איינוואוינער ביי אייך
גיט מיר אַ קבר - אייגנטום,
וועל איך מיין טויטן דאָרט באַגראָבן.
און ס'האָבן די בני - חת געענטפערט:
הער, אונזער האַר, דו ביסט ביי אונז
אַ פירשט פון גאָט, באַגראָב דיין מת
אין בעסטן קבר אונזערן;
ס'וועט קיינער ניט פאַרמיידן דיר
זיין קבר, זאָלסט דיין מת באַגראָבן!
האָט אברהם צום פאָלק געבוקט זיך
און נאָכאַמאָל צו זיי געזאָגט:
אויב ס'איז פאַראַן ביי אייך אַ ווילן,
מיין מת באַגראָבן, הערט - זשע מיך
און בעט ביי עפרונען, זון צוחר'ס,
זאָל ער זיין טאָפּל - הייל מיר געבן,
וואָס ליגט ביים ראַנד פון זיינע פעלדער
פאַר גוט געלט זאָל ער מיר עס געבן,
אַ קבר - אייגנטום אויף אייביג.
און צווישן די בני - חת זיצט עפרון,
האָט ער געזאָגט צו אברהמען:
ניין, הער, מיין האַר! כ'שיינק דיר אַוועק
די פעלד צוזאַמען מיט דער הייל,
אָט, פאַר די אויגן פון מיין פאָלק
שיינק איך עס דיר, באַגראָב דיין מת!
און אברהם האָט זיך געבוקט
און האָט צו עפרונען געזאָגט:
ווען דו זאָלסט מיר נאָר וועלן האָרכן,
האָב איך באַצאָלט דאָ פאַר דער פעלד,
נעם צו דאָס געלט, וועל איך באַגראָבן
דעם טויטן דאָרט, אין טאָפּל - הייל.
און עפרון האָט אַזוי געענטפערט:
הער צו, מיין האַר! אַ שטיקל באָדן,
וואָס קאָסט פירהונדערט זילבער שקלים,
האָט אַ באַטייט ביי מיר און דיר?
דו קענסט דיין טויטן שוין באַגראָבן!
און אברהם האָט אָפּגעוואויגן
צו עפרונען פון חת די זילבער,
ווי אָפּגערעדט, פאַר די בני - חת,

פירהונדערט שקל זילבערנע,
וואָס גייען אָן ביי יעדן סוחר
און ס'איז די פעלד פון עפרונען
צוזאַמען מיט דער טאָפל - הייל
מיט אַלע ביימער אינם גרענעץ,
געוואָרן אברהמס פאַרמעגן,
פאַר אַלע זיצערס אינם מויער.
נאָכדעם האָט אברהם באַגראָבן
זיין ווייב אין טאָפל - הייל אין חברון
און ס'איז די פעלד און אויך די הייל
געבליבן שוין ביי אברהמען
אַ קבר - אייגנטום אויף אייביג.

---

## רבקה.

און אברהם איז אַלט געוואָרן,
און גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַלץ.
אַמאָל האָט אברהם געזאָגט
צום עלצטן איבער זיינע קנעכט,
דעם הערשער איבער זיין פאַרמעגן:
לייג נאָר דיין האַנט אונטער מיין דיך
און איך וועל דיך ביי גאָט באַשווערן,
דו זאָלסט ניט נעמען פאַר מיין זון
אַ ווייב — קיין טאָכטער פונם כנעני,
וואָס איך געפין זיך צווישן אים,
נאָר גיי אין מיין געבוירן - לאַנד
און נעם אַ ווייב פאַר יצחקן.
און ס'האָט דער קנעכט צו אים געזאָגט:
אויב ס'וועט די פרוי פון יענער לאַנד
ניט וועלן גיין צו דיר אַהער?
צי מעג איך אומקערן דיין זון
אין לאַנד, פונוואַנען ביסט אַרויס?
זאָגט אברהם: דו זיי געהיט,
ניט אומקערן מיין זון אַהינצו;
ס'האָט גאָט מיך דאָך אַרויסגענומען
פון פאָטער - הויז, געבוירן - לאַנד,
און מיר נעזאָגט און מיר געשוואוירן,
אַז ער וועט אָפגעבן מיין נאָכקום
אָט די לאַנד, וואו איך וואוין אַצינד;
ער וועט פאַר דיר זיין מלאך שיקן,
זאָלסט פאַר מיין זון אַ פרוי געפינען.
און טאָמער וועט די פרוי ניט וועלן
נאָך דיר גיין אין דער לאַנד אַהערצו,
וועסטו באַפרייט זיין פון מיין שבועה,
נאָר מיין זון זאָל אַהין ניט גיין!
און ס'האָט דער קנעכט געלייגט זיין האַנט
אונטערן דיך פון אברהמען
און האָט דערויף אים צוגעשוואוירן,
גענומען מיט זיך קעמלען צען,
פון אַל דאָס גוטס געלייגט אויף זיי,
אַוועק פון דאָרט אין שטאָט ארם,
וואָס אויף די טייכן, נחורס שטאָט,
און האָט געלאָזט די קעמלען קניען
דאָרט הינטערן שטאָט ביים וואַסער -
ברונים
אַנטקעגן אָוונט, ווען עס גייען
אַהינצו וואַסער - שעפּערינס.
און האָט געזאָגט: איך בעט דיר גאָט
פון אברהם, באַווייז דיין גנאָד
און שיק מיר צו וואָס איך פאַרלאַנג!
אָט שטיי איך דאָ ביים וואַסער - קוואַל
און מוידן קומען שעפּן וואַסער
און אַז איך וועל צו איינער זאָגן:
בויג איין דיין קרוג און גיב מיר טרינקען
און זי וועט ענטפערן מיר: „טרינק;

אויך דיינע קעמלען טרינק איך אָן"!
וועל איך שוין וויסן, אַז אָט די
האָסטו פאַר יצחקן באַשטימט
און צו מיין האַר דיין גנאָד באַוויזן.
און איידער ער האָט אויסגעלאָזט,
און אָט גייט רבקה, טאָכטער בתואלס,
וואָס איז געווען אַ זון פון נחור,
דעם ברודער אברהמס, און טראָגט
דעם קרוג פון וואַסער אויפן אַקסל.
און רבקה איז אַ שיינע יונגפרוי
האָט זי צום קוואַל אַראָפּגענידערט,
האָט אָנגעשעפּט אַ קרוג מיט וואַסער
און איז צוריק אַרויפגעגאַנגען.
האָט איר דער קנעכט געאײַלט אַנטקעגן
און האָט געזאָגט: „לאָז מיר אַ זופּ טאָן
אַ ביסל וואַסער פון דיין קרוג"!
האָט זי געענטפערט: טרינק, מיין האַר!
אַראָפּגעלאָזט דעם קרוג פון אַקסל
און אָנגעטרונקען אים. נאָכדעם
האָט זי געזאָגט: „אויך פאַר די קעמלען
וועל איך נאָך וואַסער אָנשעפּן".
און אויסגעלערט דעם קרוג אין מולטער,
געלאָפן נאָכאַמאָל צום ברונים
און אָנגעשעפּט פאַר אַלע קעמלען.
און ס'שטייט דער מאַן און וואונדערט זיך
און קוקט און שווייגט און וויל אַלץ וויסן,
צי האָט אים גאָט זיין וועג באַגליקט?
און נאָכן אָנטרינקען די קעמלען
האָט ער איר אָנגעטאָן אַ רונג
פון גאָלד און צוויי בראַסלעטן גאָלד
געפרעגט איר: ווי מ'רופט איר פאָטער,
צי איז אין פאָטערס הויז פאַראַן
אָן אָרט פאַר זיי צום נעכטיגן?
האָט זי געזאָגט אים ווער זי איז
און אַז ביי זיי איז שטרוי און היי
פאַראַן גענוג און אויך אַן אָרט
צום נעכטיגן. האָט ער געקניט
און גאָט געלויבט, וואָס האָט אין גנאָד
געפירט אים צו זיין האַרס אַ ברודער.
און רבקה איז אַהיים געלאָפן
און האָט דערציילט וואָס איז געשען.
און רבקה'ס ברודער, לבן, איז
צום מאַן אין גאַס אַרויסגעלאָפן
און אים באַגעגנט אויפן קוואַל.
זאָגט ער צו אים: קום, גאָט־געבענטשטער!
צו וואָס זאָלסטו אין דרויסן שטיין?
און איך האָב אויסגעראַמט די שטוב
און האָב אַן אָרט אויך פאַר די קעמלען.
ער האָט דעם מאַן אין שטוב געבראַכט,
און האָט די קעמלען אָפּגעבונדן,
און זיי געגעבן שטרוי און היי
און וואַסער זיינע פיס צו וואַשן
און אויך די פיס פון זיינע לייט
און נאָכדעם האָט מען ברויט דערלאַנגט.
און ס'זאָגט דער מאַן: איך וויל ניט עסן,
ביז איך דערצייל אייך מיין געשיכטע.
זאָגט ער אים: רייד! און ער דערציילט:
איך בין אַ קנעכט פון אברהם
און גאָט האָט שטאַרק געבענטשט מיין
האַר
מיט שאָף און רינדער, גאָלד און זילבער,
מיט קנעכט און דינסטן, קעמלען, אייזלען
און זיין ווייב שרה האָט געבוירן
אַ זון אים צו דער עלטער, און

ער האָט אים אַליין אַוועקגעגעבן.
און ער האָט ווייטער אַליין דערציילט,
וואָס איז געשען מיט אים ביז איצט
און אויסגעפירט: אויב איר ווילט טאָן
אַ גנאָד און אמתן מיט מיר,
טאָ זאָגט מיר! און אויב איר ווילט ניט,
וועל איך זיך קערן רעכטס צי לינקס!
און לבן און אויך בתואל האָבן
אַזוי געענטפערט און געזאָגט:
עס איז אַ גאָט־זאַך, ווי זשע קענען
מיר רעדן דיר פון גוט ביז שלעכט?
פאַר דיר איז רבקה, נעם און גיי!
זאָל זי פאַר דיין האַרס זון אַ ווייב זיין.
ווי נאָר דער קנעכט האָט דאָס דערהערט
האָט ער געבוקט זיך צו דער ערד,
געגעבן רבקה'ן זילבערנע
און גאָלדענע געשיר און קליידער
און זיסע שפּייזן פּלערליי
דערלאַנגט איר ברודער און איר מוטער
נאָכדעם האָט ער מיט זיינע לייט
געגעסן און געטרונקען דאָרט
און זיי האָבן די נאַכט גענעכטיגט
און אויפגעשטאַנען אינדערפרי,
זאָגט ער: באַפרייט מיך, וועל איך גיין.
און ס'זאָגט איר ברודער מיט דער
מוטער:
זאָל נאָך די יונגפרוי בלייבן דאָ
מיט אונז צען טעג און נאָכדעם גיין.
האָט ער געזאָגט: פאַרהאַלט מיך ניט!
אויב גאָט האָט שוין מיין וועג באַגליקט,
טאָ לאָזט מיר צו מיין האַר צוריקגיין!
און זיי האָבן געענטפערט: לאָמיר
דער מיידל רופן און איר פרעגן!
און זיי האָבן גערופן רבקה'ן,
האָט זי געענטפערט: יע, איך וויל!
און זיי האָבן אַרויסגעשיקט
די יונגפרוי רבקה מיט איר אַם,
און האָבן איר אַזוי געבענטשט:
זאָלסט, אונזער שוועסטער, זיך פאַרמערן
אין טויזנטער, צענטויזנטער,
און דיינע קינדער זאָלן אַרבן
די טויערן פון זייער פיינט
און רבקה האָט מיט אירע מוידן
געזעצט זיך רייטן אויף די קעמלען
און מיטגעפאָרן מיטן קנעכט
פון אברהם און זיינע לייט.
און יצחק איז אין אָוונטצייט
געגאַנגען אויף שפּאַציר אין פעלד
האָט ער דערזען, עס קומען קעמלען.
און ווי ס'האָט רבקה אים דערזען,
האָט זי איר קאָפּ אַראָפּגעבויגן
פון קעמל און דעם קנעכט געפרעגט:
ווער איז דער מאַן, וואָס גייט אַנטקעגן?
האָט ער געזאָגט: דאָס איז מיין האַר!
האָט זי באַדעקט זיך מיט אַ שלייער.
דער קנעכט האָט יצחקן דערציילט
אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט אויפגעטאָן.
און יצחק האָט אַריינגעבראַכט
איר אין זיין מאַמעס געצעלט אַריין
און האָט איר פאַר אַ ווייב גענומען
און האָט איר זייער ליב געקריגן
און האָט געטרייסט זיך נאָך זיין מאַמען.

# אבֿרהמס טויט.

און אבֿרהם האָט אָפּגעלעבט
הונדערט־ פֿינפֿאונזיבעציק יאָר
און איז פֿאַרגאַנגען און געשטאָרבן
אין גוטער עלטער, זאַט אין יאָרן
און ס'האָבן יצחק און ישמעאל
באַגראָבן אים אין טאָפּל - הייל
אין פֿעלד פֿון עפֿרון, צוהרס זון,
וואָס אבֿרהם האָט אָפּגעקויפֿט.

---

# יעקב און עשו.

ווען יצחק האָט גענומען רבֿקה'ן,
די טאָכטער בתואלס, פֿאַר אַ ווייב,
איז ער געווען אַלט פֿערציק יאָר.
און זי איז אומפֿרוכטבאַר געווען,
האָט ער געבעטן פֿאַר זיין ווייב,
און זי איז טראָגעדיק געוואָרן.
און ס'האָבן אין איר בויך די קינדער
געשטויסן זיך; האָט זי געזאָגט:
אויב ס'איז אַזוי, וואָס טויג עס מיר?
און איז געגאַנגען פֿרעגן גאָט.
און גאָט האָט איר אַזוי געענטפֿערט:
,,צוויי פֿעלקער ליגן אין דיין בויך,
צוויי אומות קומען פֿון דיין לייב
און וועלן זיך פֿאַנאַנדערשפּרייטן,
איין אומה שטאַרקער פֿון דער צווייטער,
און עס וועט עלטער דינען יינגער".
אַז די געבורט - צייט איז געקומען,
איז אין איר בויך געווען אַ צווילינג,
דער ערשטער איז אַרויס אַ רויטער,
אינגאַנצן ווי אַ האָריק מאַנטל
און מ'האָט אים גערופֿן: עשו;
נאָכדעם איז אויך אַרויס זיין ברודער,
און ס'האַלט זיין האַנט אָן עשו'ס טריט,
און מ'האָט אים גערופֿן: יעקב.
און זעכציק יאָר איז יצחק אַלט
געווען, ווען זי האָט זיי געבוירן.
די יינגלעך זיינען גרויס געוואָרן,
און עשו איז געווען אַ מאַן,
וואָס האָט ליב יאַכט, אַ מאַן פֿון פֿעלד,
און יעקב איז אַ מענטש אַ תּם,
אַ שטענדיגער געצעלטן - זיצער.
האָט יצחק עשון געליבט,
ווייל ער פֿלעגט שפּייזן אים מיט פֿאַנג,
און רבֿקה האָט ליב יעקבן.
האָט יעקב אָפּגעקאָכט געקעכץ,
און עשו איז פֿון פֿעלד געקומען,
און ער איז אַ פֿאַרמאַטערטער.
און עשו זאָגט צו יעקבן:
,,גיב מיר אַ זופּ טאָן פֿון די רויטע,
פֿון אָט די רויטע, ווייל כ'בין מיד".
— האָט מען אים אָנגערופֿן: אדום —
זאָגט יעקב אים: — פֿאַרקויף מיר איצט
דיין בכורה! — ענטפֿערט עשו אים:
איך גיי דאָך שטענדיג קעגן טויט,
צו וואָס - זשע דאַרף איך אָט די בכורה?
זאָגט יעקב: שווער! — האָט ער
געשוואוירן
און האָט די בכורה אים פֿאַרקויפֿט,
און יעקב האָט געגעבן אים
אַ ברויט, אַ געקעכץ פֿון לינדזן,
האָט ער געגעסן און געטרונקען,

איז אויפגעשטאַנען און אוועק
און האָט די בכורה מיאוס געמאַכט.

## יצחקס וואַנדערונגען.

און ס'איז אין לאַנד געווען אַ הונגער,
אַ חוץ דעם ערשטן הונגער, וואָס
געווען אַמאָל פאַר אברהמען,
און יצחק איז אוועק קיין גרר
צו אבימלך, פּלישתּימס קיניג.
האָט גאָט באַוויזן זיך צו אים,
געזאָגט: זאָלסט ניט גיין קיין מצרים,
זאָלסט בלייבן וואוינען דאָ אין לאַנד,
וועל איך מיט דיר זיין און דיר בענטשן
און אָפּגעבן דיר און דיין נאָכקום
די אַלע לענדער דאָ אַרום,
און מיט דיין נאָכקום וועלן בענטשן
זיך אַלע פעלקער פון דער וועלט,
ווייל אברהם האָט מיר געפאָלגט
געהיט מיין תּורה און געבאָט.
האָט יצחק זיך אין גרר באַזעצט,
האָבן די מענטשן פונם אָרט
ביי אים געפרעגט זיך אויף זיין ווייב,
האָט ער געזאָגט: „זי איז מיין
שוועסטער",
האָט ניט געזאָגט: „זי איז מיין ווייב",
ווייל רבקה איז געווען אַ שיינע,
האָט ער געפאָרכט, אַז ס'וועלן אים
די לייט פון אָרט דערהרגענען.
און אַז ער איז דאָרט לאַנג געזעסן,
האָט אבימלך דורכן פענצטער
אַמאָל דערזען, ווי יצחק שפּילט זיך
מיט זיין ווייב רבקה, האָט ער אים

צו זיך גערופן און געזאָגט:
זי איז דיין ווייב דאָך, וואָס־זשע האָסטו
געזאָגט אונז, אַז זי איז דיין שוועסטער?
און יצחק ענטפערט: כ'האָב געטראַכט,
צי וועט מען מיך פאַר איר ניט טויטן?
און אבימלך האָט געזאָגט:
ווי האָסטו עס אונז אָפּגעטאָן!
און אויב ס'וואָלט עמיץ פונם פאָלק
דיין ווייב צו זיך אַהיים גענומען,
וואָלסטו אויף אונז אַ זינד געבראַכט!
און אבימלך האָט באַפוילן
זיין גאַנצן פאָלק: ווער ס'רירט נאָר אָן
אָט דעם מאַן און זיין פרוי, וועט שטאַרבן.
און יצחק האָט אין יענעם יאָר
פאַרזייט און הונדערטפאַך געשניטן,
און איז געוואָרן גרויס און גרעסער,
געהאַט שאָף, רינדער און אויך קנעכט,
האָט עס די פּלישתּים שטאַרק פאַרדראָסן,
און זיי האָבן די ברינימער —
געגראָבן דורך זיין פאָטערס קנעכט
אין צייטן אברהמס — פאַרשטאָפּט
און אָנגעשאָטן זיי מיט ערד.
און אבימלך האָט געזאָגט
צו יצחקן: גיי אָפּ פון אונז,
ווייל דו ביסט מעכטיגער פון אונז!
און יצחק איז אוועק פון דאָרט
און זיך באַזעצט אין טאָל פון גרר.
און ווידער האָט ער אויסגעגראָבן
זיין פאָטערס וואַסער־ברינעמער,
וואָס פּלישתּים האָבן זיי פאַרשאָטן,
און האָט גערופן זיי מיט נעמען,
ווי ס'האָט זיין פאָטער זיי גערופן.

אַמאָל האָט ער אין טאָל געגראָבן,
און דאָרט געפונען פרישע וואַסער
און ס'האָבן פּאַסטוכער פון גרר
מיט יצחקס פּאַסטוכער געקריגט זיך,
געזאָגט צו זיי: „ס'איז אונזער וואַסער"!
דעריבער הייסט דער ברונים „עסק",
ווייל דאָרטן האָט מען זיך געעסקט.
א צווייטן ברונים אויסגעגראָבן,
האָט מען געקריגט זיך אויך ביי אים,
דעריבער הייסט דער ברונים „שטנה".
נאָכדעם זיך אָפּגערוקט פון דאָרטן
און נאָך א ברונים אויסגעגראָבן,
האָט מען שוין דאָרט זיך ניט געקריגט,
האָט ער גערופן אים „רהובות",
ווייל: גאָט האָט רחבות אונז געשיינקט.
מיר וועלן דאָ זיך פּרוכפּערן.
פון דאָרט איז ער אַוועק נאָך ווייטער
און האָט באַזעצט זיך אין באר שבע,
האָט אויסגעשפּרייט דאָרט זיין געצעלט
און אויפגעבויט זיך א מזבח
און אויסגעגראָבן זיך א ברונים.
און אבימלך קיניג גררס,
צוזאַמען מיט זיין פריינט אחוזת
און מיט זיין מיליטער - האר פיכול
זיינען צו יצחקן געקומען.
האָט ער געפרעגט זיי: וואָס זיינט איר
אַצינד צו מיר אהער געקומען?
און איר האָט דאָך מיך פיינט געהאַט
און מיך אַרויסגעשיקט פון אייך!
און זיי האָבן געענטפערט אים:
מיר זעען, אז ס'איז גאָט מיט דיר,
טאָ לאָמיר אָפּשליסן א בונד
און לאָמיר זיך א שבועה געבן,
דו זאָלסט קיין שלעכטס ניט טאָן אונז, ווי
מיר האָבן דיך ניט אָנגערירט
און האָבן דיר געטאָן נאָר גוטס
און דיך אין פרידן אָפּגעשיקט —
אַצינד ביסטו געבענטשט פון גאָט! —
האָט ער געמאַכט פאַר זיי א מאָלצייט,
געגעבן עסן זיי און טרינקען,
אויף מאָרגן אויפגעשטאַנען פרי,
א בונד געשלאָסן און געשוואָרן.
און יצחק האָט זיי אָפּגעשיקט
און זיי זיינען אַוועק אין שלום.

---

## יצחקס ברכות

און אז ס'איז יצחק אַלט געוואָרן,
די אויגן טונקל, ניט געזען,
האָט ער גערופן זיין זון עשו
און אים געזאָגט: איך בין שוין אַלט
און קען ניט ווייסן ווען איך שטאַרב;
טאָ נעם נאָר דיין געווער מיט זיך,
דיין בויגן און דיין פאַנג - בייטל,
און גיי אין פעלד און ברענג מיר פאַנג,
און מאַך מיר שפּייזן, ווי כ'האָב ליב,
און זאָלסט דערלאַנגען מיר צום עסן,
וועל איך דיר בענטשן פאַרן שטאַרבן.
און רבקה האָט אַלץ צוגעהערט,
וואָס יצחק האָט זיין זון געזאָגט.
און עשו איז אַוועק אין פעלד
צו כאַפּן דאָרטן פאַנג און ברענגען.
האָט רבקה דאַמאָלס יעקבן
דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט געהערט
און אים געזאָגט: הער צו, מיין זון!

גיי צו די שאָף און נעם פון דאָרטן
צוויי יונגע פעטע ציקעלעך,
וועל איך דיין טאַטן מאַכן שפּייזן,
דו וועסט אים ברענגען, וועט ער עסן,
און וועט דיר בענטשן פאַרן שטאַרבן.
און יעקב האָט געזאָגט צו רבקהן:
מיין ברודער עשו איז דאָך האָריג
און איך האָב דאָך אַ גלאַטע הויט,
וועט אפשר מיר דער טאַטע טאַפּן
און וועט מיך האַלטן פאַר אַ שווינדלער,
און כ'וועל אַרויפברענגען אויף זיך
אַ קללה גאָר און ניט קיין ברכה.
און ס'האָט די מוטער אים געענטפערט:
אויף מיר דיין קללה, זון מיינער;
דו פאָלג נאָר מיר און גיי און ברענג!
איז ער געגאַנגען און געבראַכט
און ס'האָט זיין מוטער באַלד געמאַכט
די שפּייזן, וואָס זיין פאָטער ליבט
און האָט גענומען עשו'ס קליידער
די בעסערע, וואָס אין איר שטוב,
און אָנגעקליידט דעם קליינעם יעקב.
און אויף די הענט און אויפן האַלדז
אַרויפגעצויגן ציגן - פעל
און אים דערלאַנגט די ברויט און שפּייזן,
איז ער געקומען צו זיין טאַטן,
געזאָגט: מיין טאַטע! ענטפערט ער:
אָט בין איך; ווער ביסטו, מיין זון?
און ער זאָגט: איך בין דיין בכור עשו;
געטאָן, ווי דו האָסט מיר באַפוילן!
שטיי אויף, איך בעט דיך, זעץ זיך נאָר
און דו וועסט עסן פון מיין פאַנג
און מיר דערפאַר אַ ברכה געבן.

און יצחק פרעגט זיין זון: פאַרוואָס
האָסטו אַזוי גיך פאַנג געפונען?
זאָגט ער: גאָט האָט מיר צוגעשיקט.
און יצחק זאָגט: קום נאָר אַהער
און איך וועל דיר אָרומטאַפּן,
צי ביסטו טאַקי מיין זון עשו?
האָט יעקב זיך דערנענט, און ער האָט
אַרומגעטאַפּט אים און געזאָגט:
„ס'איז יעקבס קול און עשו'ס הענט",
און האָט אים ניט דערקענט, ווייל ס'זיינען
די הענט געווען, ווי עשו'ס, האָריג,
און ער האָט נאָכאַמאָל געפרעגט:
צי דו ביסט טאַקי מיין זון עשו?
און ער זאָגט: איך! — זאָגט ער: דערלאַנג מיר,
און איך וועל עסן מיין זונס פאַנג,
און נאָכדעם גיב איך דיר אַ ברכה.
האָט ער דערלאַנגט אים און ער האָט
געגעסן און פאַרטרונקען וויין.
זאָגט אים דער פאָטער: קום אַהער
און גיב אַ קוש מיר, זון מיינער!
האָט ער גענענט און אים געקושט;
דערשפּירט דעם ריח פון די קליידער,
זאָגט ער: דער ריח פון מיין זון
איז ווי פון פעלד, געבענטשט פון גאָט;
זאָל גאָט דיר געבן טוי פון הימל,
פעטס פון דר'ערד, פיל קאָרן, וויין,
און פעלקער זאָלן דינען דיר
און אומות — בוקן זיך פאַר דיר,
וועסט זיין אַ האַר צו דיינע ברידער
דיין מאַמעס זין — אויף קני פאַר דיר.

וועד ס'שילט דיר, איז אליין געשאָלטן.
וועד ס'בענטשט דיר, איז אליין
געבענטשט.
און ווי נאָר יצחק האָט פאַרענדיגט
צו געבן יעקבן די ברכה,
און ווי נאָר יעקב איז אַרויס, —
איז עשו פון זיין פאַנג געקומען
און ער האָט אויך געמאַכט די שפּייזן
געבראַכט דעם פאָטער און געזאָגט:
שטיי, פאָטער, אויף און עס מיין פאַנג
און זאָלסט דערפאַר מיר נאָכדעם
בענטשן!
פרעגט יצחק: „ווער ביסטו?" זאָגט ער:
„איך בין דיין זון דיין עלצטער עשו".
און יצחק האָט זיך שטאַרק דערשראָקן
און האָט געפרעגט: טאָ ווער האָט עס
מיר פאַנג געבראַכט, און כ'האָב געגעסן
נאָך פאַר דיין קומען און געבענטשט אים?
ווי עשו האָט דערהערט די ווערטער,
האָט ער געשריען שטאַרק און ביטער
און האָט געזאָגט: בענטש מיך אויך,
פאָטער!
האָט ער געזאָגט: עס איז דיין ברודער
געקומען שוין צו מיר מיט שווינדל
און האָט דיין ברכה צוגענומען.
זאָגט עשו: „ווייל מ'רופט אים יעקב,
האָט ער באַשווינדלט מיך שוין צוויי
מאָל?
איינמאָל מיין בכורה צוגענומען
און איצט גענומען אויך מיין ברכה!
און ער האָט נאָך געזאָגט צום פאָטער:
„האָסט דאָך פאַר מיר נאָך אויך
אַ ברכה?!"
און יצחק ענטפערט עשו'ן:
כ'האָב אים אַ האַר געמאַכט אויף דיר,
די ברידער אים געמאַכט פאַר קנעכט,
מיט וויין און קאָרן אים געבענטשט, —
וואָס קען איך דיר נאָך טאָן, מיין זון?
און עשו רופט זיך אָן צום פאָטער:
צי האָסטו איין ברכה געהאַט?
בענטש, טאַטע, מיר נאָך אויך אַצינד!
און האָט צוויינט זיך אויפן קול.
און יצחק ענטפערט אים און זאָגט:
זאָל פעטס פון ערד זיין אין דיין זיץ
און פונם טוי פון הימל אויבן,
און לעבן זאָלסטו אויף דיין שווערד,
דעם ברודער אָבער מוזטו דינען
און אַז עס ווערט דיר שווער, זאָלסטו
דיין יאָך אַראָפּרייסן פון האַלדז.
האָט עשו פיינט געהאַט זיין ברודער,
ווייל ס'האָט דער פאָטער אים געבענטשט,
און עשו האָט געטראַכט אין האַרצן:
זאָל זיך דערנענטערן די צייט
פון טאַטנס טרויער, וועל איך דאַמאָלס
דערהרגענען מיין ברודער יעקב.
האָט רבקה זיך דערוואוסט, וואָס עשו
וויל טאָן זיין ברודער יעקבן,
און זי האָט יעקבן גערופן
און אים געזאָגט: הער צו, מיין קינד,
דיין ברודער עשו וויל דיך טויטן,
אַנטלויף - זשע איצט צו לבנען,
מיין ברודער, און פאַרבלייב ביי אים
אין חרן אַ געוויסע צייט,
ביז ס'וועט פאַרגיין דיין ברודערס צאָרן,

און ער פאַרגעסט, וואָס האָסט געטאָן
און דאַמאָלס שיק איך און איך נעם
דיך אָפּ פון דאָרט; צו וואָס זאָל איך
פאַרלירן ביידע אין איין טאָג?
און רבקה זאָגט צו יצחקן:
עס איז מיין לעבן מיר שוין מיאוס
פאַר די בנות ־ חת; אויב יעקב נעמט
אַ ווייב זיך פון די היגע טעכטער —
צו וואָס ־ זשע טויג מיר גאָר דער לעבן?
האָט יצחק יעקבן גערופן
און אים געבענטשט און אים פאַרזאָגט:
נעם ניט קיין ווייב פון כנענס טעכטער!
שטיי אויף און גיי אין פדן ארם,
צו בתואלן, דיין מוטערס פאָטער,
און זאָלסט זיך נעמען דאָרט אַ ווייב
אַ טאָכטער פון דיין פעטער לבן
און גאָט דער אַלמעכטיגער זאָל
דיך בענטשן און דיך פרוכפּערן,
פאַרמערן צו אַ גרופּע פעלקער,
די ברכה אברהמס דיר געבן
און דיינע קינדער וואָס נאָך דיר,
זאָלן ירשענען דיין וואוינונג ־ לאַנד,
ווי צוגעזאָגט צו אברהמען.
אַזוי האָט יצחק אים געשיקט
צום פעטער לבן דעם ארמי.

## יעקבס חלום

איז יעקב אַרויס פון באר ־ שבע
געגאַנגען קיין חרן, באַגעגנט
אַן אָרט, און נאָך זון ־ אונטערגאַנג
זיך אָפּגעשטעלט נעכטיגן דאָרטן,
געלייגט זיך אַ שטיין פונם אָרט
צוקאָפּנס, אַנטשלאָפן געוואָרן,
און ס'האָט אים געחלומט: אַ לייטער
שטייט דאָרט אויף דער ערד, און זיין
שפּיץ
דערגרייכט ביזן הימל, און ס'גייען
מלאכים אַרויף און אַראָפּ
און אויבן שטייט גאָט און ער זאָגט:
איך בין דער גאָט פון אברהם,
דיין פאָטער, און דער גאָט פון יצחק;
די ערד, וואָס דו ליגסט איצט אויף איר,
גיב איך דיר אָפּ און דיינע קינדער
און ס'וועט דיין נאָכקום זיין ווי שטויב
און דו וועסט ווערן אויסגעשפּרייט
אויף מערב, מזרח, צפון, דרום
און בענטשן וועלן זיך מיט דיר
די פעלקער אַלע פון דער ערד,
און איך בין אומעטום מיט דיר
און וועל דיר היטן וואו דו גייסט
און ברייננג צוריק דיך אין דער לאַנד
ווייל איך פאַרלאָז דיך ניט, ביז וואַנען
כ'וועל טאָן, וואָס כ'האָב דיר צוגעזאָגט.
האָט יעקב דערוואַכט פון זיין שלאָף,
געזאָגט: „עס איז גאָט דאָ פאַראַן,
און איך האָב עס גאָרניט געוואוסט".
און ער האָט געפאָרכט און געזאָגט:
ווי פאָרכטיג דער דאָזיגער אָרט.
ניט אַנדערש, נאָר דאָס איז גאָטס הויז,
און דאָ איז דער טויער פון הימל!
און יעקב איז פרי אויפגעשטאַנען,
גענומען דעם שטיין פון צוקאָפּנס,
אוועקגעשטעלט אים אַ מצבה,
מיט בוימל באַגאָסן זיין שפּיץ,

און „בית - אל" גערופן דעם אָרט,
וואָס האָט זיך גערופן גאָר לוז.
און ער האָט אַ נדר געטאָן:
אויב גאָט וועט מיך היטן אין וועג
און געבן מיר ברויט און אַ בגד
און איך קום אין שלום צוריק
אַהערצו, אין הויז פון מיין פאָטער, —
וועט דאַמאָלס דער שטיין, די מצבה,
ביי מיר זיין אַ טעמפּל פאַר גאָט,
און איך וועל אים אָפּשיידן מעשר
פון אַלץ, וואָס ער האָט מיר געשיינקט.

## יעקב, רחל און לאה,

און יעקב איז געגאַנגען ווייטער
אין דער לאַנד פון די בני - קדם
און האָט דערזען אין פעלד אַ ברונים
און ס'ליגן דאָרט דריי סטאַדעס שאָף,
וואָס פלעגן טרינקען פונם ברונים,
און ס'ליגט אויף אים אַ גרויסער שטיין,
און אַז עס פלעגן אַלע סטאַדעס
צונויפקלייבן זיך דאָרט ביים ברונים,
פלעגט מען דעם שטיין אַרונטערקייקלען
און אָנטרינקען די גאַנצע שאָף,
דעם שטיין אַרויפקייקלען צוריק.
און יעקב פרעגט די פאַסטוכער:
פונוואַנען זייט איר, ברידער מיינע?
זיי זאָגן: מיר זיינען פון חרן.
„צי קענט איר לבן, נחורס זון"?
„מיר קענען אים". „איז ער געזונט"?
„געזונט; און אָט זיין טאָכטער רחל
קומט אָן אַהערצו מיט די שאָף".
זאָגט ער: דער טאָג איז דאָך נאָך גרויס.
ניט צייט נאָך אויפקלייבן די פי;
טרינקט אָן די שאָף און גייט נאָך פּאַשען".
זיי ענטפערן: „מיר קענען ניט,
ביז ס'קומען זיך צונויף די סטאַדעס,
צוזאַמען קייקלט מען אַראָפּ
דעם שטיין און מען טרינקט אָן די שאָף".
און ווי ער רעדט אַזוי מיט זיי,
און אָט קומט רחל לבנס טאָכטער,
וואָס האָט געפירט דעם פאָטערס שאָף.
און ווי נאָר יעקב האָט דערזען
זיין פעטערס טאָכטער מיט איר שאָף,
האָט ער גענענט און האָט דעם שטיין
אַראָפּגעקייקלט פונם ברונים
און אָנגעטרונקען רחלס שאָף
און האָט געקושט איר און געוויינט
און האָט דערציילט איר, אַז ער איז
איר פאָטערס פריינט און רבקה'ס זון.
איז זי געלאָפן און דערציילט
איר פאָטער; און ווי לבן האָט
דערהערט, אַז ס'קומט זיין שוועסטערס זון
איז ער געלאָפן אים אַנטקעגן,
געהאַלדזט אים און געקושט, געבראַכט
אַהיים צו זיך, און יעקב האָט
דערציילט אים אַלץ, וואָס ס'איז געשען.
און לבן זאָגט צו יעקבן:
„דו ביסט מיין ביין דאָך און מיין לייב!"
און יעקב איז ביי אים געזעסן
אַ חודש צייט; נאָכדעם זאָגט לבן:
צי ווייל דו ביסט אַ ברודער מיינער,
דאַרפסטו אומזיסט באַדינען מיר?
זאָג מיר נאָר, וואָס זאָל זיין דיין לוין?
און לבן האָט געהאַט צוויי טעכטער

די גרויסע האָט געהייסן לאה,
די קליינע האָט געהייסן רחל,
און לאה'ס אויגן זיינען שוואַכע,
און רחל איז געווען אַ שיינע,
סיי אין געשטאַלט, סיי אויפן פּנים,
האָט יעקב רחלען ליב באַקומען
און האָט געזאָגט צו לבנען:
איך וועל דיך דינען זיבן יאָר
פאַר דיין קליינער טאָכטער רחלען.
זאָגט לבן: „כ'גיב איר בעסער דיר,
אַנשטאָט אַ פרעמדן מאַן צו געבן;
זיץ דאָ ביי-מיר". און יעקב האָט
געדינט פאַר רחלען זיבן יאָר;
געווען איז עס ביי אים ווי זיבן טעג,
ווייל ער האָט איר שטאַרק ליב געהאַט.

און יעקב זאָגט צו לבנען:
גיב מיר מיין ווייב, שוין פול מיין צייט,
וועל איך אַריינקומען צו איר.
און לבן האָט צונויפגעקליבן
אַלע מענטשן פונם אָרט,
געמאַכט אַ מאָלצייט און אינאָוונט
האָט ער געבראַכט זיין טאָכטער לאה
אַריינגעפירט צו יעקבן,
און יעקב איז צו איר געקומען.
און לבן האָט איר מיטגעגעבן
זיין שפחה זלפּה צו באַדינען.
אויף מאָרגן זעט ער, דאָס איז לאה.
און ער פרעגט לבנען: פאַרוואָס
האָסטו אַזוי מיר אָפּגעטאָן?
איך האָב דאָך דיר געדינט פאַר רחלען,
וואָס האָסטו מיך גענאַרט? זאָגט לבן:
מ'טוט אַזוי ניט דאָ, צו געבן

די יונגע פאַר דער עלטערער,
האַלט אויס אַ וואָך מיט דער, וועסטו
באַקומען אויך די צווייטע, אויב
דו דינסט פאַר איר נאָך זיבן יאָר.
און יעקב האָט אַזוי געטאָן,
מיט לאהן אָפּגעלעבט אַ וואָך,
האָט ער געגעבן אים אויך רחלען
און ער האָט רחלען מיטגעגעבן
זיין שפחה בלהה צום באַדינען
און יעקב האָט גענומען רחלען
און האָט געליבט איר מער פון לאה'ן.
און האָט געדינט נאָך זיבן יאָר.
און גאָט האָט לאה'ס טראַכט באַפרוכפּערט
ווייל יעקב האָט איר פיינט געהאַט,
און רחל איז ניט פרוכפּערדיק
און לאה האָט אַ זון געבוירן,

אַ נאָמען אים געגעבן: ראובן,
געזאָגט: גאָט האָט געזען מיין פּיין;
איצט וועט מיין מאַן שוין ליבן מיך.
און נאָכאַמאָל אַ זון געבוירן,
געזאָגט: גאָט הערט, איך בין פאַרהאַסט,
האָט ער געגעבן מיר אויך דעם,
און האָט אים אָנגערופן שמעון.

אַ דריטן מאָל אַ זון געבוירן,
און אים גערופן לוי, ווייל:
מיין מאַן וועט איצט צו מיר זיך קלעפּן.
אַ פערטן מאָל אַ זון געבוירן,
געזאָגט: איצט וועל איך לויבן גאָט
און האָט אים אָנגערופן: יהודה;
און נאָכדעם אויפגעהערט געבוירן.

---

## די צוועלף שבטים.

און רחל זעט, זי האָט קיין קינד ניט,
האָט זי מקנא געווען לאה'ן
און האָט געזאָגט צו יעקבן:
גיב קינדער מיר, אַניט שטאַרב איך!
האָט יעקב'ס צאָרן זיך צוברענט
אויף רחלען און ער האָט געזאָגט:
צי בין איך אָנשטאָט גאָט, וואָס האָט
אַ קינד פארמיטן פון דיין לייב?
האָט זי געענטפערט: אָט איז בלהה,
מיין דינסט; קום דו צו איר, און זי
וועט אויף מיין שויס אַ קינד געבוירן,
וועל איך געבויט ווערן פון איר.
און זי האָט בלהה'ן אים געגעבן,
און יעקב איז צו איר געקומען
און זי איז טראָגעדיג געוואָרן
און האָט געבוירן אים אַ זון.
און רחל זאָגט: ס'איז גאָט געווען
ביי מיר אַ דיין און געהערט
מיין שטים און מיר אַ זון געגעבן —
זי האָט אים אָנגערופן: דן
און בלהה האָט אַ צווייטן זון
געבוירן יעקבן, האָט רחל
אַזוי געזאָגט: כ'האָב שווערע קאַמפן
געהאַט צו קעמפן מיט מיין שוועסטער,
ביז איך האָב ביינעקומען איר.
האָט זי גערופן אים: נפתלי.
נאָכדעם ווי לאה האָט דערזען,
אַז זי האָט אויפגעהערט געבוירן,
האָט זי גענומען איר דינסט זלפה,
געגעבן איר צו יעקבן,
און יעקב איז צו איר געקומען
און זי האָט אים אַ זון געבוירן,
און לאה זאָגט: געקומען גליק!
און האָט אים אָנגערופן: גד.
און זלפה האָט אַ צווייטן זון
געבוירן יעקבן. זאָגט לאה:
מיין גליק! די טעכטער רימען מיך!
און האָט אים אָנגערופן: אשר.
און ראובן האָט אַמאָל אין ווייץ - שניט
געפונען פיילכעלעך אין פעלד
און זיי געבראַכט זיין מוטער לאה'ן
און רחל האָט געזאָגט צו לאהן:
גיב מיר פון דיין זונס פיילכעלעך!
זאָגט זי צו איר: צי איז נאָך קנאַפּ,
וואָס דו נעמסט צו ביי מיר מיין מאַן,
ווילסטו אויך מיין זונס פיילכעלעך?
און רחל האָט געזאָגט: דערפאַר
וועט יעקב זיין ביי דיר די נאַכט,
אָנשטאָט די פיילכלעך פון דיין זון.
און יעקב איז פון פעלד געקומען
אינאָוונט, איז אַנטקעגן אים
געקומען לאה און געזאָגט:
צו מיר קום, ווייל כ'האָב דיך געקויפט
פאַר מיין זונס פיילכעלעך. און ער איז
צו איר געקומען יענע נאַכט
און זי האָט אים אַ זון געבוירן
געזאָגט: ס'האָט גאָט מיין שכר געגעבן
און אָנגערופן אים: יששכר.
און נאָך אַ זעקסטן זון געבוירן,
געזאָגט: אַצינד בין איך באַגליקט,
מיין מאַן וועט זיך צו מיר באַהעפטן,
און האָט אים אָנגערופן: זבולון.
זי האָט אַ טאָכטער אויך געבוירן

און האָט איר אָנגערופן דינה.
און גאָט האָט צוגעהערט צו רחלען,
דערמאָנט איר און איר טראַכט געעפנט
און זי איז טראָגעדיג געוואָרן
און יעקבן אַ זון געבוירן,
געזאָגט: ס'האָט גאָט מיין שאַנד פאַרנומען
און האָט אים אָנגערופן: יוסף, —
„זאָל גאָט מיר געבן נאָך איין זון”! —

## יעקב און לבן.

נאָכדעם זאָגט יעקב לבנען:
לאָז מיך אַוועקגיין אין מיין לאַנד!
גיב מיר די ווייבער און די קינדער,
וואָס איך האָב דיר פאַר זיי געדינט
און איך וועל גיין! — זאָגט לבן אים:
אויב איך האָב חן ביי דיר געפונען,
פאַרלאָז מיך ניט, ווייל איך פאַרשטיי,
אַז דו האָסט מיר געבראַכט אַ ברכה;
באַשטים דיין לוין, וועל איך דיר געבן!
זאָגט יעקב אים: דו ווייסט דאָך, ווי
איך האָב דיין פי געהיט ביי מיר
ווי ווייניג ס'איז געווען פאַר מיר,
און שפּעטער האָט עס זיך פאַרמערט,
ווי איך האָב דיר געבראַכט די ברכה;
און ווען וועל איך פאַר זיך שוין טאָן?
זאָגט לבן: וואָס זאָל איך דיר געבן?
זאָגט יעקב: זאָלסט מיר גאָרניט געבן,
נאָר אויב דו טוסט מיר אָט די זאַך,
וועל איך גיין היטן דיר די שאָף:
איך גיי אַדורך היינט דיינע שאָף
און כ'נעם פאַר מיר צו איטלעכם שעפּס
און איטלעכם ציג, געפינטלטע,
געלאַטעטע, שוואַרצרויטלעכע
און אָט די וועלן זיין מיין לוין.
און דו וועסט מיין גערעכטיגקייט
אַליין זען מאָרגן, ווען דו קומסט
אַדורכלאָזן פאַר זיך מיין לוין —
וואָס ניט געפינטלט, ניט געלאַטעט
און ניט שוואַרצרויטלעך אין מיין פי,
אָט דאָס האָב איך ביי דיר געגנבעט.
זאָגט לבן: „גוט, זאָל זיין אַזוי”!
און ער אַליין האָט אָפּגענומען
אין יענעם טאָג פון זיינע שאָף
וואָס איז געפינטלט און געלאַטעט
שוואַרצרויטלעך און אויך פּוסגעפלעקט,
און אָפּגעגעבן זיינע זין,
און יעקבן געגעבן פּאַשען
די איבעריגע לבנס פי
און אָפּגערוקט אויף דריי טעג גאַנג
די סטאַדעס איינע פון דער צווייטער.
האָט יעקב זיך גענומען שטעקלעך
פון פּאַפּל, נוסבוים און קאַשטאַנעס
געשיילט די הויט אויף זיי אין שטרייפן,
אַנטפּלעקט די ווייסע לייב אויף זיי,
און האָט די אָפּגעשיילטע שטעקלעך
אַוועקגעשטעלט אַנטקעגנאיבער
די רינעס און די קאָריטעס,
וואו ס'קומט די שאָף צו טרינקען וואַסער
און ס'פלעגט די שאָף צוהיצן זיך
אַנטקעגן די געפלעקטע שטעקלעך
און פלעגן שפּעטער נאָר געבוירן
געפינטלטע, געלאַטעטע
שוואַרצרויטלעכע און פּוסגעפלעקטע
און ער האָט אָפּגעשיידט די שאָף,

געמאַכט פֿאַר זיך באַזונדער סטאַדעס,
און ניט מיט לבנס שאָף צוזאַמען
און פֿלעגן שטאַרקע שאָף זיך היצן,
פֿלעגט יעקב אַנשטעלן די שטעקלעך
און האָבן שוואַכע זיך געהיצט
האָט ער די שטעקלעך ניט געשטעלט,
אַזוי איז איטלעכס שוואַכע שאָף
געבליבן נאָר אין לבנס סטאַדע,
די שטאַרקע — נאָר ביי יעקבן,
און ס'איז דער מאַן גאָר רייך געוואָרן,
געהאַט שאָף, רינדער, קעמלען, אייזלען
אויך קנעכט און דינסטן גאָר אַ סך.

## יעקב פֿאַרלאָזט לבנען.

און ס'האָבן לבנס זין גערעדט,
אַז יעקב האָט פֿאַרנומען זייערס
און האָט פֿון זייער פֿאָטערס גוטס
געמאַכט די גאַנצע רייכקייט זיינע.
און לבן האָט געקוקט אויף אים
שוין ניט ווי נעכטן - אייערנעכטן.
און יעקב האָט דערהערט גאָטס שטים:
„גיי אין דיין פֿאָטערלאַנד צוריק"!
און ער האָט רחלען און אויך לאהן
צו זיך אין פֿעלד אַרויסגערופֿן
און האָט אַזוי געזאָגט צו זיי:
איך זע, דער פֿאָטער קוקט אויף מיר
שוין ניט ווי נעכטן - אייערנעכטן;
איר ווייסט דאָך וואויל, אַז איך האָב אים
געדינט מיט אַלע מיינע כּוחות
און ער האָט אָפּגעשפּאָט פֿון מיר,
מיין לוין געביטן וויפֿל מאָל,
נאָר גאָט האָט ניט געלאָזט מיר שלעכטס
טאָן,
און אַז ס'פֿלעגט אייער פֿאָטער זאָגן:
„געפּינטלטע וועט זיין דיין לוין"!
געבוירט די שאָף געפּינטלטע;
און פֿלעגט ער זאָגן: „פּוס געפֿלעקטע",
געבוירט די שאָף נאָר פּוסגעפֿלעקטע.
אַזוי האָט צוגענומען גאָט
דעם פֿאָטערס פֿי און מיר געגעבן.
אַמאָל, ווען ס'האָט די שאָף געהיצט זיך,
האָב איך געשלאָפֿן און געחלומט —
עס שטייען סטאַדעס בעק און לעמער
פֿילפֿאַרביגע, געפּינטלטע
און פּוסגעפֿלעקטע. און עס זאָגט
צו מיר אין חלום גאָטס אַ מלאך:
„איך בין דערזעלבער גאָט פֿון בית - אל,
וואָס האָסט אַ דענקמאָל מיר געזאַלבט
און האָסט אַ נדר מיר געטאָן;
איצט גיי אַרויס פֿון אָט דער לאַנד
צוריק אין לאַנד פֿון דיין געבורט".
און ס'זאָגן רחל און אויך לאה:
„צי האָבן מיר נאָך וועלכן חלק
און אַרב אין אונזער פֿאָטערס הויז?
מיר זיינען פֿרעמדע דאָך ביי אים,
ער האָט פֿאַרקויפֿט אונז ווי די דינסטן,
און אויפֿגעגעסן אונזער גוטס,
און וועמעס רייכקייט האָט עס גאָט
ביי אונזער פֿאָטער צוגענומען?
עס איז דאָך אונזערס, אונזערע קינדערס!
איצט טו וואָס גאָט האָט דיר באַפֿוילן!
און יעקב האָט זיך אויפֿגעהויבן,
די ווייבער זיינע און די קינדער

געלאָזט אַרויפֿזעצן אויף קעמלען,
אַוועקגעפֿירט די גאַנצע פֿי
און אַלע איינגעשאַפֿטע גיטער,
געלאָזט זיך גיין צוריק אַהיים,
אין כּנען, צו זיין פֿאָטער יצחק.
און לבן איז אין יענעם טאָג
געגאַנגען שערן זיינע שאָף
און יעקב האָט אים ניט דערציילט,
אַז ער קלייבט זיך פֿון אים אַוועק.
און רחל האָט אַרויסגעגנבֿעט
די געצנבילדער ביי איר פֿאָטער.
איז ער אַנטלאָפֿן מיט זיין גוטס,
אַדורכגעגאַנגען שוין דעם טייך
און זיך געלאָזט צום גלעד - באַרג.
האָט לבן אויפֿן דריטן טאָג
דערוואוסט זיך, אַז ער איז אַנטלאָפֿן.
האָט ער גענומען זייע ברידער
און נאָכגעיאָגט אים זיבן טעג,
אים אָנגעיאָגט ביים גלעד - באַרג,
געזאָגט אים: וואָס האָסטו געטאָן?
אַנטלאָפֿן ביסטו אין דערשטיל,
באַגנבֿעט מיך, און מיינע טעכטער
געפֿירט ווי שווערד - געפֿאַנגענע,
פֿאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט,
וואָלט איך מיט פֿרייד דאָך דיך באַגלייט
און מיט געזאַנג, מיט פּויק און האַרף,
פֿאַרוואָס האָסטו מיר ניט געלאָזט
אַ קוש טאָן מיינע זין און טעכטער?
דו האָסט אַ נאַרישקייט געטאָן!
איך קען אַצינדער טאָן אייך בייז,
נאָר אייער פֿאָטערס גאָט האָט מיר
ביינאַכט געוואָרנט: „זאָלסט ניט ריידן
מיט יעקבן פֿון גוטס ביז שלעכטס!
אַצינד אויב דו ביסט שוין געגאַנגען,
ווייל האָסט געבענקט אַהיים צום טאַטן,
פֿאַרוואָס האָסטו מיין גאָט געגנבֿעט?
האָט יעקב לבנען געענטפֿערט:
ווייל כ'האָב געפֿאָרכט, אַז וועסט ביי מיר
די טעכטער דיינע צורויבן,
ביי וועמען וועסט דיין גאָט געפֿינען
זאָל יענער באַלד געטויט ווערן.
אַנטקעגן דיינע פֿריינט דערקען
אַלץ, וואָס איז דיינס, און נעם זיך צו.
און ער האָט ניט געוואוסט, אַז רחל
האָט לבנס געצן אָפּגעגנבֿעט.
און לבן גייט אין די געצעלטן
פֿון יעקב, לאה און די דינסטן,
ער זוכט די געצן און געפֿינט ניט.
ער קומט צו רחלען אין געצעלט —
און רחל האָט די געצנבילדער
פֿאַררוקט אין זאָטל פֿונם קעמל
און זיך אַליין געזעצט אויף זיי
און האָט געזאָגט צום פֿאָטער אירן:
זאָל ניט פֿאַרדריסן דיר, מיין האַר,
וואָס איך קען זיך פֿאַר דיר ניט שטעלן,
ווייל איך בין קראַנק! — האָט ער געזוכט
און פֿאָרט די געצן ניט געפֿונען.
איז יעקב צאָרנדיק געוואָרן
און האָט מיט לבנען געקריגט זיך
געזאָגט: מיט וואָס האָב איך געזינדיקט,
וואָס דו האָסט זיך געיאָגט נאָך מיר?
האָסט דורכגעטאַפּט די כּלים מיינע,
צי האָסטו עפּעס דיינס געפֿונען?
לייג דאָ אַוועק פֿאַר דיינע פֿריינט

און מיינע פּריינט, און זאָלן זיי
אַנטשיידן צווישן מיר און דיר.
שוין צוואַנציג יאָר בין איך ביי דיר,
און ס'זיינען דיינע שעפּסן, ציגן
ביי מיר ניט אויסגעשטאָרבן יונגע,
איך האָב דיין שאָף ניט אויפגעגעסן
און ניט געבראַכט דיר קיין פּאַרצוקטע
אַ גנבה פון בייטאָג ביינאַכט
האָב איך געליטן און באַצאָלט,
בייטאָג האָט מיך די היץ געפרעסן,
ביינאַכט די קעלט,—כ'בין ניט געשלאָפן.
איך האָב געדינט דיר צוואַנציג יאָר,
פאַר דיינע טעכטער פערצן יאָר
און נאָכדעם זעקס יאָר פאַר די שאָף,
דו האָסט צענמאָל מיין לוין געביטן.
ווען ס'וואָלט מיר איצט ניט ביי געשטאַנען
דער גאָט פון אברהם און יצחק,
וואָלסטו מיך ליידיג אָפּגעשיקט,
נאָר גאָט האָט צוגעזען מיין פּיין,
די מאַטערניש פון מיינע הענט,
און האָט אַנטשיידט אין יענער נאַכט.
און לבן ענטפערט יעקבן:
די טעכטער זיינען מיינע טעכטער,
די קינדער זיינען מיינע קינדער,
די שעפּסן זיינען מיינע שעפּסן
און וואָס דו זעסט דאָ איז אַלץ מיינס
וואָס קען איך מיינע טעכטער טאָן
און וואָס — די קינדער זייערע?
קום, לאָמיר שליסן איצט אַ בונד
און זאָל ער בלייבן צווישן אונז
און יעקב האָט אַ שטיין גענומען
אַוועקגעשטעלט אים אַ מצבה
און האָט געהייסן זיינע קינדער,
זיי האָבן אָנגעקליבן שטיינער,
און אויפן הויפן דאָרט געגעסן
האָט ער דעם אָרט גערופן: גלעד —
דער הויפן זאָל אַן עדות זיין
פון אונזער ביידנס בונד אַצינד.
און מצפּה האָט מען עס גערופן,
ווייל: גאָט זאָל קוקן צווישן אונז
אַז איינער זאָל דעם אַנדערן
ניט נאַרן אין באַהעלטעניש;
ניט פּייניגן די טעכטער מיינע
ניט נעמען נאָך ווייבער צו זיי
אַן אָט דעם הויפן, די מצבה
ניט איבערשפּרייזן, שלעכטס צו טאָן.
און יעקב האָט געמאַכט אַ מאָלצייט
פאַר זיינע ברידער אויפן באַרג
האָט מען געגעסן און גענעכטיגט.
אויף מאָרגן אינדערפרי האָט לבן
געקושט די טעכטער און די זין,
געזעגנט זיי און איז אַוועק,
און יעקב איז זיין וועג געגאַנגען
און האָט באַגעגנט דאָרט מלאכים,
געזאָגט: דאָס איז אַ מחנה גאָטס —
דעם אָרט „מחנים" אָנגערופן.

## די ברידער באַגעגענען זיך.

און יעקב האָט אַרויסגעשיקט
צו עשו'ן זיין ברודער שלוחים
און זיי באַפוילן אים צו זאָגן;
אַזוי זאָגט דיין קנעכט יעקב: „כ'האָב
ביי לבנען געוואוינט ביז איצט
און האָב דערוואָרבן אָקסן, אייזלען,

שאָף, קנעכט און דינסטן, און איך שיק
דיר אָנצוזאָגן עס, מיין האַר,
איך זאָל געפינען חן ביי דיר".
די שלוחים זיינען אַפּגעגאַנגען,
צוריקגעקומען און דערציילט:
„געווען ביי עשון דיין ברודער;
אַצינד גייט ער אַנטקעגן דיר
און האָט מיט זיך פירהונדערט מאַן".
האָט יעקב זייער זיך דערשראָקן
און האָט צוטיילט אין מחנות צוויי
זיין פאָלק און שאָף און רינד און קעמל,
און האָט דערביי אַזוי געטראַכט:
„אויב עשו קומט און שלאָגט איין מחנה,
וועט נאָך די צווייטע מחנה בלייבן".
און יעקב האָט צו גאָט געבעטן:
גאָט פון מיין פאָטער אברהם
און יצחק, וואָס האָט מיר געזאָגט:
„זאָלסט גיין צוריק אין דיין געבורט־לאַנד
און איך וועל גוטס טאָן דאָרט מיט
דיר" —
איך בין צו קליין פון אַלע גנאָדן
און אמתן, וואָס האָסט געטאָן
מיט מיר, דיין קנעכט; ווייל מיט מיין
שטעקל
בין איך דעם ירדן דורכגעגאַנגען
און איצט פאַרמאָג איך מחנות צוויי.
דו ראַטעווע מיך פון מיין ברודער,
פון עשון, ווייל איך האָב מורא,
ער זאָל ניט קומען איבער מיר
און שלאָגן מוטערס מיט די קינדער.
און דו האָסט מיר דאָך צוגעזאָגט,
מיר גוטס טאָן, און די קינדער מיינע

פאַרמערן, ווי דער זאַמד פון ים,
וואָס קיינער קען ניט איבערציילן.
ער האָט גענעכטיגט דאָרט די נאַכט,
גענומען פון זיין האָב און גוטס
מתנות פאַר זיין ברודער עשו:
צוויי הונדערט ציגן, צוואַנציק בעק,
צוויי הונדערט שאָף, באַראַנעס צוואַנציק,
און דרייסיק קעמלען, יונגע מאַמעס,
צוזאַמען מיט די קעלבעלעך,
און פערציק קי און אָקסן צען
און צוואַנציק אייזלען, מוילטירן צען, —
געגעבן אַלץ צו זיינע קנעכט,
אין סטאַדעס, סטאַדעס איינגעטיילט,
און אָנגעזאָגט: איר גייט פאַר מיר,
מאַכט בלויזן צווישן אַלע סטאַדעס.
און האָט דעם ערשטן אָנגעזאָגט:
אויב ס'טרעפט דיך אָן מיין ברודער עשו
און פרעגט דיך: „וועמעס"? און
וואויהין"?
און אויך „פאַר וועמען איז עס אַלץ"?
זאָלסטו אים זאָגן: „אַלץ איז יעקבס
דיין קנעכטס, ער שיקט עס אַ מתנה
פאַר מיין האַר עשו'ן; און אָט
גייט ער אַליין אויך הינטער אונז".
און האָט באַפוילן אויך דעם צווייטן
און אויך דעם דריטן און אויך אַלע,
וואָס גייען הינטער אָט די סטאַדעס,
אַזוי צו זאָגן עשון,
אויב זיי וועלן אים אָנטרעפן.
ער האָט געוואָלט אים איבערבעטן
מיט דער מתנה, וואָס גייט פריער,
און נאָכדעם פאַר אים ווייזן זיך,

וועט עשו אפשר שיינקען אים.
און די מחנה איז אריבער,
און ער אליין איז דאָ פאַרבליבן,
אין מחנה נעכטיגן ביז פרי.
ביינאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט,
גענומען זיינע ווייבער צוויי,
גענומען אויך די דינסטן צוויי,
און אויך די קינדער זיינע עלף
אַדורכגעפירט דעם בריק פון יבוק,
אַדורכגעפירט זיין גאַנץ פאַרמעגן,
און יעקב איז אַליין געבליבן.
האָט זיך אַ מאַן מיט אים געראַנגלט
די גאַנצע נאַכט ביז אינדערפרי;
געזען, אַז ער קומט אים ניט בײַ,
האָט יענער יעקבן ביים דיך,
אַ ריר געטאָן, און, ראַנגלענדיג זיך,
האָט יעקב'ס דיך זיך אויסגעלונקען.
און יענער זאָגט: לאָז מיך אַוועק,
ווייל דער פרימאָרגן גייט שוין אויף.
און יעקב זאָגט: כ'לאָז דיך ניט אָפּ,
ביז וואַנען דו גיסט מיר אַ ברכה.
פרעגט ער: ווי הייסטו? זאָגט ער: יעקב.
און יענער זאָגט: ניט יעקב וועט מען
דיך ווייטער רופן, נאָר ישראל,
ווייל האָסט געקעמפט מיט גאָט און
מענטשן
און האָסט זיי אַלע בייגעקומען,
און יעקב פרעגט אים: ווי הייסטו?
זאָגט ער: צו וואָס מיין נאָמען פרעגן?
און האָט אַ ברכה אים געגעבן.
האָט יעקב יענעם אָרט גערופן פנואל
ווייל כ'האָב גאָטס פנים דאָ געזען
און ווען ער איז אריבער פנואל,
האָט דאַמאָלס אויפגעשיינט די זון,
און ער האָט אויפן דיך געהונקען.

---

און יעקב זעט, אָט קומט שוין עשו,
און פירהונדערט פאַרשוין מיט אים;
האָט ער צוטיילט די קינדער זיינע
אויף לאה'ן, רחלען און די דינסטן,
צוערשט די דינסטן, נאָכדעם לאה,
און אין דער לעצטער ריי גייט רחל
מיט יוספן; און יעקב איז
אַרויס אין פראָנט און זיבן מאָל
געבוקט זיך, ביז ער האָט געגענט
צום ברודער. עשו איז געלאָפן,
אַנטקעגן אים, אַרומגעאָרימט,
געפאַלן אויפן האַלדז, געקושט,
און ביידע האָבן זיך צעוויינט.
געזען די ווייבער און די קינדער,
פרעגט עשו אים: ווער זיינען זיי?
זאָגט יעקב: דאָס זיינען די קינדער,
וואָס גאָט האָט מיר, דיין קנעכט,
געשיינקט.
און אויך די דינסטן מיט די קינדער
האָבן געגענט און זיך געבוקט,
נאָכדעם גייט לאה מיט די קינדער
און שפּעטער רחל און אויך יוסף.
און עשו פרעגט: וואָס איז עס דאָרט
די מחנה, וואָס איך האָב באַגעגנט?
ער ענטפערט: דאָס איז צו געפינען
גענעדיגקייט ביי דיר, מיין האַר.
זאָגט עשו: כ'האָב אַ סך, מיין ברודער;
זאָל זיין ביי דיר וואָס דו פאַרמאָגסט.

און יעקב זאָגט: ניין, אויב איך האָב
גענעדיגקייט ביי דיר געפונען,
נעם מיין מתנה צו ביי מיר,
ווייל גאָט האָט מיר געגעבן אַלץ.
און יעקב האָט אים שטאַרק געבעטן,
האָט ער גענומען און געזאָגט:
איצט לאָמיר רירן, ווייטער גיין,
און איך וועל גיין מיט דיר צוזאַמען.
זאָגט יעקב אים: דו זעסט, מיין האַר,
ווי מיינע קינדער זיינען שוואַך
די שאָף און רינדער זיינען יונג,
און זאָל מען איין טאָג זיי נאָר טרייבן,
וועט אויסשטאַרבן די גאַנצע שאָף.
זאָל גיין מיין האַר דאָ פאַר זיין קנעכט,
און איך וועל וואַנדרעווען פאַמעלעך
מיט מיינע קינדער און די פי,
ביז איך קום צו מיין האַר קיין שעיר.
זאָגט עשו: לאָמיר אָפּשטעלן
ביי דיר אַ ביסל פון מיין פאָלק
זאָגט ער: צו וואָס, אויב איך געפין
גענעדיגקייט ביי דיר, מיין האַר?
און עשו האָט אין יענעם טאָג
זיך אומגעקערט צו זיך קיין שעיר,
און יעקב איז אַוועק קיין סוכּות,
און האָט געבויט פאַר זיך אַ הויז
און ביידלעך פאַר די פי געמאַכט —
האָט מען דעם אָרט גערופן „סוכּות".
און יעקב איז געקומען גאַנץ
קיין שכם, וואָס אין דער לאַנד כנען,
און האָט באַזעצט זיך פאַר דער שטאָט,
געקויפט דעם פלאַץ פאַר זיין געצעלט
פאַר הונדערט קשיטה ביי די זין
חמור'ס שכמס ברידער, און געשטעלט
דאָרט אַ מזבח צו זיין גאָט,
אים אָנגערופן: גאָט ישראלס.

---

## דינה.

און דינה, לאה'ס טאָכטער, איז
אַרויס באַקענען זיך מיט מיידלעך
האָט איר דערזען שכם, זון חמורס,
דעם פירשטס פון לאַנד, גענומען איר
און איר באַשלאָפן און געפייניגט.
ער האָט די מיידל ליב געקריגן
און האָט געזאָגט צום טאַטן זיינעם:
נעם מיר די מיידל פאַר אַ ווייב!
און יעקב איז געוואויר געוואָרן
אַז יענער האָט געשענדט זיין טאָכטער
האָט ער געשוויגן, ביז עס וועלן
די זין זיך אומקערן פון פעלד,
און אַז זיי זיינען אָנגעקומען
און יעקב האָט עס זיי דערציילט,
האָט זייער צאָרן זיך צופלאַקערט,
ווייל יענער איז אַ שאַנד באַגאַנגען.
און ס'איז חמור, דער פאָטער שכמס,
צו זיי געקומען און געזאָגט:
מיין זון געלוסטיגט אייער טאָכטער
גיט אים אַוועק איר פאַר אַ ווייב,
און איר וועט זיך מיט אונז פאַרבינדן,
די טעכטער אייערע אונז געבן
און טעכטער אונזערע אייך נעמען
און זיצן וועט איר צווישן אונז,
און ס'וועט די גאַנצע לאַנד פאַר אייך
זיין,
איר וועט דאָ זיצן און דאָ האַנדלען

און דאָ דערווערבן אייגנטום.
און ס'האָט אויך שכם צו זיי געזאָגט:
לאָמיך בײַ אײַך געפינען חן,
און וואָס איר זאָגט מיר, וועל איך טאָן;
פאַרלאַנגט אײַך ‧פרײַזן און מתנות,
אַלץ, וואָס איר ווילט, וועל איך אײַך
געבן, —

גיט נאָר די מיידל פאַר אַ ווײַב מיר! —
און ס'האָבן יעקבס זין געענטפערט
מיט ביטערקייט: — מיר קענען ניט
אַוועקגעבן דיר אונזער שוועסטער,
ווי לאַנג דו ביסט נאָך ניט באַשניטן;
מיר וועלן איינשטימען, נאָר אויב
איר וועט באַשניידן איטלעכס זכר,
און איר וועט זײַן אַזוי ווי מיר,
ערשט דאַמאָלס וועלן מיר אײַך געבן
די טעכטער אונזערע פאַר ווײַבער
און וועלן אײַערע זיך נעמען
און בלײַבן דאָ — איין פאָלק מיט אײַך,
און אויב איר ווילט זיך ניט באַשניידן,
פאַרנעמען מיר מיט אונדז די שוועסטער
און לאָזן זיך אַוועק פון דאַנען.
איז עס חמורן וואוילגעפעלן
און זײַן זון שכם, וואָס איז געווען
געאַכפּערט מער פון אַלעמען
אין דער משפּחה פון זײַן פאָטער
און זיי זײַנען צום שטאָט - טויער
געקומען און אַזוי געזאָגט:
די מענטשן זײַנען גוט מיט אונדז,
זיי ווילן זיצן, האַנדלען דאָ —
די לאַנד איז ברייט גענוג פאַר זיי —
די טעכטער אונזערע זיך נעמען
און געבן זייערע צו אונדז
נאָר איינס פאַרלאַנגען זיי פון אונדז
באַשניידן זאָל זיך איטלעכס זכר,
ווי זיי באַשניידן זיך, און דאַמאָלס
באַזעצן זיי זיך דאָ מיט אונדז
און זייער פי און די פאַרמעגנס
אַלץ, אַלץ וואָס זייערס, איז אויך אונזערס.
און ס'האָבן אַלע שטאָט - מענטשן
געפאָלגט חמורן און זײַן זון,
געלאָזט באַשניידן איטלעכס זכר.
און ס'איז געווען דעם דריטן טאָג,
ווען זיי האָבן געליטן ווייטאָג,
האָט שמעון מיט זײַן ברודער לוי,
צוויי יעקב'ס זין, גענומען שווערדן,
און ביידע זײַנען אין דער שטאָט
געקומען שטיל און אויסגעהרגעט
די זכרים אַלע, אויך המור
און שכם זײַן זון געשלאָגן טויט,
גענומען דינה'ן פון שכמס הויף;
נאָכדעם געלאָזט זיך אין דער שטאָט,
וואו דינה איז געשענדט געוואָרן,
און האָבן צוגענומען אַלץ,
פון שאָף ביז רינד, פון ווײַב ביז קינד,
אַלץ וואָס אין שטוב און וואָס אין פעלד,
און יעקב זאָגט צו ביידע זין:
איר האָט פאַרדאָרבן און פאַרמיאוסט
מײַן נאָמען בײַ די היגע לײַט,
דעם כּנעני און דעם פריזי — און
איך בין דאָך אַזאַ קליינע צאָל,
זיי וועלן זיך צונויפזאַמלען
און שלאָגן מיך, פאַרטיליגן,
מיך מיט מײַן גאַנצער הויז - געזינד!

און זיי האָבן געענטפערט אים:
צי האָבן מיר געזאָלט אים לאָזן
די שוועסטער מאַכן ווי אַ זונה?! —

## יעקב אין כנען

האָט יעקב זיין געזינד באַפוילן
און אַלע זייניגע: שאַפט אָפּ
די פרעמדע געטער, וואָס ביי אייך
און רייניגט אייך און בייט די קליידער
און לאָמר אַלע גיין קיין בית - אל,
וועל איך דאָרט אַ מזבח שטעלן
פאַר גאָט, וואָס האָט דעם גאַנצן וועג
פון אַלע צרות מיר געהאָלפן.
און זיי האָבן אים אָפּגעגעבן
די פרעמדע געטער, וואָס ביי זיי,
און פון די אויערן די רינגען
און יעקב האָט עס אַלץ באַהאַלטן
ביים לינדנבוים, וואָס לעבן שכם
און זיי האָבן אין וועג געצויגן.
און ס'איז אַ שרעק פון גאָט געפאַלן
אויף אַלע שטעט וואָס דאָרט אַרום,
ניט נאָכצויאָגן די בני - יעקב.
און יעקב איז קיין לוז געקומען,
וואָס אין לאַנד כנען, דאָס איז בית - אל
צוזאַמען מיט זיין גאַנצן פאָלק,
האָט אַ מזבח דאָרט געבויט
און האָט דעם אָרט גערופן בית - אל,
ווייל דאָרט האָט גאָט צו אים
אַנטפּלעקט זיך
ביי זיין אַנטלויפן פאַר זיין ברודער.
און גאָט האָט דאַמאָלס אים געזאָגט:
ניט יעקב וועט דיין נאָמען זיין,
נאָר רופן וועט מען דיך ישראל,
דו וועסט זיך פרוכפּערן און מערן,
און פעלקער וועלן זיין פון דיר,
פון דייע לענדן קומען מלכים
און אָט די לאַנד, וואָס כ'האָב געגעבן
צו אברהם און אויך צו יצחק,
גיב איך אָפּ דיר און דיינע קינדער.
און יעקב האָט אין יענעם אָרט
געשטעלט אַ שטיינערנע מצבה,
געגאָסן ווייַן, געשמירט מיט בוימל
און יענעם אָרט גערופן בית - אל.
און אַז ער איז אַוועק פון דאָרט,
נאָך אַ שטיק וועג געוועזן ביז אפרת,
האָט רחל אַ געבורט געהאַט
און איז גאַנץ שווער צו קינד געגאַנגען.
עס האָט די הייב - אַם איר געזאָגט:
ניט פאָרכט, ס'איז אויך ביי דיר אַ זון!
איז איר דער אָטעם אויסגעגאַנגען,
און זי איז אין געבורט געשטאָרבן.
גערופן האָט זי אים: בן - אוני —
זון פון מיין טרויער, און דער פאָטער
האָט אָנגערופן אים: בנימין,
און ער האָט רחלען דאָרט באַגראָבן
אין וועג קיין אפרת, ס'איז בית - לחם,
געשטעלט אַ דיינקמאָל אויף איר קבר,
און ביז היינט שטייט דאָרט די מצבה.
און יעקב איז נאָכדעם געקומען
קיין ממרא צו זיין פאָטער יצחק
נאָכדעם איז יצחק אויסגעגאַנגען,
געשטאָרבן אַלט און זאַט מיט יאָרן
— האָט הונדערט אַכציג יאָר געלעבט.
און ס'האָבן אים די זין באַגראָבן.

נאָכדעם האָט עשו מיטגענומען
די ווייבער, זין און טעכטער זיינע,
און אַלע שטוב - לייט, שאָף, בהמות
און אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן
אין לאַנד כּנען זיצנדיג,
און איז אַוועק פון יעקבן,

ווייל ניט געקענט האָט שוין די לאַנד
פאַרטראָגן זייערע פאַרמעגנס,
וואָס איז געוואָרן זייער גרויס.

וואוינט עשו - אדם אויף באַרג שעיר,
און יעקב איז געבליבן זיצן
אין פאָטערס וואוין־אָרט, אין לאַנד כּנען.

# יוסף

## יוספס חלומות.

אָט איז די געשיכטע יוספס:
זיבעצן יאָר אַלט, פּלעגט ער פּאַשען
שאָף, צוזאַמען מיט די ברידער,
פּלעגט זיך חברן מיט די זין
פון די קעבסווייבער דעם פאָטערס,
זין פון בלהה און פון זילפּה,
און אויף זיי רכילות טרייבן
פאַרן פאָטער. און ס'האָט יעקב
ליב געהאַט אים מער פון אַלע,
ווייל ער איז זיין בן זקונים
און דער טאַטע פּלעגט אים מאַכן
אַ קאָלירטע זיידנהעמדל.
און דערפאַר, וואָס אים האָט יעקב
מער געליבט פון אַלע ברידער,
האָבן זיי אים פיינט געהאַט,
קיין גוט ־ וואָרט אים ניט געזאָגט.

*

און אַמאָל דערציילט זיי יוסף,
וואָס ס'האָט אים די נאַכט געחלומט:
בינדן גאַרבן מיר אין פעלד,
און ס'האָט זיך מיין גאַרב געשטעלט
און אַזוי געבליבן שטיין
און די גאַרבן אייערע
האָבן איר אַרומגערינגלט
און געבוקט זיך פאַר מיין גאַרב.

ענטפערן די ברידער אים:
ווילסטו קיניגן אויף אונז?
ווילסטו הערשן איבער אונז?
און זיי האָבן אים פון דאַמאָלס
שטאַרקער נאָך געקריגן פיינט
אָט פאַר די חלומות זיינע
און דערפאַר, וואָס ער דערציילט עס.

*

און געזען האָט ער אַ צווייט מאָל
נאָך אַן אויסטערלישן חלום
און ער האָט דערציילט די ברידער:
הערט, וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט:
אַז די זון און די לבנה
און עלף שטערנס אַרום זיי —
אַלע בוקן זיך פאַר מיר.
ווי ער האָט דערציילט דעם חלום
פאַרן פאָטער און די ברידער,
האָט דער פאָטער זיך געבייזערט
און צו אים אַזוי געזאָגט:
וואָס באַטייט דער חלום דיינער?
צי מיר אַלע וועלן קומען,
איך, דיין מאַמע, דיינע ברידער,
בוקן זיך פאַר דיר צו דר'ערד?
און די ברידער האָט'ס פאַרדראָסן,
און דער פאָטער האָט'ס געדיינקט.

## מכירת יוסף.

איינמאָל זיינען זיינע ברידער
מיטן טאַטנס שאָף פאַרגאַנגען
אויף דער פּאַשע אַזש קיין שכם.
זאָגט צו יוספן דער פאָטער:
כ'וועל דיר שיקן צו די ברידער,
וועלכע פּאַשען איצט אין שכם
ענטפערט יוסף: איך בין גרייט.
זאָגט ער אים: גיי, ווער געוואָר,
וואָס עס מאַכן דיינע ברידער,
וואָס עס מאַכט אויך אונזער שאָף,
קום צוריק און ברייננ אַן ענטפער.
האָט ער אים געשיקט פון חברון
און ער איז ביז שכם געקומען.
און אַ מאַן האָט אים באַגעגנט,
ווי ער בלאָנדזשעט דאָרט אין פעלד,
פרעגט דער מאַן אים: וואָס זוכסטו?
ענטפערט יוסף: מיינע ברידער;
זאָג מיר, כ'בעט דיך, וואו זיי פּאַשען?
ענטפערט יענער: דיינע ברידער;
זיינען שוין אַוועק פונדאַנען;
ווייל איך האָב געהערט זיי זאָגן:
לאָמיר אָפּציען קיין דותן.
יוסף גייט נאָך זיינע ברידער
און געפינט זיי דאָרט אין דותן.

*

האָבן זיי דערזען דעם ברודער
פונדערווייטנס גייענדיג,
איידער ער האָט זיך דערנענטערט,
האָבן זיי זיך אָפּגערעדט,
אים צו טויטן; און געזאָגט
האָט אַ ברודער צו אַ ברודער:
אָט גייט דאָרט דער בעל - חלומות;
קומט, לאָמיר אים שלאָגן טויט
און אין גרוב אַריינוואַרפן
און דעם טאַטן נאָכדעם זאָגן:
„ס'האָט אַ חיה אים פאַרצוקט!"
און מיר וועלן טאַקי זען,
וואָס וועט זיין פון די חלומות.
האָט ראובן עס געהערט
און געזאָגט זיי: ניין, ניט טויטן!
נאָר קיין בלוט דאָ ניט פאַרגיסן!
וואַרפט אים אין דער גרוב אַריין,
וואָס אין מדבר דאָ דערנעבן,
נאָר קיין האַנט לייגט ניט אויף אים!
(האָט געוואָלט אים ראַטעווען
און אים אָפּברייננגען דעם טאַטן).

*

און ווי יוסף איז געקומען
נענטער צו די ברידער זיינע
האָבן זיי אַראָפּגעצויגן
באַלד פון אים די זיידנהעמדל,
אים געכאַפּט, אַוועקגעטראָגן
(און די גרוב איז לער געשטאַנען,
ניט געווען אין איר קיין וואַסער.)
און געזעצט זיך עסן ברויט.
שפּעטער האָבן זיי דערזען,
ווי אַ קאַראַוואַן ישמעאלים
גייען קומענדיג פון גלעד,
און די קעמלען אָנגעלאָדן
נעגעלעך און לוט און באַלזאַם,
פירן אַלץ עס קיין מצרים.
זאָגט יהודה צו די ברידער:
וואָס זשע וועלן מיר געווינען,

ווען מיר טויטן אונזער ברודער
און מיר דעקן צו זיין בלוט?
לאָמיר בעסער אים פאַרקויפן
אָט צו יענע ישמעאלים!
האָבן צוגעהערט די ברידער
און אַז ס'האָבן זיך דערנענטערט
יענע סוחרים, די מדינים,
האָבן זיי אַרויסגעצויגן
זייער ברודער פון דער גרוב
און פאַר צוואַנציק זילבער־טאָלער
אים פאַרקויפט צו די ישמעאלים.

*

און ווען ראובן איז געקומען
צו דער גרוב און האָט דערזען,
אַז ס'איז יוסף דאָרט ניטאָ,
האָט ער באַלד אויף זיך צוריסן
זיינע קליידער און געגאַנגען
צו די ברידער און געזאָגט:
וויי, דאָס קינד איז דאָרט ניטאָ,
וואו וועל איך אַהינקומען?
האָבן זיי גענומען יוספס
זיידנהעמדל די קאָלירטע,
און אַ ציגעלע געשאָכטן,
איינגעטונקט אין בלוט די העמדל
און איר אָפּגעשיקט דעם טאַטן
און געלאָזט דעם טאַטן זאָגן:
אָט דאָס האָבן מיר געפונען —
דו דערקען, צי איז די העמדל
דיין זון יוספס, אָדער ניט?
יעקב האָט די העמד דערקענט
און געזאָגט: ס'איז מיין קינדס העמדל!
ס'האָט אַ חיה אים פאַרצוקט;
יוסף איז צופליקט געוואָרן!
און צוריסן זיינע קליידער,
אָנגעגורט זיך מיט אַ זאַק
און באַוויינט זיין זון גאַנץ לאַנג.
זיינען זיינע זין און טעכטער
אָנגעקומען אים צו טרייסטן,
ער האָט אָבער ניט געטרייסט זיך
און געזאָגט רק: כ'וועל אין טרויער
נאָך מיין זון אין גרוב שוין נידערן.
און באַוויינט האָט אים דער פאָטער.

*

און די הענדלערס, די מדינים,
האָבן יוספן פאַרקויפט
קיין מצרים, צו פּוטיפר,
פּרעהס דינער, שר פון שעכטערס.
און ס'האָט יוספן געגליקט,
וואָס ער טוט, ווערט אַלץ געראָטן,
און ווען ס'האָט דער האר געזען,
אַז דער קנעכט איז אַ בעל מוצלח,
האָט ער אים געלאָזט פאַרוואַלטן
אויף זיין הויז און זיין פאַרמעג —
אַלץ האָט ער אים אָנגעטרויט.
און געשען איז: זינט דעם טאָג,
וואָס דער האר האָט אים באַשטימט
אויף זיין הויז און זיין פאַרמעג,
איז גאָטס ברכה דאָרט געפאַלן ז
סיי אין הויז און סיי אין פעלד. ח
דאַמאָלס האָט דער האר געלאָזן
גאָר זיין האָב אין יוספס האַנט,
קיין זאַך ניט געוואוסט ביי אים,
נאָר דאָס ברויט, וואָס ער פלעגט עסן.
און געווען איז יוסף שיין

אין געשטאַלט און אויפֿן אָנזען.

---

## אין תּפֿיסה.

נאָך דערדאָזיגער געשיכטע
האָט די ווייב פֿון יוספֿס האַר
אויפֿן יונג אַן אויג געוואָרפֿן
און געזאָגט אים: ליג מיט מיר!
און ס'האָט יוסף ניט געוואָלט
און אַזוי געזאָגט דער פֿרוי:
ס'האָט מיין האַר דאָך גאָר זיין הויז
און פֿאַרמעג מיר אָנגעטרויט;
קיינער איז פֿון מיר ניט גרעסער,
קיין זאַך איז מיר ניט פֿאַרזאָגט,
נאָר בלויז דו אַליין, זיין ווייב,
ווי - זשע קען איך טאָן דאָס בייז
זינדיגן אַצינד פֿאַר גאָט?
און אַזוי ווי זי פֿלעגט ריידן
טאָג נאָך טאָג צו יוספֿן,
און ער האָט איר ניט געפֿאָלגט,
זיך צו לייגן לעבן איר
און צו זינדיגן מיט איר, —
איז געשען אַמאָל, אַז יוסף
איז געקומען צו זיין אַרבעט,
און ס'איז קיינער ניט געווען,
כאַפּט זי אָן אים פֿאַרן קלייד
און זי זאָגט אים: ליג מיט מיר!
און ער האָט זיין קלייד געלאָזן
אין איר האַנט און איז אַנטלאָפֿן
און אַוועק אין גאַס אַרויס.
און ווי ס'האָט די פֿרוי דערזען,
אַז ער האָט זיין קלייד געלאָזן
און אַליין אין גאַס אַנטלאָפֿן,
האָט זי אויפֿגערופֿן אַלע
דינסטלייט פֿון דער גאַנצער שטוב
און צו זיי אַזוי געזאָגט:
זעט, ער האָט געבראַכט אַן עברי
אָפּצושפּאָטן פֿון אונדז אַלע;
איז אַהער אַריינגעקומען
און געוואָלט מיט מיר זיך לייגן,
האָב איך אָנגעהויבן שרייען;
און דערהערט, אַז איך צושריי זיך,
האָט ער דאָ זיין קלייד געלאָזן
און אַליין אין גאַס אַנטלאָפֿן!
און זי האָט די קלייד געלייגט
לעבן זיך, ביז ס'קומט דער האַר,
און זי זאָגט צו אים אַזוי:
קומט צו מיר דער קנעכט דער עברי
אָפּצושפּאָטן דאָ פֿון מיר,
און ווי איך האָב הילף גערופֿן,
לאָזט ער דאָ ביי מיר זיין קלייד
און אַנטלויפֿט אַליין אין גאַס!
און ווי ס'האָט דער האַר דערהערט
זיין ווייבס רייד, האָט ער געצערנט
און האָט יוספֿן גענומען
און געוואָרפֿן אים אין תּפֿיסה,
וואו עס זיצן דאָרט געפֿאַנגען
די פֿאַרברעכערס קעגן קיניג.

*

און ס'האָט יוסף ביי דעם עלצטן
פֿון דער תּפֿיסה חן געפֿונען,
האָט ער אַלע תּפֿיסהניקעס
אין זיין האַנט אַוועקגעגעבן,
ער זאָל האָבן די השגחה
איבער אַלצדינג וואָס זיי טוען.

ס'האָט דער עלצטער פון דער תּפיסה
ניט געזען קיין זאַך ביי אים —
אַלץ טוט יוסף און ס'געראָט אים.
איינמאָל האָבן זיך פאַרזינדיגט
פאַרן מלך פון מצרים
הויכגעשטעלטע שרים צוויי,
דער, וואָס אויף די אָנטרינקערס,
און וואָס איבער אַלע בעקערס,
האָט דער מלך זיי געוואָרפן
אין דערזעלבער תּפיסה - שטוב,
וואו ס'איז יוסף אויך געזעסן,
*

און דער עלצטער פון דער תּפיסה
האָט זיי יוספן געגעבן,
ער זאָל זיין ביי זיי אַ דינער.
זיינען זיי אַ צייט געזעסן.
איינמאָל אינדערפרי זעט יוסף,
ס'איז פאַרכמורעט זייער אויסזען!
פרעגט ער: וואָס זעט איר אויס שלעכט?
און זיי ענטפערן און זאָגן:
ס'האָט אונז היינט ביינאַכט געחלומט
יעדן זיין באַזונדער חלום,
און ניטאָ ווער ס'זאָל באַשיידן.
ענטפערט יוסף זיי און זאָגט:
ס'איז ביי גאָט דאָך דער באַשייד,
טאָ דערציילט מיר אייער חלום!
*

האָט דער עלצטער אָנטרינקער
יוספן דערציילט זיין חלום:
כ'האָב געזען פאַר זיך אַ וויינשטאָק,
אויפן וויינשטאָק צווייגלעך דריי
און ער בליט און טרייבט אויף שפּראָצן,
און ס'צוואַקסן זיך די שטענגלעך,
און עס צייטיגן שוין טרויבן;
איך האַלט פּרעהס כּוס אין האַנט,
נעם איך טרויבן, קוועטש זיי אויס
גלייך אין פּרעהס כּוס אַריין
און דערלאַנג דעם כּוס צו פּרעהן.
ענטפערט יוסף: דער באַשייד איז —
צווייגלעך דריי באַטייט דריי טעג;
אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה,
אויפהויבן צוריק דיין קאָפּ
אויף דיין אַמט צוריק דיך ברענגען,
וועסטו אים דעם כּוס דערלאַנגען,
ווי דער שטייגער פון אַמאָל,
ווען דו פלעגסט אים אָנטרינקען.
און אַז דיר וועט ווערן גוט,
זאָלסטו מיך צו גוטס געדיינקען,
זאָלסט מיט מיר באַגיין אַ חסד
און דערמאָנען מיך פאַר פּרעהן,
צו באַפרייען מיך פון דאַנען.
ווייל געגנבעט האָט מען מיך
פון דער לאַנד פון די העברייער,
כ'האָב אויך דאָ קיין שלעכטס געטאָן,
וואָס מ'האָט מיך אין גרוב געוואָרפן.
*

אַז דער עלצטער פון די בעקערס
האָט געזען, ווי גוט ס'האָט יוסף
יענעם חלום אויסגעלייגט,
זאָגט ער אים: כ'האָב אויך אַ חלום;
אויפן קאָפּ טראָג איך דריי קערבלעך,
און אין קאָרב דעם אויבערשטן
ליגן פּרעהס עסנוואַרגן,
כּלערליי געבעקסן פיינע,

און די פױגלען עסן זײ
פונם קערבל אויף מײַן קאָפּ.
ענטפערט יוסף אים און זאָגט:
אָט איז דער באַשייד פון חלום —
קערבלעך דרײַ באַטײַט דרײַ טעג,
אין דרײַ טעג אַרום וועט פּרעה
אויפהויבן דײַן קאָפּ פון דיר,
אויף אַ בוים דיך אויפהײַנגען,
און די פױגלען וועלן קומען
און דײַן לײַב פון דיר צופּרעסן.
און געננוי אין טאָג דעם דריטן,
דעם געבוירן - טאָג פון פּרעה,
האָט דער מלך פון מצרים
פאַר די קנעכט געמאַכט אַ מאָלצײַט,
און דערמאָנט האָט ער די ביידע,
דעם, וואָס אויף די אָנטרינקערס
און וואָס איבער אַלע בעקערס,
צווישן אַלע זײַנע קנעכט,
און ער האָט דעם שר המשקים
ווידער אויף זײַן אַמט געזעצט,
און דעם עלצטן פון די בעקערס
האָט דער קיניג אויפגעהאַנגען.
ווי ס׳האָט יוסף אויסגעלייגט,
פּונקט אַזוי איז עס געשען.
און עס האָט דער שר המשקים
גאָר אָן יוספן פאַרגעסן,
ניט דערמאָנט אים פאַרן קיניג.

---

## פּרעה׳ס חלום.

איז געשען אין צוויי יאָר שפּעטער,
און ס׳האָט פּרעהן זיך געחלומט
אַז ער שטייט ביים ברעג פון טײַך
און עס שטײַגן אויף פון טײַך
זיבן קי פון שײנעם אויסזען
און פעטלײַביגע - געזונטע
און זײ פּאַשען זיך אין לאָנקע
און אָט שטײַגן אויף פון טײַך,
נאָך זײ, ווידער זיבן קי
מאָגערע, פון שלעכטן אויסזען,
און זײ שטעלן זיך ביים זײַט
פון די זיבן פעטע קי
און די זיבן קי די דאַרע
פרעסן אויף די פעטע קי.
פּרעה כאַפּט זיך אויף, שלאָפט אײַן
און עס חלומט אים זיך ווידער:
זיבן זאַנגען שײנע, פעטע,
וואַקסן אויס פון אײן שפּיץ שטרוי
און נאָך זיבן זאַנגען דאַרע,
אויסגעקלאַפּטע פון די ווינטן,
שפּראָצן, וואַקסן גלײַך נאָך יענע,
און די זיבן דינע זאַנגען
האָבן אײַנגעשלונגען יענע
זיבן זאַנגען פעטע, פולע,
כאַפּט זיך פּרעה אויף — אַ חלום!

*

אין דער פרי קלאַפּט אים אין הארצן,
שיקט ער רופן פון מצרים
די חרטומים און חכמים
און דערציילט פאַר זײ דעם חלום
נאָר ס׳ווייס קיינער ניט קיין פּתרון.
רופט זיך אָן דער שר המשקים
כ׳מוז אַצינד מײַן זינד דערמאָנען:
פּרעה האָט אויף אונז געצערנט
און אונז אײַנגעזעצט אין תּפיסה

מיר און אויך דעם שר האופים.
האָט אונזביידן זיך געחלומט
צוויי חלומות אין איין נאַכט
און געווען איז דאָרט ביי אונז
פון העברייער - לאַנד אַ יונג
ביי דעם תּפיסה - האַר אַ קנעכט.
האָבן מיר דעם יונג דערציילט
און ער האָט אונז אויסגעליינט
די חלומות. און געשען איז
פּונקט ווי ער האָט אויסגעליינט
מיך האָסטו צוריק דערהויבן,
יענעם אָבער אויפגעהאַנגען
און ס'האָט פּרעה באַלד געשיקט
רופן יוספן צו זיך
האָט מען אים אַרויסגעאיילט
פון דער תּפיסה, אָפּגעשוירן,
אומגעביטן זיינע קליידער
און פאַר פּרעהן פאָרגעשטעלט.

*

רופט זיך פּרעה אָן צו אים:
ס'האָט אַ חלום מיר געחלומט,
קיינער קען אים ניט באַשיידן,
און איך האָב געהערט דערציילן,
דו קענסט אויסלייגן אַ חלום
ענטפערט יוסף אָפּ צו פּרעהן:
ניט אָן מיר איז דאָס געווענדט;
גאָט באַזאָרגט דעם וואויל פון פּרעה.
זאָגט אים פּרעה: כ'האָב געחלומט,
אַז איך שטיי ביים ברעג פון טייך
און פון וואַסער שטייגן אויף
זיבן שיינע פעטע קי
און זיי פּאַשען זיך אין לאָנקע
און אָט שטייגן באַלד נאָך זיי
זיבן דאַרע, דינע קי
כ'האָב נאָך קיינמאָל אין מצרים
ניט געזען אַזעלכע קי
שלעכטע און דאַר־לייביגע;
און די דינע, דאַרע קי
האָבן אויפגעפרעסן יענע
זיבן קי פעטלייביגע.
און ס'איז קענטיק ניט געווען,
אַז זיי פילן אָן די לייבער,
יענע בלייבן ווייטער מאָגער,
ווי צוערשט — און כ'כאַפּ זיך אויף.
און אַ חלום קומט מיר ווידער:
זיבן זאַנגען שטייגן אויף
פולע, שיינע, פון איין שטרוי
און נאָך זיבן זאַנגען קומען,
אויסגעטריקנטע און דינע,
אויסגעקלאַפּטע פון די ווינטן
און די דינע זאַנגען האָבן
איינגעשלונגען יענע פעטע,
כ'האָב דערציילט עס די חרטומים —
קיינער לייגט עס מיר ניט אויס.

*

ענטפערט יוסף: ס'האָט דיר, פּרעה,
בלויז איין חלום זיך געחלומט;
וואָס גאָט טוט, באַוויזט ער פּרעהן:
זיבן קי און זיבן זאַנגען —
אַלץ באַטייט עס זיבן יאָר,
ווייל דער חלום איז בלויז איינער;
שיינע קי און פעטע זאַנגען
זיינען זיבן גוטע יאָרן
דינע קי און דאַרע זאַנגען

זיינען זיבן הונגער - יאָרן.
דאָס איז, וואָס כ'האָב דיר נעזאָגט:
וואָס גאָט טוט, באַווייזט ער פּרעהן.
ס'קומען זיבן גוטע יאָרן,
גרויסע זעט אין גאַנץ מצרים,
נאָך זיי — זיבן הונגער - יאָרן,
ווערט די גאַנצע זעט פאַרגעסן
און אַ שווערער הונגער קומט,
וואָס פאַרטיליגט גאָר די לאַנד.
און פאַרטאָפּלט קומט דער חלום,
ווייל באַשטימט איז עס פון גאָט
און גאָר גיך וועט ער עס ברייננען.
זאָל־זשע פּרעה זען אַ מענטשן
אַ פאַרשטענדיגן און קלוגן
זאָל אים אויפן לאַנד באַשטימען,
ער זאָל אָנשטעלן באַאַמטע
און זאָל אויך די לאַנד צופינפטלען
אין די זיבן זאַטע יאָרן,
זאָלן זאַמלען אַלע תבואות
אין די זיבן גוטע יאָרן
און עס היטן אין די שטעט,
האַלטן אונטער פּרעהס האַנט
און זאָל שפּייז זיין פאַר דער לאַנד
אין די זיבן הונגער - יאָרן,
זאָל די לאַנד ניט אומקומען.

## יוסף אַ משנה למלך.

איז עס וואוילגעפעלן פּרעהן
און אויך אַלע זיינע קנעכט
און ס'זאָגט פּרעה צו די קנעכט:
וועלן מיר אַ מאַן געפינען
מיט אַזויפיל גייסט פון גאָט?
און צו יוספן זאָגט פּרעה:
האָט גאָט דיר אַלץ אָנגעזאָגט,
איז שוין קיינער ניט פאַרשטענדיג
און ניט קלוג, אַזוי ווי דו;
דיך באַשטים איך אויף מיין הויז,
דו וועסט שפּייזן גאָר מיין פאָלק,
נאָר מיין טראָן איז פון דיר העכער.
האָט אַראָפּגענומען פּרעה
פון זיין רעכטער האַנט דעם רינג,
יוספן אים אָנגעטאָן,
אָנגעקליידט אים ליינען - קליידער,
אויפן האַלדז אַ גאָלדענע קייט,
אים אין רייטוואָגן געזעצט,
וואו דער שני למלך זיצט
און מ'האָט פאַר אים געשריען:
„אברך", און אים אָנגעשטעלט
איבער גאָר דער לאַנד מצרים.
און ס'זאָגט פּרעה יוספן:
איך בין פּרעה, נאָר אָן דיר זאָל
קיינער ניט אין לאַנד מצרים
אויפהויבן קיין האַנט און פוס.
און ס'האָט פּרעה אָנגערופן
יוספן „צפנת פענח",
פאַר אַ פרוי געגעבן אים
אסנת, טאָכטער פּוטיפרע'ס,
כּוהן־און, און ער געוועלטיגט
איבער גאָר דער לאַנד מצרים,
אַלט זייענדיג דרייסיג יאָר.

*

יוסף איז אַרויס פון פּרעהן,
דורכגעפאָרן גאַנץ מצרים,
און די לאַנד האָט איינגעזאַמלט

אין די זיבן זאַטע יאָרן
אַלע תבואות ביסלעכווייז,
יוסף האָט די שפּייז געקליבן
אַלע זיבן זאַטע יאָרן,
און ער האָט עס אויפגעזאַמלט
אין די שטעט פון לאַנד מצרים,
פון די פעלדער פון אַרום
האָט ער אין די שטעט געקליבן,
אָנגעזאַמלט שפּייז לרוב,

ווי די זאַמד ביים ברעג פון ים,
ביז מ'האָט אויפגעהערט צו ציילן,
ווייל געווען שוין אָן אַ צאָל.
(און געבוירן האָט אים אָסנת
צוויי זין פאַר די הונגער - יאָרן
איינער האָט געהייסן „מנשה",
ווייל: כ'האָב שוין מיין היים פאַרגעסן
און דער אַנדערער „אפרים",
ווייל: אין גלות פרוכפּער איך זיך.)
און פאַרביי די זיבן זאַטע
יאָרן אין דער לאַנד מצרים
און די הונגער - יאָרן קומען,
ווי ס'האָט יוסף אויסגעליינט.

איז דער הונגער אָנגעקומען
אין די איבעריגע לענדער
און אין לאַנד מצרים בלויז
איז דער ברויט געווען געזאַמלט.
זיינען מצרים אויסגעהונגערט
מאָנט דער פאָלק ביי פרעהן ברויט
זאָגט זיי פרעה: גייט צו יוספן,
וואָס ער זאָגט אייך, זאָלט איר טאָן.
עפנט יוסף זיינע שפּייכלערס
און פאַרקויפט די מצרים ברויט

און דער הונגער ווערט אַלץ שטאַרקער,
נאָר פאַראַן ברויט אין מצרים,
קומט מען פון דער גאַנצער וועלט
קיין מצרים קויפן ברויט.

## די ברידער ביי יוספן.

און אַז יעקב האָט געזען,
אַז ס'איז שפּייז דאָ אין מצרים,
זאָגט ער איינמאָל צו די זין:
וואָס וועט איר זיך אָנקוקן?
אָט איז שפּייז דאָ אין מצרים,
גייט און קויפט און ברענגט אַהערצו
וועט מען לעבן און ניט שטאַרבן.
זיינען יוספס ברידער צען
אין מצרים - לאַנד געגאַנגען
דאַרט צו קויפן שפּייז צום עסן.
און בנימין, יוספס ברודער,
איז מיט זיי ניט מיטגעגאַנגען,
ווייל דער פאָטער האָט געזאָגט:
טאָמער טרעפט אַן אומגליק אים?

*

זיינען יעקבס זין געקומען
צווישן אַלע קויפן תבואה
צום געביטער, צום פאַרקויפער,
זייער ברודער יוסף. האָבן
זיי צו אים זיך טיף געבוקט.
און ווי יוסף האָט די ברידער
נאָר דערזען, דערקענט ער באַלד זיי,
מאַכט זיך אָבער פרעמד צו זיי.
רעדט מיט זיי גאָר האַרבע ווערטער,
פרעגט ביי זיי: פונאַנען קומט איר?
ענטפערן זיי: פון לאַנד כנען
קומען מיר צו קויפן עסן.

יוסף האָט דערקענט די ברידער,
אָבער זיי אים — ניט דערקענט,
האָט ער זיך דערמאָנט די חלומות,
וואָס ער האָט אַמאָל געחלומט
און ער זאָגט צו זיינע ברידער:
ניין, מרגלים זיינט איר אַלע,
אויסשפּירן די לאַנד געקומען!
זאָגן זיי: ניין, אונזער האר,
ס'זיינען דיינע קנעכט געקומען
בלויז צו קויפן ברויט צום עסן.
אַלע ברידער זיינען מיר,
אַלע — צען זין פון איין טאַטן,
קיינמאָל זיינען דיינע קנעכט
קיין מרגלים ניט געווען
זאָגט ער: ניין, איר זיינט געקומען
אויסשפּירן די שאַנד פון לאַנד.
זאָגן זיי: צוועלף ברידער זיינען
דיינע קנעכט, איין טאַטנס זין
איז דער יינגסטער היינט ביים טאַטן,
און איין ברודער איז ניטאָ.
ענטפערט יוסף: אָט דאָס זאָג איך,
אַז איר אַלע זיינט מרגלים.
כ'וועל דערמיט איך אויספּרובירן:
כ'לאָז אייך אַנדערש ניט אַרויס, —
כ'שווער ביי פּרעהס לעבן, — סיידן
אייער קליינער ברודער קומט;
איינעם שיקט פון אייך אַ היים,
זאָל ער אייער ברודער נעמען
און איר אַלע בלייבט געפאַנגען,
ביז איך וועל אייך אויספּרובירן
צי דער אמת איז ביי אייך,
און אויב ניט, — ביי פּרעהס לעבן
שווער איך, אַז איר זיינט שפּיאָנען!
און ער האָט זיי איינגעזעצט
אויף דריי טעג אין תּפיסה. נאָכדעם
זאָגט זיי יוסף: אָט דאָס טוט,
וועט איר אַלע לעבן בלייבן —
איך בין אַ גאָטפאָרכטיגער! —
אויב איר זיינט באמת ערלעך,
לאָזט איין ברודער דאָ אין תּפיסה,
איר פירט אָפּ אַ היים די תּבואה,
און ברייננגט מיר דעם קליינעם ברודער
וועל איך זען, אַז איר זאָגט אמת.
און אַזוי האָט מען געטאָן.
רופט זיך איינער אָן צום צווייטן.
אָבער שולדיג זיינען מיר,
ווייל מיר האָבן דאָרט געזען
אונזער ברודער יוספס ליידן,
ווי ער האָט געבעטן רחמים,
און מיר האָבן ניט געהערט,
קומט דעריבער איצט אויף אונז
אָט די גרויסע שווערע צרה.
רופט זיך ראובן אָן צו זיי:
אָבער כ'האָב דאָך אייך געזאָגט:
„זינדיגט נאָר ניט מיטן קינד!"
און איר האָט מיר ניט געפאָלגט,
ווערט אַצינד זיין בלוט געפאָדערט!
און זיי האָבן ניט געוואוסט,
אַז דער האר פאַרשטייט די רייד,
ווייל ער רעדט אַלץ דורך אַ דאָלמעטש.
יוסף האָט זיך אָפּגעקערט,
אויסגעוויינט זיך און געקומען
און גערעדט מיט זיי ווי פריער.
ער האָט שמעונען גענומען,

אויפן שטעל אים באַלד געבונדן
און דער דינערשאַפט געהייסן
אָנפילן די זעק מיט תבואה
און אין יעדנס זאַק צוריק
יענעמס געלט אַריינלייגן
חוצדעם אַלעמען נאָך געבן
שפייז באַזונדער אויפן וועג.
האָט מען זיי אַזוי געטאָן.
האָבן זיי די שפייז גענומען
אויף די אייזלען און אַוועק.
ווי זיי קומען אין אַכסניה
עפנט איינער אויף זיין זאַק,
כדי צו פיטערן זיין אייזל,
זעט ער אין דער עפענונג
פון זיין וועג - טאַש ליגט זיין געלט.
זאָגט ער צו זיין ברודער: זע,
ס'איז מיין געלט צוריק פאַראַן
אָט דאָ ליגט עס אין מיין וועג - טאַש
איז די האַרץ זיי אויסגעגאַנגען:
וואָס האָט גאָט אונז דאָ געמאַכט?

---

## ב נ י מ י ן.

און געקומען זיינען זיי
אין כנען צום פאָטער יעקב
און דערציילט אים וואָס געשען,
ווי דער האַר האָט האַרב גערעדט,
און געמאַכט זיי פאַר מרגלים,
ווי זיי האָבן זיך פאַרענטפערט,
אַז זיי זיינען ברידער צוועלף
איינער איז שוין לאַנג ניטאָ
און דער קלענסטער איז ביים פאָטער,
האָט דער האַר דערויף געזאָגט:
אויב מיר זיינען ערלעכע,
זאָל איין ברודער דאָרט פאַרבלייבן
און מיר זאָלן גיין אַ היים
און שפייז מיטנעמען פאַר אַלע
נאָכדעם קומען קיין מצרים,
מיטברענגען דעם קליינעם ברודער
דאַמאָלס ערשט וועט ער אונז גלויבן,
אַז מיר זיינען ניט קיין שפּיאָנען.
ווי זיי רעדן פאַרן פאָטער,
האָבן זיי די זעק געעפנט
און מיט שרעק דערזען ביי יעדן
אין זיין זאַק זיין בינטל געלט,
האָבן אַלע מיטן פאָטער
דאָס דערזען און זיך דערשראָקן.
און דער פאָטער האָט געזאָגט:
איר פאַרדאַרבט דאָך מיך אינגאַנצן!
יוסף שוין פון לאַנג פאַרשוואונדן,
שמעון איצט שוין אויך ניטאָ,
נעמט איר נאָך בנימינען —
ווי וועל איך עס אַלץ פאַרטראָגן?
ענטפערט ראובן אָפּ דעם פאָטער:
מיינע צוויי זין וועסטו טויטן,
אויב איך ברענג אים ניט צו דיר;
גיב אים מיר נאָר אויפן האַנט
ברענג איך דיר אים אָפּ צוריק.
ענטפערט יעקב זיינע זין:
ניין, מיין זון גייט ניט מיט אייך!
ווייל זיין ברודער איז געשטאָרבן,
ער אַליין איז בלויז געבליבן,
טרעפט נאָך אים אין וועג אַן אומגליק
לאָזט איר נידערן מיין עלטער
אַ פאַרטרויערטע אין גרוב!

*

און דער הונגער ווערט אַלץ שווערער,
און ווען ס'האָבן יעקבס זין
אויפגעגעסן אַלע שפּייז,
די געבראַכטע פון מצרים, —
זאָגט אַמאָל צו זיי דער פאָטער:
גייט און ברענגט אונז עפּעס עסן.
זאָגט יהודה אים אַזוי:
ס'האָט דער מאַן געוואָרנט אונז
ניט צו ווייזן זיך פאַר אים,
אויב ניטאָ מיט אונז דער ברודער.
ווילסטו מיטשיקן דעם ברודער,
גייען מיר און ברענגען עסן;
שיקסטו ניט, וועלן מיר ניט גיין!
זאָגט דער פאָטער זיי: למאי
האָט איר מיר געטאָן דאָס שלעכטס,
צו דערציילן יענעם מאַן,
אַז איר האָט נאָך דאָ אַ ברודער?
זאָגן זיי: ער האָט געפרעגט אונז
וועגן אונז און דער פאַמיליע:
„צי עס לעבט נאָך אייער פאָטער?
צי איר האָט נאָך דאָרט אַ ברודער?"
האָבן מיר אים אַלץ דערציילט,
ווי ער האָט אונז אַלץ געפרעגט;
צי האָט ווער געקענט פאָרויסזען,
אַז ער זאָגט אונז: ברענגט דעם ברודער!
זאָגט יהודה צו זיין פאָטער.
כ'בעט דיר, שיק דעם יונג מיט מיר,
לאָמיר גיין און בלייבן לעבן,
דו און מיר און ווייב און קינד,
איך וועל ערוב זיין פאַר אים
וועסט אים פאָדערן ביי מיר,
אויב איך ברענג אים ניט צוריק,
וועל איך פאַר דיר זינדיג בלייבן
מיין גאַנץ לעבן. וואָלטן מיר זיך
ניט פאַרזוימט דאָ, וואָלטן מיר שוין
צוויי מאָל היין - צוריק געגאַנגען.
ענטפערט זיי דער פאָטער יעקב:
אויב אַזוי - זשע, טוט אָט דאָס:
נעמט מיט זיך פון שענסט און בעסט,
וואָס עס וואַקסט ביי אונז אין לאַנד
און ברענגט אַ געשאַנק דעם מאַן
באַלזאַם, האָניג, גווירץ און לאָטוס,
סטאַשקעס, מאַנדלען — אַלץ צו ביסלעך
נעמט אויך טאָפּל געלט מיט זיך
אויך די אומגעקערטע געלט
אין די וועג - טאַשן ביי אייך,
נעמט מיט זיך און ברענגט אים אָפּ —
אפשר איז'ס געווען אַ טעות
און דעם ברודער נעמט מיט זיך
גייט און קומט צו יענעם מאַן.
און גאָט דער אַלמעכטיגער
זאָל דערבאַרימדיגקייט געבן
אין דער הארץ פון מאַן צו אייך
און ער זאָל אייך אָפּגעבן
יענעם ברודער און בנימין
איך בין אַ פאַרפאַלענער שוין —
אַ פאַרפאַלענער שוין בלייב איך!

*

האָבן יעקבס זין גענומען
דעם געשאַנק ווי אויסגערעכנט,
טאָפּל געלט מיט זיך גענומען
און בנימינען דעם ברודער
און געלאָזט זיך קיין מצרים

און פאר יוספן געשטעלט זיך.
און ווי יוסף האָט געזען
אויך בנימינען מיט זיי,
האָט ער אָנגעזאָגט זיין דינער
זיי אַריינפירן אין הויז
און אַ שעכטונג צוגרייטן
ווייל מיט מיר—זאָגט ער אים—וועלן
אָט די לייט צו מיטאָג עסן
און דער דינער האָט געטאָן
ווי ס'האָט יוסף אים באַפוילן
און געבראַכט די לייט אין הויז.
און ווי זיי האָבן דערזען,
אַז מ'פירט זיי אין דער הויז
האָבן זיי צו זיך געזאָגט:
דאָס איז שוין צוליב דאָס געלט,
וואָס האָט זיך אונז אין די טאַשן
ווידער אומגעקערט אָט דאַמאָלס
ווייל מען וואַרפן זיך אויף אונז,
אונז באַפאַלן מיטן בלבול
צוצונעמען אונז פאַר קנעכט
אונז צוזאַמען מיט די אייזלען.
האָבן זיי ביים טיר פון הויז
יוספס הויז־דינער געזאָגט:
הער־אויס, האַר! מיר זיינען שוין
דאָ געווען אַמאָל נאָך שפּייז;
אָנגעקויפט, צוריק געגאַנגען
און געקומען אין אכסניה,
אַלע וועג־טאַשן געעפנט,
האָבן מיר אין איטלעכס טאַש
יעדנס געלט צוריק געפונען,
אונזער געלט אין פולער וואָג,
האָבן מיר אַצינד געבראַכט
אונזער גאַנצע געלט צוריק,
און נאָך אַנדער געלט געבראַכט
פאַר די פרישע שפּייז באַצאָלן
און מיר ווייסן ניט, ווער ס'האָט
דאַמאָלס אין די וועג־טאַשן
אונז דאָס געלט אַריינגעלייגט. —
ענטפערט זיי דער הויז־דינער:
האָט ניט מורא, וואויל צו אייך!
אייער גאָט האָט אייך געגעבן
אין די וועג־טאַשן אַן אוצר —
אייער געלט האָב איך געקריגן! —
אָפּגעזאָגט, האָט זיי דער דינער
שמעונען אַרויסגעפירט
און האָט אַלעמען געבראַכט
באַלד נאָכדעם אין יוספס הויז.
האָט זיי וואַסער צוגעטראָגן,
האָבן זיי די פיס געוואַשן
און ער האָט דערלאַנגט אויך פּאַשע
פאַר די אייזלען זייערע.
און זיי האָבן דעם געשאַנק
צוגעגרייט ביז יוסף קומט
עסן דאָ מיט זיי צו מיטאָג.

---

## די ברידער האָבן חרטה.

און ווי יוסף איז אַריין,
האָבן זיי צו אים געבוקט זיך,
און דערלאַנגט אים דעם געשאַנק
האָט ער הארציג זיי באַגריסט
און געפרעגט: צי איז געזונט
אייער פאָטער אָט דער אַלטער,
וואָס איר האָט פון אים דערציילט?
צי ער לעבט נאָך? — זאָגן זיי אים:

אונזער פֿאָטער, האַר, דיין קנעכט.
לעבט אין פֿרידן און געזונט.
און זיי בוקן זיך פֿאַר אים
און ער האָט אַ בליק געוואָרפֿן
און געזען, עס שטייט בנימין.
פֿרעגט ער: איז עס אייער ברודער
יענער קליינער, וואָס איר האָט מיר
דאַמאָלס וועגן אים דערציילט?
און צו אים זיך אָנגערופֿן:
גאָט באַגנעדיק דיך, מיין קינד!
און ס'האָט יוסף באַלד דערשפּירט.
ווי ס'צוהיצט זיך זיין רחמנות
אויף בנימינען זיין ברודער
און עס שטיקט אים ביז צום וויינען.
האָט ער זיך פֿון זיי דערווייטערט,
איז אַריין אין צווייטן צימער
און זיך דאָרטן אויסגעוויינט
און זיין פּנים אָפּגעוואַשן;
און אַרויס און זיך געשטאַרקט
און געזאָגט: דערלאַנגט אונז עסן!
האָט מען עסן באַלד דערלאַנגט,
אים באַזונדער, זיי באַזונדער
און די מצרים אויך באַזונדער,
ווייל עס טאָרן ניט די מצרים
מיט די עברים עסן ברויט:
ס'איז ניט ווירדיג פֿאַר די מצרים.
אויסגעזעצט האָט מען די ברידער
לויט דער עלטער אין דער ריי —
האָבן זיי זיך שטאַרק געחידושט,
און מ'האָט אין יוספֿס נאָמען
זיי חלקים צוגעטראָגן,
איז געווען בנימינס חלק
פֿינף מאָל מער פֿון אַנדערע.
האָבן זיי מיט אים געטרונקען,
אָנגעשיכּורט זיך צוזאַמען.

*

און נאָכדעם האָט ער באַפֿוילן
צו זיין הויז־דינער: פֿיל אָן
יעדנס טאַש מיט עסנוואַרג
וויפֿל נאָר ער קען פֿאַרטראָגן
און לייג אויך אַריין צוריק
יעדנס געלט אין וועג - טאַש זיינעם
און אין וועג־טאַש פֿונם קליינעם
לייג אַריין צוריק זיין געלט
און נאָך אויך מיין זילבער - בעכער.
האָט דער מאַן אַזוי געטאָן.
און ווי ס'איז נאָר טאָג געוואָרן
האָט מען אָפּגעשיקט די לייט,
זיי צוזאַמען מיט די אייזלען
און ווי זיי זיינען אַרויס
פֿון דער שטאָט, זיך ניט דערווייטערט
רופֿט זיך יוסף אָן צום דינער:
לויף, יאָג נאָך די לייט און פֿרעג זיי
הלמאי האָט איר געטאָן עס,
אָפּגעצאָלט מיט שלעכטס פֿאַר גוטס?
דאָס איז דאָך דערזעלבער בעכער
וואָס עס טרינקט פֿון אים מיין האַר
און ער מאַכט מיט אים אויך כּישוף!
זייער שלעכט האָט איר געטאָן!
האָט ער זיי געיאָגט, געכאַפּט
און געזאָגט זיי אָט דאָס אַלץ,
האָבן זיי אים אָפּגעענטפֿערט:
רעד ניט, האַר, אַזוינס צו אונז!
האָבן מיר דאָך דיר דאָס געלט,

וואָס געפונען אין די טאַשן,
אָפּגעבראַכט צוריק פון כּנען;
ווי־זשע זאָלן מיר ביי אייך
זילבער גנבענען, צי גאָלד?
אויב דו וועסט ביי עמיצן
צווישן אונז געפינען עס,
זאָל ער שטאַרבן, און מיר אַלע,
וועלן ווערן קנעכט ביים האַר!
זאָגט ער: גוט, אַזוי זאָל זיין —
אויב כ׳געפין ביי עמיצן,
וועט ער זיין ביי מיר אַ קנעכט,
און איר אַלע וועט זיין פריי.
האָבן זיי אַראָפּגענומען
און געעפנט באַלד די טאַשן
און דער דינער האָט געזוכט
אָנגעהויבן ביי דעם עלצטן
און ביים קלענסטן אויסגעלאָזט
און געפונען יענעם בעכער
אינם וועג־טאַש פון בנימין.
האָבן זיי אויף זיך די קליידער
באַלד צוריסן, אָנגעלאָדן
איטלעכער צוריק זיין אייזל
און אין שטאָט אַריין געגאַנגען.

---

## יהודה פאַר יוספן.

און יהודה מיט די ברידער
זיינען ווידער אָנגעקומען
אין דער הויז פון יוספן,
ווען ער איז נאָך דאָרט געווען,
און פאַר אים צו דרערד געפאַלן,
יוסף האָט צו זיי געזאָגט:
וואָס האָט איר מיר אָפּגעטאָן?
צי האָט איר גאָרניט געוואוסט,
אַז אַ מענטש, ווי איך, מאַכט כּישוף?
האָט יהודה אים געענטפערט:
וואָס־זשע קענען מיר דיר זאָגן,
וואָס דיר רעדן, זיך פאַרענטפערן?
גאָט האָט אונזער זינד געפונען!
אַלע בלייבן מיר דיר קנעכט
מיר צוזאַמען מיטן יינגסטן,
וואָס ביי אים איז דאָ דער בעכער.
ענטפערט יוסף זיי: חלילה!
יענער בלויז, וואָס האָט דעם בעכער,
וועט ביי מיר אַ קנעכט פאַרבלייבן
אָבער איר זיינט אַלע פריי,
גייט געזונט צו אייער פאָטער!
האָט יהודה זיך דערנענטערט
און געזאָגט: הער אויס, מיין האַר,
לאָמיר זאָגן דיר אַ וואָרט, —
און ניט צערן אויף דיין קנעכט,
ווייל דו ביסט אַזוי ווי פּרעה. —
צי האָט ווען מיין האַר געפרעגט
אויב עס האָבן זיינע קנעכט
דאָרט אַ פאָטער, צי אַ ברודער?
האָבן דיינע קנעכט אַליין דאָך
דאַמאָלס אונזער האַר דערציילט
און געזאָגט אים, אַז מיר האָבן
אין דער היים אַן אַלטן פאָטער
און אַ ברודערל אַ קליינעם,
וואָס זיין ברודער איז געשטאָרבן,
ער איז איינער ביי זיין מוטער,
און זיין פאָטער האָט אים ליב.
האָסטו דאַמאָלס אונז געזאָגט:
ברענגט אָט דעם אַראָפּ צו אונז,

זועל איך טאָן אַ בליק אויף אים.
האָבן מיר מיין האַר געענטפערט:
ס'קען דער יונג ניט גיין מיט אונז,
ווייל אויב ער זאָל נאָר פאַרלאָזן
אונזער פאָטער, קען ער שטאַרבן.
האָט מיין האַר צו אונז געזאָגט,
קוים קומט ניט מיט אייך דער ברודער,
זאָלט איר אויך ניט זען מיין פּנים.
זיינען מיר אַוועק צום פאָטער
און געזאָגט אים דיינע ווערטער
און דער פאָטער האָט געזאָגט אונז:
גייט און קויפט אַ ביסל עסן.
האָבן מיר געזאָגט דעם פאָטער:
ניין, מיר קענען ניט גיין אַנדערש,
סיידן דו גיסט אונז דעם ברודער,
ווייל מיר קענען זיך ניט ווייזן
פאַרן מאַן אָן אונזער ברודער.
זאָגט צו אונז דיין קנעכט, מיין פאָטער:
צי איר ווייסט ניט, מיינע קינדער,
אַז מיין ווייב האָט צוויי געבוירן,
איינער איז פון מיר אַוועק,
ס'האָט אַ חיה אים צוריסן,
האָב איך מער אים ניט געזען;
ווילט איר נעמען אויך דעם קליינעם?
טאָמער טרעפט מיט אים אַן אומגליק,
זועט איר נידערן מיין עלטקייט
טרויעריג אין גרוב אַריין!
און אַצינד, אַז איך וועל קומען
צו דיין קנעכט, מיין אַלטן פאָטער,
און ניטאָ מיט אונז דער יונג,
וואָס איז די נשמה זיינע, —
ווי דער פאָטער זעט עס, שטאַרבט ער!

איך דיין קנעכט האָב פאַרן יונג,
אונזער פאָטער זיך געערובט.
„אויב איך ברענג אים ניט צו דיר,
בלייב איך זינדיג מיין גאַנץ לעבן"
זאָל אָקאָרשט דיין קנעכט דאָ בלייבן
פאַרן יונג אַ קנעכט צו דיר,
און דער יונג זאָל גיין צום פאָטער.

---

## יוסף לאָזט זיך דערקענען.

האָט שוין יוסף ניט געקענט
מער זיך איינהאַלטן פאַר אַלע,
וועלכע זיינען דאָ געשטאַנען,
און גערופן: פירט אַרויס
אַלע מענטשן דאָ פון מיר.
און ס'איז קיינער ניט געשטאַנען
ווען ס'האָט יוסף צו די ברידער
דאַמאָלס זיך געלאָזט דערקענען.
ער האָט אויפן קול צוויינט זיך,
אַז עס איז דערהערט געוואָרן
ביי די מצרים און אין פּאַלאַץ.
און ס'זאָגט יוסף צו די ברידער:
איך בין יוסף; לעבט מיין פאָטער?
און אַ שרעק כאַפּט אָן די ברידער —.
זיי געפינען ניט קיין ענטפער.
זאָגט זיי יוסף: קומט אַהערצו.
און זיי האָבן זיך דערנענטערט.
זאָגט ער: איך בין אייער ברודער,
יוסף, וואָס איר האָט פאַרקויפט
פון לאַנד כּנען קיין מצרים,
זייט־זשע איצט ניט אומעטיג
און זאָל אייך עס ניט פאַרדריסן,
וואָס איר האָט אַהער פאַרקויפט מיך,

ווייל צום לעבן האָט מיך גאָט
אייך פאָרויס געשיקט אהערצו
ווייל שוין צוויי יאָר איז דער הונגער
אין דער לאַנד און נאָך פינף יאָר
וועט קיין אַקער זיין און שניט
האָט מיך גאָט געשיקט אהערצו,
אייך צו ראַטעווען דעם לעבן
און ער האָט מיר דאָ געמאַכט
פאַר אַ פירער לעבן פרעהן,
פאַר אַ האַר אויף זיין גאַנץ הויז,
פאַר אַ הערשער אויף מצרים
גייט - זשע גיך און קומט צום פאָטער
און דערציילט אים, אַז זיין יוסף
איז אַ האַר אויף גאַנץ מצרים
און ער זאָגט אים: קום, ניט זוים זיך,
וועסטו וואוינען אין לאַנד גושן,
נאָנט צו מיר מיט דיינע קינדער
און קינדס-קינדער, שאָף און רינדער
און מיט אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט.
וועל איך אויסהאַלטן דיך דאָרטן,
ווייל נאָך פינף יאָר וועט זיין הונגער,
און דו קענסט פאַראָרימט ווערן
מיט דיין הויז-געזינד צוזאַמען.
און איר זעט דאָך איצט אַליין,
זעסט דאָך אויך, בנימין - ברודער,
אַז מיין מויל רעדט איצט צו אייך.
זאָלט איר זשע דעם פאָטער זאָגן
אַלץ, וואָס איר האָט דאָ געזען,
מיין גאַנץ כבוד אין מצרים,
און דעם פאָטער ברענגט אהערצו.
אָפּגערעדט, איז ער געפאַלן
אויפן האַלדז בנימינען
און בנימין אויף זיין האַלדז
און זיי האָבן זיך צעוויינט.
נאָכדעם האָט ער אויך געקושט
אַלע ברידער און געוויינט
און די ברידער האָבן שפּעטער
זיך מיט אים צונויפגערעדט.

---

## יעקב קיין מצרים.

און צו פרעהן איז דערגאַנגען,
אַז געקומען יוספס ברידער,
איז עס פרעהן וואוילגעפעלן
און אויף זיין באַפעל האָט יוסף
זיינע ברידער מיטגעגעבן
וועגענער פאַר ווייב און קינדער
און אויך פאַרן אַלטן טאַטן
און אויך שפּייז גענוג אין וועג
איטלעכן צו איין פאָר קליידער
און בנימינען דרייהונדערט
זילבער און אויך פינף פאָר קליידער
און פאַר יעקבן געשיקט:
אייזלען צען, וואָס טראָגן אויף זיך
אַלדאָס גוטס פון לאַנד מצרים
און אויך אייזעליכעס צען
טראָגן תבואה, ברויט און שפּייז
פאַרן פאָטער אויפן וועג.
און ער האָט באַלייט די ברידער
אויפן וועג און אָנגעזאָגט זיי:
זייט ניט אומרואיג אין וועג.

*

און זיי זיינען פון מצרים
אין לאַנד כנען אָנגעקומען
און געזאָגט דעם פאָטער יעקב:

יוסף לעבט נאָך און ער הערשט
אין דער גאנצער לאנד מצרים!
איז זיין הארץ געבליבן סאַלט,
ווייל ער האָט זיי ניט געגלויבט.
נאָר אז זיי האָבן דערציילט אים
אַלץ, וואָס יוסף האָט געזאָגט
און אז ער האָט נאָך געזען
אויך די וועגענער, וואָס יוסף
האָט געשיקט צו ברענגען אים
דאַמאָלס ערשט איז יעקבס גייסט
ווידער אויפגעלעבט געוואָרן
און ער האָט געזאָגט: גענוג!
יוסף לעבט נאָך, — לאָמיר גיין
אָנקוקן אים פאַר מיין טויט!
און ישראל האָט געצויגן
מיט זיין גאַנצע גוטס צוזאַמען
און געקומען קיין באר - שבע
און געשאָכטן שעכטונגען
צו זיין פאָטער יצחקס גאָט
האָט אים גאָט געזאָגט ביינאַכט:
יעקב, יעקב! האָב ניט מורא
איצט צו נידערן קיין מצרים,
כ'מאַך דיך דאָרט פאַר א גרויס פאָלק!

*

האָבן יעקבס זין געטראָגן
זייער פאָטער מיט די ווייבער
מיט די קינדער אין די וועגענער
און גענומען זייער פי
און פארמעגן פון לאַנד כנען
און געקומען קיין מצרים —
צאָל נפשות — זעקס און זעכציג, —
און מיט יוספס קינדער צוויי
און אויך יוסף מיט זיין ווייב —
אַלע — זיבעציג נפשות!
און יהודה איז געגאַנגען
אין פאָרויס צו יוספן,
ער זאָל פירן זיי קיין גושן,
און זיי זיינען אָנגעקומען
אין דער גושן - לאַנד, און יוסף
האָט זיין רייטוואָגן געשפּאַנט
און אין גושן - לאַנד געפאָרן,
צו באַגעגענען זיין פאָטער
און זיי האָבן זיך דערזען,
זיך געפאַלן אויף די העלדזער
און געוויינט לאַנג אויף די העלדזער
און געזאָגט האָט דאַמאָלס יעקב:
יאָ, אַצינד קען איך שוין שטארבן,
נאָכדעם ווי איך זע דיין פנים,
ווי דו שטייסט א לעבעדיגער.

---

## אין גושן.

יוסף איז אוועק צו פרעהן
און געזאָגט אים: אָט מיין פאָטער,
מיינע ברידער, און מיט זיי אויך
ווייב און קינד און שאָף און רינד,
זיינען פון לאַנד כנען געקומען
און געפינען זיך אין גושן.
און פון זיינע ברידער פינף
האָט ער פאָרגעשטעלט פאַר פרעהן
און ס'פרעגט פרעה ביי די ברידער:
זאָגט מיר, וואָס איז אייער טאָן?
זאָגן זיי: מיר פאַשען פי,
ווי די פאָטערס אונזערע;
איז אַצינד ניטאָ קיין פאַשע,

ווייל אין כּנען הערשט דער הונגער;
זיינען מיר אהער געקומען,
ווילן זיצן אין לאַנד גושן.
האָט ער יוספן געזאָגט:
גאַנץ מצרים איז פאַר דיר,
אין דאָס בעסטע פון דער לאַנד,
ברענג דעם פאָטער, דיינע ברידער,
זאָלן זיי אין גושן זיצן;
אויב דו ווייסט, אַז צווישן זיי
זיינען פייאיגע פאַראַן
זאָלסטו יענע אָנשטעלן
אויף מיין פי פאַר אויפזעערס.

*

און געבראַכט האָט נאָכדעם יוסף
אויך זיין פאָטער יעקבן
און אים פאָרגעשטעלט פאַר פּרעהן.
און געבענטשט האָט יעקב פּרעהן.
פרעגט ער אים: ווי אַלט ביסטו?
ענטפערט יעקב: הונדערט דרייסיק
מיינע יאָרן — קנאַפּ און שלעכט —
האָבן ניט דערגרייכט די יאָרן
פון מיין פאָטער און מיין זיידן.
און געבענטשט האָט ווידער יעקב
פּרעהן און אַרויס פון אים.
און ישראל איז געזעסן
אין דער לאַנד מצרים — גושן,
און זיך אויפגעהאַלטן דאָרט,
און געפרוכפּערט און געמערט זיך.

## יעקבס צוואה.

און ווען יעקב האָט געלעבט
אין מצרים זיבעצן יאָר
און איז אַלט געוואָרן שוין
הונדערט זיבנאונפערציג יאָר
האָט זיין טויט זיך שוין דערנענטערט
און ער האָט צו זיך גערופן,
יוספן, און אים געזאָגט:
אויב כ׳האָב חן ביי דיר געפונען,
שווער - זשע מיר ביי אַליץ, וואָס הייליג,
אַז דו וועסט מיט מיר טאָן גנאָד;
ניט באַגראָב מיך אין מצרים!
ווען איך שטאַרב מיט מיינע פאָטערס,
טראָג אַרויס מיך פון מצרים
און באַגראָב מיך לעבן זיי!
און ער האָט געענטפערט: גוט,
איך וועל טאָן, ווי דו באַפוילסט מיר!
זאָגט ער: „שווער מיר!” און ער
שווערט אים.
און געבוקט האָט זיך ישראל
ביים צוקאָפּנס פון זיין בעט.

*

שפּעטער האָט מען יוספן
אָנגעזאָגט: ס׳איז קראַנק זיין פאָטער!
נעמט ער מיט זיך זיינע צוויי
זין, מנשה און אפרים,
און שיקט זאָגן יעקבן:
דיין זון יוסף קומט צו דיר.
האָט ישראל זיך געשטאַרקט
און זיך אויפגעזעצט אין בעט
און ער זאָגט צו יוספן:
ס׳האָט זיך גאָט צו מיר באַוויזן
אין שטאָט לוז אין לאַנד כּנען
און געבענטשט מיך און געזאָגט

כ׳וועל דיך פרוכפערן און מערן
צו אַ זאַמלעניש פון פעלקער
און כ׳וועל אָפּגעבן די לאַנד
צו די קינדער דיינע נאָך דיר
אַ ירושה ־ לאַנד אויף אייביג
און אַצינד — די צוויי זין דיינע,
אין מצרים ־ לאַנד געבוירן,
סיי אפרים, סיי מנשה,
ווערן צוגערעכנט מיר,
ווי ראובן און ווי שמעון,
אָבער יענע קינדער דיינע,
וואָס דו האָסט נאָך זיי געבוירן,
וועלן צוגערעכנט ווערן,
ביים פאַרטיילן די ירושה,
אויפן נאָמען פון די ברידער.
און איך — —
קומענדיג אמאָל פון פדן
איז ביי מיר געשטאָרבן רחל,
אין לאַנד כנען, אויפן וועג,
נאָך אַ שטיקל וועג צו אפרת;
האָב איך איר באַגראָבן דאָרט
לעבן אפרת — ס׳איז בית ־ לחם.
און דערזען צוויי יוסף׳ס זין,
פרעגט ישראל, ווער זיי זיינען.
ענטפערט יוסף: מיינע זין,
וואָס גאָט האָט מיר דאָ געגעבן.
זאָגט אים יעקב: נעם אהערצו
זיי צו מיר, וועל איך זיי בענטשן!
און ישראלס אויגן זיינען
אויף דער עלטער שווער געוואָרן
און זיי קענען שוין ניט זען,
האלזט ער, קושט ער יוספס קינדער
און ער זאָגט צו יוספן:
כ׳האָב שוין ד י ך זען ניט גערעכט זיך.
ווייזט מיר גאָט איצט דיינע קינדער.
און האָט יוספן געבענטשט:
גאָט, פאַר וועמען מיינע פאָטערס,
אברהם און יצחק, זיינען
פרום געגאַנגען; וועלכער פיטערט
מיך פון יוגנט ביז אויף היינט,
וואָס האָט ווי אַ גוטער מלאך
אויסגעלייזט פון אַלדאָס בייז מיך —
ער זאָל בענטשן אויך די יונגען,
זאָלן זיי גערופן ווערן
אויפן נאָמען פון די פאָטערס
און זיך מערן ווי די פיש
אין דער לאַנד. אין יענעם טאָג
האָט ער נאָך געבענטשט די יונגען:
זאָל ישראל אייביג בענטשן
אָט אזוי: „זאָל גאָט דיך מאַכן
ווי אפרים און מנשה".

*

און אזוי האָט יעקב דאמאָלס
אַלע זיינע זין געבענטשט
און באַפוילן זיי אזוי:
ווען איך שטאַרב זאָלט איר באַגראָבן
מיך ביי מיינע עלטערן
דאָרט, אין טאָפּל ־ הייל, ביי ממרא,
אין לאַנד כנען, וואָס אברהם
האָט ביי עפרונען דעם חתי
אָפּגעקויפט זיך אויף אַ קבר.
האָט מען דאָרט אמאָל באַגראָבן
אברהמען און אויך שרהן;
האָט מען שפּעטער דאָרט באַגראָבן

יצחקן און זיין ווייב רבקהן; | מיין ווייב לאהן; דארטן זאלט איר,
האב איך נאכדעם דארט באגראבן | ווען איך שטארב, אויך מיך באגראבן.—

---

## יעקבס ברכות.

און ס'האט יעקב זיינע זין
אויפגערופן און געזאגט זיי:
שטייט צוזאמען און הערט צו,
איר, זין יעקבס, און פארנעמט
צו ישראל אייער פאטער:
ר א ו ב ן, מיין עלצטער, די קראפט פון מייןְ יוגנט,
וואלסט העכער און מעכטיגער זיין פון די ברידער;
נאר איילִיג, ווי שטראמיגע וואסער,
פארשוועכט מיין געלעגער, מיין לעבן געשענדט —
דיין מאכט און דיין הויך האסטו, קינד מיינס, פארלארן!

*

ש מ ע ו ן און ל ו י, איר קעמפט מיט געווער,
פון אייער געזעמל זאל וויט זיין מיין כבוד;
פארשאלטן זאל זיין אייער צארן,
דער מעכטיגער, הארטער;
צושפרייט זאלט איר ווערן אין יעקב,
פארטיילט אין ישראל.

*

י ה ו ד ה, דיך לויבן און רימען די ברידער,
דו שלאגסט דעם אנטלאפענעם שונא איןְ רוקן;
דו ביסט ווי א לייב, וואס גייט שטאלץ פון זיין רויב,
דו ביסט ווי א לייב, וואס ליגט שטיל נאך זיין רויב,
דער צעפטער, די הערשאפט ניט מיידן זאל יהודה;
עס קומען די פעלקער זיך בוקן קיין שילה,
ער בינדט זיינע אייזלען צום וויינשטאק אין כרם,

ער וואַשט זיינע אייזלען אין זאַפט פון די טרויבן,
פון וויין זיינען רויט זיינע אויגן,
פון מילך בלייבן ווייס זיינע ציין.

*

דו, ז ב ו ל ו ן, וועסט וואוינען ביים ברעג פון די ימען,
וועסט טרייבן די שיפן ווייט־ווייט ביז אין צידון.

*

י ש כ ר ליגט פעסט ווי אַ ביינינגער אייזל,
די רו איז אים ליב און די ערד איז אים זיס,
דעם רוקן געבויגן טיף אונטער דער משא,
איז ער ווי אַ צאָל ־ קנעכט, אַ דינער ביי יעדן.

*

ד ן משפט זיין פאָלק גלייך מיט אַנדערע שבטים,
אַ שלאַנג אויפן וועג, אַ סקאָרפיאָן אויפן שליאַך;
אָט בייסט ער דעם פערד און אָט וואַרפט ער דעם רייטער,
איך האָף אויף דיין הילף, אָ מיין גאָט.

*

ג ד ווערט פון קאָמפּאַניעס געטריבן —
ער טרייבט זיי צוריק.

*

א ש ר שאַפט זאַפטיגע ברויט און גיט מלכותשע שפייזן.

*

נפתלי — אַ הינדין אַ פלינקע, ברענגט ליבלעכע בשורות.

*

י ו ס ף — אַ פרוכטבאַרע צווייג אויפן קוואַל
צוּוואַקסן אַריבערן מויער;
מ׳האָט אים מיט שנאה גערודפט, מיט פיילן באַשאָסן;
נאָר פעסט איז זיין בויגן און פלינק זיינע אָרימס,
בלייבט ער דער מעכטיגער יעקבס,
דער פאַסטוך און פעלזן ישראלס;
עס העלפט דיר דער גאָט פון דיין פאָטער,
אַלמעכטיגער בענטשט דיר:
ברכות פון אויבערשטע הימלען,

ברכות פון אונטערשטן אפגרונט,
ברכות פון בריסט און געבורט;
עס שיקט דיר דיין פאָטער מער ברכות,
ווי ער איז געבענטשט פון זיין טאַטן:
ביז הינטערן גרענעץ פון אייביגע בערג!
אַט דאָס אַלצדינג זאָל איבער יוספס קאָפּ קומען,
איבערן שיטל, געקרוינט פון די ברידער!

*

בנימין — אַ רייסיגער וואָלף,
פרימאָרגן — פאַרצוקט און געפרעסן,
אינאָוונט — גערויבט און פאַרטיילט.

---

## יעקבס טויט.

און פאַרענדיגט צו באַפוילן
זיינע זין, האָט יעקב נאָכדעם
זיך אין בעט אַריינגעלייגט,
אויסגעגאַנגען און געשטאָרבן.
יוסף איז דעם טאַטן יעקב
אויפן פנים באַלד געפאַלן
און געוויינט און אים געקושט,
און באַפוילן זיינע קנעכט,
די דאָקטוירים, און זיי האָבן
באַלזאַמירט ישראלן.
זיינען פערציג טעג אַריבער,
ווי ביי אַלע באַלזאַמירטע,
און עס האָבן אים די מצרים
נאָך טעג זיבעציג באַוויינט,
און אַז ס׳איז פאַרביי דער טרויער,
האָט זיך יוסף אָנגערופן
צו די הויז - באַדינטע פרעה׳ס:
אויב איך האָב גנאָד ביי אייך
רעדט צו פרעהן אָט אַזוי:
ס׳האָט מיין פאָטער מיך באַשוואוירן,
אַז איך זאָל אים, נאָך זיין שטאַרבן,
אין לאַנד כנען אָפפירן,
אין זיין קבר דאָרט באַגראָבן;
וויל איך גיין איצט, אים באַגראָבן
און צוריק אהערצו קומען.
ענטפערט פרעה: גיי, באַגראָב אים,
ווי דו האָסט אים צוגעשוואוירן.
איז געגאַנגען דאַמאָלס יוסף
צו מקבר זיין דעם פאָטער;
זיינען מיט אים מיטגעגאַנגען
פרעהס קנעכט, די פאַלאַץ - עלצטע
און די עלצטע פון מצרים.
יוסף׳ס הויז און זיינע ברידער,
און דאָס גאַנצע פאָטערס הויז,
נאָר די קינדער, שאָף און רינדער
בלייבן זיצן אין לאַנד גושן.
ס׳זיינען אויך מיט אים געגאַנגען
רייטוועגענער מיט די רייטערס —
ס׳איז געווען אַ גרויסע מחנה —

און געקומען ביזן דאָרן ־ שייער,
וואָס אין יענער זייט פון ירדן,
האָבן אַלע אים באַקלאָגט —
גרויס און שווער געווען די קלאָג,
זייער טרויער — זיבן טעג,
נאָכדעם האָבן יעקבס זין
אים געבראַכט אין לאַנד כּנען,
און באַגראָבן אין אַ קבר
פון אברהמס טאָפּל ־ הייל
וואָס ער האָט געקויפט ביי עפרון,
פון די חתּים, דאָרט, פאַר ממרא.
און ס׳האָט יוסף מיט די ברידער
און מיט אַלע, וואָס געגאַנגען
צו מקבר זיין דעם פאָטער
אומגעקערט זיך קיין מצרים.

---

## יוספס טויט.

און געזען האָבן די ברידער,
אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן,
האָבן זיי צו זיך געזאָגט:
איצט וועט יוסף קריגן פיינט אונז
און ער וועט אונז נאָך פאַרגעלטן
פאַר דאָס שלעכטס פון יענער צייט,
וואָס מיר האָבן אים פאַרגאָלטן.
האָבן זיי געהייסן זאָגן
זייער ברודער יוספן:
ס׳האָט דער פאָטער אונז באַפוילן
פאַרן טויט אַזוי צו זאָגן:
בעט ביי יוספן, ער זאָל אייך
אייער שווערע זינד פאַרגעבן.
זאָלסטו ־ זשע אַצינד פאַרגעבן
דיינע ברידער זייער זינד.

און ס׳האָט יוסף זיך צעוויינט,
ווען ער האָט געהערט די ווערטער.
נאָכדעם זיינען אויך די ברידער
אָנגעקומען און געפאַלן
אויף די פּנימער פאַר אים
און געזאָגט: „מיר וועלן אַלע
ווערן קנעכט ביי דיר!“ — זאָגט **יוסף:**
שרעקט זיך ניט! צי בין איך גאָט?
איר האָט שלעכטס געטראַכט אויף **מיר,**
אָבער גאָט האָט גוטס געטראַכט
און געמאַכט עס, ווי אַצינד,
גאַנצע פעלקער צו דערהאַלטן.
האָט זשע, ברידער, ניט קיין מורא,
כ׳וועל אייך שפּייזן מיט די קינדער.
און ער האָט זיי איינגענומען
און געטרייסט מיט גוטע ווערטער.

*

און ס׳האָט יוסף אין מצרים
מיט זיין פאָטערס הויז געוואוינט
און געלעבט האָט יוסף הונדערט
מיט צען יאָר און האָט געזען
קינדער פונם דריטן דור
ביי אפרים און מנשה.
און געזאָגט צו זיינע ברידער:
איך וועל שטאַרבן; און ס׳וועט גאָט
אייך דערמאָנען, אויפצובריינגען
אייך פון לאַנד דערדאָזיגער
צו דער לאַנד, וואָס צוגעשוואָרן
צו אברהם, יצחק, יעקב.
און ס׳האָט יוסף זיי פאַרשוואָרן:
ווען דערמאָנען וועט אייך גאָט,
זאָלט איר אויפבריינגען מיט זיך

אין דער לאַנד אויך מיינע ביינער.
און נאָכדעם איז ער געשטאָרבן
הונדערט צען יאָר אַלט; האָט מען אים
באַלזאַמירט, געלייגט אין אַ ארון
און באַהאַלטן אין מצרים. — — — —

— — — — — — — — —

*

שפּעטער, ווען די בני ישראל
זיינען אויסגעלייזט געוואָרן
ששים רבוא פון מצרים,
האָבן זיי אויך יוספס ביינער
מיטגענומען דאָרט מיט זיך,
צו באַגראָבן זיי אין כנען.

# מ ש ה

## אין מצרים.

עס זיינען זיבעציק געקומען
פון יעקבס אָפּשטאַם קיין מצרים
— און יוסף איז שוין דאָרט געווען.
געשטאָרבן יוסף און די ברידער,
געשטאָרבן יענער גאַנצער דור,
און ס'האָבן זיך די בני - ישראל
געמערט, געפרוכפּערט און געשטאַרקט
און האָבן אָנגעפילט די לאַנד.
און עס איז דאַמאָלס אויפגעשטאַנען
אַ נייער מלך אין מצרים,
וואָס האָט יוספן ניט געקענט.
האָט ער צו זיין פאָלק געזאָגט:
ס'איז דער פאָלק, די בני - ישראל
שטאַרקער, מעכטיגער פאַר אונז
לאָמיר קעגן אים זיך קליגן,
טאָמער וועט ער זיך פאַרמערן,
און אַז ס'וועט מלחמה קומען,
וועט ער אויך צום שונא צושטיין,
קעגן אונז צוזאַמען קעמפן
און ער וועט פון לאַנד אַוועק.
און זיי האָבן איבער אים
צינז - באַאַמטע אויפגעשטעלט
אים צו פּייניגן מיט אַרבעט
און ער האָט געבויט פאַר פּרעה
פּיתום, רעמסס — שפּייכלער - שטעט.

אָבער ווי מ'האָט אים געפּייניגט,
אַלץ מער האָט ער זיך געשטאַרקט —
ס'האָט געגרוילט זיי פאַר ישראל.
און עס האָבן די מצרים
שווער פאַרשקלאַפט די בני - ישראל
און פאַרביטערט זייער לעבן
מיט די אַרבעטן די האַרבע,
מיטן ליים און מיט די ציגל
און מיט אַרבעטן אין פעלד —
געפּייניגט זיי מיט שווערקייטן.
און דער מלך פון מצרים
האָט די הייבאַמען די עברישע —
איינע שפרה, איינע פּועה —
איינמאָל אָנגעזאָגט אַזוי:
גייען עברישע צו קינד
זאָלט איר קוקן ביים געבורט - שטול:
אויב אַ זון — זאָלט איר אים טויטן,
אויב אַ טאָכטער — זאָל זי לעבן.
נאָר די הייבאַמען די עברישע
זיינען גאָטפאָרכטיק געווען
און זיי האָבן ניט געפאָלגט,
ווי ס'האָט פּרעה זיי באַפוילן
און געלאָזט די יינגלעך לעבן.
און דער מלך פון מצרים
האָט די הייבאַמען גערופן
און געזאָגט צו זיי אַזוי:

וואָרום האָט איר דאָס געטאָן
און געלאָזט די יינגלעך לעבן?
האָבן זיי געענטפערט פּרעהן:
ווייל די עבריות זיינען אַנדערש,
ווי די ווייבער די מצריות:
שטאַרקער זיינען זיי פון יענע;
איידער נאָך די הייבאַם קומט
האָבן זיי דעם קינד געבוירן!
און דער פאָלק האָט אַלץ געמערט זיך
און געוואָרן זייער שטאַרק
און ס'האָט פאַר דער גאָטפאָרכטיגקייט
גאָט די הייבאַמען פאַרגיטיגט
און זיי הייזער אויסגעבויט.
האָט דער מלך פון מצרים
אָנגעזאָגט זיין גאַנצן פאָלק:
איטלעכס זון, וואָס ווערט געבוירן,
זאָלט איר וואַרפן אים אין טייך —
איטלעכס טאָכטער לאָזן לעבן.

## משה'ס געבורט.

און אַ מאַן פון לוי'ס שטאַם
איז געגאַנגען און גענומען
פאַר אַ ווייב אַ טאָכטער לוי'ס.
און פאַרטראָגן האָט די ווייב
און זי האָט אַ זון געבוירן
און, געזען ווי ער איז שיין,
אים באַהאַלטן דריי חדשים,
מער אים ניט געקענט באַהאַלטן.
און זי האָט פאַר אים גענומען
אַ קליין קעסטעלע פון גומא,
אויסגעשמירט מיט ליים און פעך,
און דעם קינד אַריינגעלייגט
און אַוועקגעשטעלט די קעסטל
אין אַאיר ביים ברעג פון טייך.
און אַ שוועסטער פונם קינד
איז געשטאַנען פון דער ווייטנס
נאָכצוקוקן און צו וויסן,
וואָס ס'וועט מיטן קינד געשען.
איז געגאַנגען פּרעהס טאָכטער
זיך צו באָדן דאָרט אין טייך
און עס זיינען אירע מיידלעך
ביים ברעג טייך אַרומגעגאַנגען.
און זי האָט דערזען: אַ קעסטל
שטייט אין וואַסער, אין אַאיר
און זי האָט איר דינסט באַפוילן,
האָט זי איר דערלאַנגט די קעסטל.
און זי עפנט איר און זעט,
ס'ליגט אַ יינגעלע און וויינט.
האָט זי זיך אויף אים דערבאַרימט
און געזאָגט: ער איז אַוודאי
פון די קינדער פון די עברים
האָט זיין שוועסטער זיך דערנענטערט
און געזאָגט צו פּרעה'ס טאָכטער:
זאָל איך אפשר גיין און רופן
דיר אַ זויג - פרוי פון די עברים,
זי זאָל אָנזויגן דעם קינד?
זאָגט איר פּרעה'ס טאָכטער: גיי!
און די מיידל איז געגאַנגען
און געבראַכט דעם יינגלס מוטער.
זאָגט איר פּרעה'ס טאָכטער: נעם
אָט דעם יינגל, זויג אים אָן,
און איך וועל דעם לוין דיר געבן.
האָט די פרוי דעם קינד גענומען,
אים געהאַלטן און געזויגן.

איז דער ייִנגל אויסגעוואַקסן
און די מוטער האָט אים ווידער
אָפּגעבראַכט צו פּרעה'ס טאָכטער
און ער איז ביי איר געווען
ווי אַ זון אַן אייגענער,
האָט זי אים גערופן „משה",
ווייל: פון טייך ארויסגעצויגן.
און ס'איז משה אויסגעוואַקסן
און אַרויס צו זיינע ברידער
און געזען זיי ביי דער אַרבעט.
זעט ער איינמאָל, ווי אַ מצרי
שלאָגט אַן עברי, פון זיין פאָלק,
ווענדט ער זיך אַהער - אַהין,
זעט, אַז ס'איז קיין מענטש ניטאָ,
און ער שלאָגט דעם מצרי טויט
און באַהאַלט אים דאָרט אין זאמד.
אויפן צווייטן טאָג דערזעט ער,
ס'קריגן זיך צוויי מענטשן - עברים,
ווענדט ער זיך צום שולדיגן:
הלמאי שלאָגסטו דיין חבר?
זאָגט ער: ווער האָט דיך געמאַכט
פאַר אַ ריכטער איבער אונז?
אפשר ווילסטו טויטן מיך
ווי דו האָסט געטויט דעם מצרי?
און ס'האָט משה זיך דערשראָקן
און געטראַכט: מ'ווייס די זאַך שוין!
און דערוואוסט האָט זיך עס פּרעה
און געזוכט צו טויטן משהן
דאַמאָלס איז אַנטלאָפן משה
און געקומען אין לאַנד מדין
און געזעצט זיך ביי אַ ברונים.

---

# אין מדין.

און געהאַט האָט מדינס כּוהן
זיבן טעכטער, און זיי פלעגן
פונם ברונים שעפּן וואַסער,
אָנטרינקען דעם פאָטערס שאָף.
זיינען פּאַסטוכער געקומען
און פאַרטריבן זיי פונדאַנען
האָט זיי משה אויסגעהאָלפן,
אָנגעטרונקען זייער שאָף.
און אַז זיי זיינען געקומען
צו רעואל זייער פאָטער,
האָט דער פאָטער זיי געפרעגט:
וואָס היינט אַזוי פרי געקומען?
זאָגן זיי: אַ מאַן אַ מצרי
האָט אונז פון די פּאַסטוכער
אויסגעהאָלפן און פון ברונים
אונז אויך וואַסער אָנגעשעפּט
און די שעפּסן אָנגעטרונקען.
זאָגט דער פאָטער צו די טעכטער:
וואָס - זשע האָט איר אים פאַרלאָזן?
רופט אים, זאָל ער עסן ברויט!
און ס'האָט משה איינגעוויליגט,
צו פאַרבלייבן ביי דעם מאַן
און ס'האָט יענער אים געגעבן
פאַר אַ ווייב אַ טאָכטער זיינע
און עס האָט זיין ווייב, צפורה,
אים אַ זון געבוירן; משה
האָט אַ נאָמען אים געגעבן
„גרשום", ווייל: „איך בין אַ גר
אין אַ פרעמדער לאַנד געוואָרן".

---

# דער סנה.

משה איז געווען אַ פּאַסטוך
ביי די שאָף פון זיין שווער יתרו,
האָט די שאָף געפירט אין מדבר
און געקומען צום באַרג חורב;
האָט זיך גאָט צו אים באַוויזן
אין אַ פייערפלאַם פון דאָרן
און ער זעט: עס ברענט דער דאָרן
און ער ווערט ניט אויסגעברענט.
טראַכט זיך משה: כ'וועל נאָר צוגיין
אָנקוקן דעם גרויסן בילד,
ווי דער דאָרן ברענט ניט אויס.
און גאָט זעט, אַז ער גייט קוקן,
און ער רופט צו אים פון דאָרן:
משה, משה! און ער ענטפערט:
איך בין דאָ! זאָגט גאָט צו אים:
ניט דערנענטער זיך אַהער!
צי די שיך אָפּ פון די פיס,
ווייל דער באָדן דאָ איז הייליג!
כ'בין דער גאָט פון דיינע פאָטערס,
פון אברהם, יצחק, יעקב!
משה האָט פאַרשטעלט זיין פּנים,
פול מיט שרעק, אויף גאָט צו קוקן.
און גאָט זאָגט: איך האָב געזען
ווי מיין פאָלק ווערט שווער געפייניגט
אין מצרים, און געהערט
זיין געשריי פון זיינע דריקערס,
ווייס איך זיינע ווייטאָגן
און איך האָב אַראָפּגענידערט,
ראַטעווען אים פון מצרים,
אויפברייינגען פון יענער לאַנד
אין אַ גוטער, פרייער לאַנד,
וועלכע טריפט מיט מילך און האָניג;
גיי, איך שיק דיך איצט צו פרעהן,
און זאָלסט אויפברייינגען מיין פאָלק,
זין ישראלס, פון מצרים.
גיי קלייב אויף ישראלס עלצטע,
זאָג זיי: ס'האָט זיך דיר באַוויזן
גאָט אברהמס, יצחקס, יעקבס
און געזאָגט, ער וויל באַפרייען
אייך פון פיין און לייד מצרימס
און אייך ברייינגען אין אַ לאַנד,
וועלכע פליסט מיט מילך און האָניג.
וועלן זיי דיר צוהערן
און די עלצטע פון ישראל
וועלן גיין מיט דיר צוזאַמען
צו מצרימס קיניג, פרעה,
און איר וועט אַזוי אים זאָגן:
ס'האָט דער גאָט פון עברים
זיך צו אונז באַוויזן;
לאָז - זשע אונז אַרויסגיין
אויף דריי טעג אין מדבר
שעכטן דאָרט צו גאָט
און איך ווייס, עס וועט דער קיניג
פון מצרים אייך ניט לאָזן,
וועל איך אויסשטרעקן מיין האַנט
און וועל אויפשלאָגן מצרים
מיט די אַלע וואונדער מיינע,
וואָס איך וועל באַווייזן דאָרטן, —
נאָכדעם שיקט ער אייך אַרויס.
און איך גיב דעם פאָלק אַ חן
ביי די מענטשן פון מצרים,
וועט איר ליידיג ניט אַרויס,
באָרגן פרויען ביי די שכנות

נאָלד - בלים און זילבער - בלים
און אויך קליידער אָנצוטאָן
זין און טעכטער אייערע,
און איר לאָזט מצרים ליידיג.

---

## וואונדער.

ענטפערט משה און ער זאָגט:
זיי וועלן דאָך מיר ניט גלויבן
און ניט פאָלגן מיין באַפעל:
וועלן זאָגן: ס'האָט זיך גאָט
דיר אינגאַנצן ניט באַוויזן!
און גאָט פרעגט אים: זאָג, וואָס האָסטו
אין דיין האַנט? ער זאָגט: א שטעקן!
זאָגט ער: וואַרף אים אויף דער ערד,
און ער וואַרפט אים אויף דער ערד,
און עס ווערט פון אים א שלאַנג —
משה לויפט פון אים אַוועק.
זאָגט אים גאָט: שטרעק אויס דיין האַנט,
נעם דעם שלאַנג אָן פאַרן ווידל
שטרעקט ער אויס זיין האַנט און
נעמט אים.
ווערט אין האַנט פון שלאַנג א שטעקן.
און גאָט זאָגט אים נאָכאַמאָל:
שטעק אַריין דיין האַנט אין שויס!
משה שטעקט זיין האַנט אין שויס
און נעמט איר אַרויס צוריק —
זי איז קרעציג, פונקט ווי שניי
זאָגט גאָט: שטעק אַריין צוריק! —
שטעקט אַריין און נעמט אַרויס —
זי איז ווידער ריין, ווי לייב.
און גאָט זאָגט אַזוי צו משהן:
אויב זיי וועלן דיר ניט גלויבן
נאָכן ערשטן וואונדער - צייכן
וועלן זיי דיר מוזן גלויבן
נאָכן צווייטן וואונדער - צייכן;
אויב זיי וועלן אַלץ ניט גלויבן
נאָך די ביידע וואונדער - צייכנס,
נעם פון טייך א ביסל וואַסער
און גיס אויס אויף דער יבשה —
וועט דאָס וואַסער ווערן בלוט.
משה זאָגט: איך בעט דיך, גאָט,
איך בין ניט קיין מאַן פון רייד,
כ'בין פון נעכטן, אייערנעכטן
דאָך א שטאַמלער אויפן צונג.
ענטפערט גאָט צו משהן: זאָג נאָר,
ווער - זשע מאַכט א מויל דעם מענטשן?
ווער מאַכט שטום און ווער מאַכט טויב?
זעעוודיג און בלינד? איך, גאָט!
גיי - זשע, איך בין מיט דיין מויל,
כ'וועל דיך לערנען וואָס צו רעדן.
משה זאָגט: איך בעט דיך, גאָט,
שיק דורך וועמען דו ווילסט שיקן!

---

## אהרן.

האָט געצערנט גאָט אויף משהן
און געזאָגט: דיין ברודער אהרן,
אָט דער לוי, וועט שוין ריידן,
ער גייט דיר אַרויס אַנטקעגן,
וועט דיך זען און זיך דערפרייען,
רעד מיט אים און לייג אַריין
אים אין מויל די אַלע ווערטער,
איך וועל אויך זיין מיט אייך ביידן
און אייך ווייזן וואָס צו טאָן,
און ער רעדט פאַר דיר צום פאָלק,

ער וועט זיין ביי דיר די מויל,
דו וועסט זיין ביי אים דער גאָט,
און דעם שטעקן נעם אין האַנט,
וועסט מיט אים טאָן וואונדער צייכנס.
משה איז אַוועק צום שווער
און געזאָגט: איך וויל צוריק גיין
קיין מצרים און אַ קוק טאָן,
לעבן נאָך די ברידער מיינע?
זאָגט אים יתרו: גיי געזונט!
און ער נעמט זיין ווייב און קינדער,
זעצט זיי אַף אַן אייזל אויף,
נעמט גאָטס שטעקן אויך מיט זיך
און ער גייט אין לאַנד מצרים.
און אין וועג, אין אַן אכסניה,
האָט אים גאָט שיר טויט געשלאָגן.
נעמט צפורה באַלד אַ שטיין
און באַשניידט איר זון זיין ערלה
און רירט אָן צו זיינע פיס,
האָט גאָט אָפּגעלאָזן אים.
און די פרוי האָט אויסגערופן:
ביסט מיין מאַן, מיין בלוטיגער,
ביסט מיין בלוט - מאַן פון באַשניידונג.

*

און גאָט זאָגט צו אהרנען:
גיי אַרויס אַנטקעגן משהן
אין דער מדבר. אהרן גייט,
טרעפט אים אויפן באַרג פון גאָט,
קושט מען זיך, און ער דערציילט אים
אַלץ, וואָס גאָט האָט אים געזאָגט
און די וואונדער, וואָס געוויזן.
גייען ביידע און פאַרזאַמלען
אַלע עלצטע פון ישראל
און ס'דערציילט זיי אהרן אַלץ,
וואָס געזאָגט האָט גאָט צו משהן
און ער מאַכט די וואונדער - צייכנס
פאַר די אויגן פונם פאָלק.
האָט דער פאָלק געגלויבט זיי ביידן,
אַז ס'האָט גאָט דערמאָנט ישראל,
זייער לייד און פיין דערזען.
און זיי האָבן זיך געבוקט.

## פ ר ע ה.

נאָכדעם זיינען זיי געקומען
און אַזוי געזאָגט צו פרעהן:
גאָט ישראלס האָט באַפוילן,
זאָלסט מיין פאָלק אַרויסשיקן,
פייערן צו מיר אין מדבר.
ענטפערט פרעה: ווער איז גאָט,
איך זאָל פאָלגן וואָס ער הייסט,
צו באַפרייען די ישראל?
כ'קען ניט גאָט און וועל ישראל
ניט באַפרייען! זאָגן זיי:
דער עברים - גאָט האָט אונז באַגעגנט;
לאָמיר גיין דריי טעג אין מדבר,
שעכטן שאַכט צו אונזער גאָט,
ווייל אַז ניט, וועט ער אונז טרעפן
מיט אַ פעסט, צי מיט אַ שווערד!
זאָגט דער קיניג פון מצרים:
משה - אהרן, שטערט דעם פאָלק ניט!
און א י ר — גייט צו אייער אַרבעט!
גרויס איז איצט דער פאָלק פון לאַנד —
וואָס שטערט איר זיי פון דער אַרבעט?!
און באַפוילן יענעם טאָג
צו די טרייבערס און די היטערס:

גיט ניט מער דעם פאָלק קיין שטרוי,
ווי ביז איצט, צו מאַכן ציגל, —
זאָלן זיי גיין קלייבן שטרוי
און די צאָל פון ציגל זאָלט איר
ניט פאַרמינערן פון פריער,
ווייל זיי זיינען אָפּגעלאָזן,
אָט דעריבער שרייען זיי:
מירן גיין קרבנות שעכטן!
זאָל די אַרבעט שווערער ווערן,
זאָלן זיי באַשעפטיגט זיין,
ניט פאַרנעמען זיך מיט ליגנס!
און די טרייבערס און די היטערס
זיינען באַלד צום פאָלק אַרויס
און דערציילט, וואָס פרעה זאָגט:
אַז ער גיט קיין שטרוי ניט מער
זאָלן זיי זיך זוכן שטרוי,
ווייל די אַרבעט ווערט ניט מינער
און דער פאָלק האָט זיך צעשפּרייט
אין מצרים זוכן שטרוי
און די טרייבערס טרייבן יאָגן:
מאַכט די אַרבעט טאָג - ביי - טאָג,
זוי ווען ס'איז געווען די שטרוי!
און די טרייבערס פּלעגן שלאָגן
אויך די היטערס פון ישראל,
ווייל זיי האָבן ניט געגעבן
די צאָל ציגל, ווי אַמאָל.
און די היטערס פון ישראל
האָבן זיך געקלאָגט פאַר פרעהן:
וואָס מאַכסטו מיט אונז אַזוי?
גיסט קיין שטרוי ניט דיינע קנעכט,
און די ציגל הייסט מען מאַכן,
און זיי שלאָגן דיינע קנעכט —
ס'איז אַ זינד דאָך קעגן פאָלק!
זאָגט ער: איר זיינט אָפּגעלאָזן,
אָפּגעלאָזן — אָט דערפאַר
זאָגט איר אַלץ, אַז איר ווילט שעכטן!
גייט - זשע ווייטער אַרבעטן,
און קיין שטרוי וועט איר ניט קריגן,
און די ציגל מוזט איר מאַכן!
און די היטערס פון ישראל
האָבן, גייענדיג פון פרעהן,
אָנגעטראָפן משה - אהרן
און געזאָגט: גאָט זאָל אייך שטראָפן,
ווייל איר האָט פאַרמיאוסט אונז
פאַרן קיניג און די קנעכט,
זיי אין האַנט אַ שווערד געגעבן,
אונז צו טויטן! און ס'האָט משה
זיך געווענדט צו גאָט, געזאָגט:
הלמאי האָסטו דעם פאָלק
שלעכטס געטאָן און מיך געשיקט?
וואָרום זינט איך האָב פאַר פרעהן
אין דיין נאָמען דאָ גערעדט,
האָט ער שלעכטס געטאָן דעם פאָלק
און געהאָלפן האָסטו ניט!
זאָגט אים גאָט: וועסט באַלד שוין זען,
אַז ער וועט מיט שטאַרקער האַנט
זיי אַרויסשיקן פון לאַנד,
און ווען ס'ווערט די האַנט נאָך
שטאַרקער
וועט ער זיי פון לאַנד פאַרטרייבן!
איך האָב זיך אַמאָל באַוויזן
צו אברהם, יצחק, יעקב,
אויפגעשטעלט מיט זיי אַ בונד,
זיי צו שיינקען די לאַנד כנען,

יענע לאַנד פון זייער וואוינשאַפט,
און אַצינד האָב איך דערהערט
די געשרייען פון ישראל
פון דער אַרבעט אין מצרים,
האָב איך זיך דערמאָנט מײַן „בונד".
גיי זשע זאָג די בני - ישראל:
כ׳פיר אַרויס זיי פון מצרים
און באַפריי זיי פון דער אַרבעט
און וועל אויסלייזן אייך אַלע
מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם
און מיט גרויסע שטראָף - געריכטן,
כ׳וועל אייך נעמען פאַר אַ פאָלק
און וועל זיין פאַר אייך אַ גאָט,
און וועל ברענגען אייך אין לאַנד,
ווי געשוואָרן צו די פאָטערס,
צו אברהם, יצחק, יעקב,
וועט זי בלייבן אייער אַרב!
משה האָט אַזוי גערעדט
צו די קינדער פון ישראל,
האָבן זיי אים ניט געהאָרכט,
ווייל ס׳איז קורץ ביי זיי דער אָטעם
און די אַרבעט זייער שווער.
זאָגט אים גאָט: גיי רעד צו פרעהן,
און ער וועט דעם פאָלק באַפרייען.
רופט זיך משה אָן צו גאָט:
ס׳וויל דאָך מיר דער פאָלק ניט האָרכן;
ווי וועט פרעה האָרכן מיך,
און איך — איך בין דאָך אַ שטאַמלער!
זאָגט אים גאָט: זע, איך מאַך דיך
ווי אַ גאָט אַנטקעגן פרעה,
און דיין ברודער אהרן וועט
ווי אַ נביא זיין ביי דיר.

האָבן זיי אַזוי געטאָן,
ווי ס׳האָט גאָט זיי אָנגעזאָגט;
איז משה אַכציג יאָר געווען
און אהרן דריי און אַכציג יאָר
און זיי שטעלן זיך פאַר פרעהן,
און ווען פרעה האָט געזאָגט זיי:
כ׳וויל, איר זאָלט אַ צייכן געבן,
אַז ס׳האָט גאָט אייך מיר געשיקט!
דאַמאָלס האָט געוואָרפן אהרן
אויף דער ערד זיין שטאָק פאַר פרעהן
און פאַר זיינע קנעכט אַרום;
איז פון שטאָק אַ שלאַנג געוואָרן.
פרעה האָט געלאָזן רופן
די חכמים און חרטומים
און זיי האָבן פונקט דאָסזעלביגס
מיט אַ בישוף נאָכגעמאַכט:
שטעקענער אויף ערד געוואָרפן
זיינען באַלד געוואָרן שלאַנגען,
אָבער אהרנס שטעקן האָט
אַלע שטעקענער פאַרשלונגען.
און ס׳איז פרעה האַרט געבליבן,
ניט געוואָלט דעם פאָלק באַפרייען.

---

## ד ם.

און אויף מאָרגן אינדערפרי —
פרעה איז אַרויס צום וואַסער —
האָבן ביידע, משה, אהרן,
זיך געשטעלט אַנטקעגן אים;
אהרן האָט דעם שטאָק געהויבן
און די טייך - וואַסער געשלאָגן,
איז פון וואַסער בלוט געוואָרן,
און די פיש איז אויסגעפגרט

און געשטונקען האָט די טייך,
ניט געקענט האָבן די מצרים
טרינקען וואַסער פון דער טייך,
און אַזוי איז בלוט געוואָרן
אין דער גאַנצער לאַנד מצרים,
אין די טייכן און די שטראָמען,
אין די פּאַזשעלקעס און זומפּן,
אויך פון וואַסער אין די כּלים
היל̇צערנע און שטיינערנע, —
און געמוזט האָבן די מצרים
גראָבן גריבער אַרום טייך
און פון דאָרטן וואַסער טרינקען.
האָבן אָבער די חרטומים
מיט אַ כּישוף אויך געמאַכט
פּונקט דאָסזעלביגס, בלוט פון וואַסער,
און ס'איז האַרט געבליבן פּרעה,
ניט געוואָלט דעם פאָלק באַפרייען.

## צ פ ר ד ע.

זיינען זיבן טעג אַריבער,
און ס'האָט משה, אין גאָטס וואָרט,
אָנגעזאָגט זיין ברודער אהרן,
האָט ער אויסגעשטרעקט זיין שטעקן
איבער טייכן, איבער שטראָמען,
איבער אַלע וואַסערן,
איז די פראָש אַרויס פון דאָרטן
און באַדעקט די גאַנצע לאַנד.
און עס האָבן די חרטומים
אויך געמאַכט עס מיט אַ כּשוף:
אויפגעבראַכט די פראָש אין לאַנד.
פּרעה האָט געלאָזן רופן
משהן, אהרנען, געזאָגט זיי:
בעט צו גאָט, זאָל ער פאַרטרייבן
אָט די פרעש פון אַרום מיר,
וועל איך דיר דעם פאָלק באַפרייען,
זאָל ער שעכטן שאַכט צו גאָט.
רופט זיך משה אָן צו פּרעהן:
דו זאָג מיר גענוי: אויף ווען?
וועל איך בעטן צו מיין גאָט,
וועט ער אָפּשאַפן די פראָש
פון דיין הויז און פון דיין פאָלק
און פון אַלע דיינע קנעכט,
נאָר אין טייך וועט זי פאַרבלייבן.
ענטפערט פּרעה אים: אויף מאָרגן!
זאָגט אים משה: ווי דו ווילסט!
זיינען ביידע, משה אהרן,
באַלד פון פּרעהן אָפּגעטראָטן,
משה האָט צו גאָט גערופן,
און עס זיינען אַלע פרעש
אויסגעפּגרט אין די הייזער,
אין די הויפן, אין די פעלדער,
האָט מען זיי געזאַמלט הויפנס,
און געשטונקען האָט די לאַנד.
און ווי פּרעה האָט געזען,
אַז ס'איז פרייער אים געוואָרן,
האָט ער האַרט געמאַכט זיין האַרץ
און זיין צוזאָג ניט דערפילט,

## כּ י נ י ם.

און ס'האָט משה, אין גאָטס וואָרט,
אָנגעזאָגט זיין ברודער אהרן,
האָט ער אויסגעשטרעקט זיין שטעקן,
און די שטויב פון לאַנד געשלאָגן,
האָט זיך אומפּליוט באַלד פאַרשפּרייט

אויפֿן מענטשן, אויף דער בהמה —
ס'איז פֿון גאַנצן שטויב מצרימס
אומעטום געוואָרן אומפּלייט.
און עס פּרובן די חרטומים
נאָכצומאַכן עס מיט כּשוף,
צו פֿאַרוואַנדלען שטויב אין אומפּלייט—
קענען אָבער עס ניט מאַכן.
זאָגן די חרטומים פּרעהן:
דאָס איז שוין פֿון גאָט אַ פֿינגער.
פּרעה אָבער בלייבט אַלץ האַרט
און ער לאָזט ניט פֿריי דעם פֿאָלק.

---

## ע ר ו ב,

און עס האָבן משה, אהרן
זיך געפּעדערט אינדערפֿרי
און אַוועק צום טייך, צו פּרעהן
און, אין גאָטס וואָרט, אים געזאָגט:
לאָז אַרויס מיין פֿאָלק,
זאָל ער דינען מיר!
אויב דו לאָזט אים ניט,
שיק איך אָן אויף דיר
און אויף דיינע קנעכט
אין די הייזער אַלע
אַ געמיש פֿון חיות —
ווערט מיט זיי די לאַנד פֿול;
בלויז די גושן - לאַנד,
וואו עס וואוינט מיין פֿאָלק,
וועט זיין אָפּגעשיידט,
דאָרט קומט קיין געמיש;
אַזוי טייל איך אָפּ
צווישן פֿאָלק און פֿאָלק —
מאָרגן וועט שוין קומען

אָט דער וואונדער - צייכן.
און עס איז אַזוי געשען:
אַ געמיש אַ שווערער קומט
איבער פּרעהן און זיין פֿאָלק,
זיינע הייזער און זיין לאַנד —
גאַנץ מצרים ווערט פֿאַרדאָרבן
פֿון אָט דעם געמיש פֿון חיות.
פּרעה האָט גערופֿן רופֿן
משהן און זיין ברודער אהרן
און געזאָגט זיי: גייט און שעכט
שאָכט צו אייער גאָט אין לאַנד!
און ס'האָט משה אים געענטפֿערט:
ס'איז ניט רעכט אַזוי צו טאָן!
ווייל מיר שעכטן דאָך צו גאָט
די אומווירדיגקייט מצרימס;
ווי - זשע וועלן זיי עס צוזען
און אונז ניט פֿאַרשטיינינקן?
ניין, מיר גייען דריי טעג גאַנג
אין דער מדבר און מיר שעכטן
ווי ס'באַפֿוילט אונז אונזער גאָט.
ענטפֿערט פּרעה: גוט, איך שיק אייך,
און איר שעכט צו גאָט אין מדבר,
אָבער ווייט זאָלט איר ניט אָפּגיין —
און אַצינד גייט בעט פֿאַר מיר!
זאָגט אים משה: כ'גיי אַוועק
און איך בעט באַלד צו מיין גאָט
וועט פֿאַרשווינדן דער געמיש
מאָרגן פֿון דער גאַנצער לאַנד
אָבער פּרעה זאָל ניט מער
פֿון מיר שפּאָטן, ווי ביז איצט,
ניט אַרויסשיקן דעם פֿאָלק,
ער זאָל שעכטן שאָכט צו גאָט.

משה איז אַרויס פון פּרעהן,
גאָט געבעטן, און ס'איז באַלד
דער געמיש פון לאַנד פאַרשוואונדן;
פּרעה אָבער איז אויך דעם מאָל
האַרט געבליבן און ער האָט
אַלץ דעם פאָלק ניט פריי געלאָזט.

---

## ד ב ר.

און ס'האָט משה, אין גאָטס וואָרט,
נאָכאַמאָל געזאָגט צו פּרעהן:
לאָז אַרויס מיין פאָלק,
זאָל ער דינען מיר,
אויב דו לאָזט אים ניט
און דו האַלטסט אים ווייטער
קומט אַ שווערע פּעסט
אויף דיין פי אין פעלד
אויף די פערד און אייזלען,
קעמלען, רינדער, שאָף
און גאָט טיילט פאַנאַנדער
פון די פי ישראלס
ביז די פי מצרימס —
ביי די בני ישראל
וועט ניט שטאַרבן קיינע —
מאָרגן וועט עס קומען!
און אַזוי איז עס געשען,
ס'איז אַ פּעסט אין לאַנד געקומען
און געטויט די פי מצרימס
אָבער פון די פי ישראלס
האָט קיין איינע ניט געפעלט
און ס'איז פּרעה האַרט געבליבן,
האָט דעם פאָלק אַ ל ץ ניט באַפרייט.

---

## ש ח י ן.

און עס האָבן, אין גאָטס וואָרט,
משה - אהרן אָנגענומען
פולע הויפנס אַש פון אויוון
און צו פּרעהן זיך דערנענטערט
און ס'האָט משה עס געשאָטן
אין דער הויך פאַר פּרעהס אויגן,
און עס איז אַ שטויב געוואָרן
אויף דער גאַנצער לאַנד מצרים
און אויף מענטשן און אויף בהמות
האָבן בלאָטערן געבליט
און דער לייב האָט זיך אָנטצונדן,
און עס האָבן די חרטומים
ניט געקענט פאַר משהן איינשטיין,
ווייל דער לייב האָט זיי געשמאַרצט
און ס'איז פּרעה האַרט געבליבן,
האָט דעם פאָלק אַ ל ץ ניט באַפרייט.

---

## ב ר ד.

און ס'האָט משה, אין גאָטס וואָרט,
זיך געשטעלט גאַנץ פרי פאַר פּרעהן
און געזאָגט צו אים אַזוי:
לאָז אַרויס מיין פאָלק,
זאָל ער דינען מיר!
וועסטו ווייטער שפּאָטן
און זיי ניט באַפרייען,
וועל איך רעגענען
מאָרגן אין דער צייט
מיט אַ שווערן האָגל
וואָס איז ניט געווען נאָך
קיינמאָל אין מצרים,
זינט געגרונטפעסטיגט

און ביז היינטיגס טאָג.
שיק ־ זשע, קליינ צונויף
אַלע דיינע פּי,
וואָס דו האָסט אין פעלד,
ווייל וואָס דאָרט וועט בלייבן,
מענטשן אָדער בהמות,
פאַלט אויף זיי דער האָגל,
און זיי וועלן שטאַרבן.
און ווער ס'האָט פאַר גאָט געציטערט
האָט פאַרטריבן אין די הייזער
זיינע קנעכט און זיינע פּי;
ווער ס'האָט ניט געאַכט גאָטס וואָרט,
האָט געלאָזן אַלץ אין פעלד.
משה האָט געשטרעקט זיין שטעקן
קעגן הימל, האָט געגעבן
גאָט באַלד דונערן און האָגל,
און אַ פייער איז געגאַנגען
אויף דער ערד, און ס'האָט געהאָגלט
אויף דער גאַנצער לאַנד מצרים,
האָגל פאַלט און פייער פלאַקערט
אינם האָגל, זייער שטאַרק,
ניט געווען נאָך אין מצרים,
זינט עס איז אַ פאָלק געוואָרן,
און דער האָגל האָט געשלאָגן
אין דער לאַנד אַלץ, וואָס אין פעלד,
פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה,
ביז אַ גרעזעלע אין פעלד
אַלץ האָט אויסגעקלאַפּט דער האָגל,
און די פעלד ־ בוימער צובראָכן;
בלויז אין גושן ־ לאַנד אַליין,
וואו עס זיצן די ישראל,
איז קיין האָגל ניט געווען.

פּרעה האָט געלאָזן רופן
משה ־ אהרן און געזאָגט זיי:
כ'האָב געזינדיגט היינטיגס מאָל,
אייער גאָט איז דער גערעכטער,
און איך מיט מיין פאָלק — רשעים!
בעט צו גאָט, און זאָל גענוג זיין
שוין מיט דונערן און האָגל,
וועל איך מער שוין אייך ניט האַלטן,
וועל אייך אַלעמען באַפרייען.
און ס'האָט משה אים געענטפערט:
באַלד וועל איך פון שטאָט אַרויס
און די הענט צו גאָט פאַרשפּרייטן
וועלן אויפהערן די דונערס
און קיין האָגל וועט ניט זיין,
און קיין רעגן וועט ניט גיסן. —
(פלאַקס און גערשטן איז צוקלאַפּט,
ווייל געווען דער פלאַקס שוין צייטיג
און די גערשטן אין די שטאַנגען,
אָבער ווייץ און אָרקוש ־ פלאַנצן
זיינען ניט צוקלאַפּט געוואָרן,
ווייל זיי זיינען שפּעט ־ געוויקסן).
און עס איז אַזוי געשען:
משה איז פון שטאָט אַרויס,
זיינע הענט צו גאָט פאַרשפּרייט
האָבן אויפגעהערט די דונערס
און דער האָגל און דער רעגן
פאַלן מער ניט אויף דער ערד.
און אַז פּרעה האָט געזען,
אַז ס'האָט אויפגעהערט דער האָגל
און די דונערס און דער רעגן
איז ער ווידער הארט געוואָרן,
די ישראל ניט באַפרייט.

# אַרבּה.

און עס האָבן משה אהרן
אין גאָטס וואָרט געזאָגט צו פּרעהן:
אַזוי זאָגט דער גאָט פון עברים:
ווי לאַנג נאָך וועדסטו ניט
פאַר מיר אונטערטעניג?
לאָז אַרויס מיין פאָלק,
זאָלן זיי מיר דינען!
אויב דו ווילסט נאָך אַלץ ניט
פריי מאַכן מיין פאָלק,
וועל איך מאָרגן שיקן
דיר אַ היישעריק
אין דעם גאַנצן גרענעץ,
וועט די שיין פאַרדעקן,
וועסט די לאַנד ניט זען,
אָפּפרעסן וועט ער
אַלץ וואָס דיר געבליבן
נאָכן שווערן האָגל,
אָפּפרעסן די בוימער
און די גראָז פון פעלד
און עס וועלן פול זיין
אַלע דיינע הייזער
און פון דיינע קנעכט
אין דער גאַנצער לאַנד
וואָס געזען נאָך קיינמאָל
עלטערן און זיידעס
זינט די לאַנד געוואָרן
און ביז היינטיגס טאָג —
אָפּגעזאָגט און אָפּגעקערט זיך
און פון פּרעהן אָפּגעגאַנגען.
האָבן פּרעהס קנעכט געזאָגט אים:
ווי לאַנג נאָך וועט דער
זיין פאַר אונז אַ שטרויכל?
שיק אַרויס די לייט
דינען זייער גאָט;
ווייסטו נאָך ניט, אַז
ס'גייט מצרים אונטער?
און מ'האָט צוריק גערופן
משהן, אהרנען צו פּרעהן
און געזאָגט: גייט דינט צו גאָט;
ווער און ווער זיינען די־גייערס?
ענטפערט משה: מיט די יונגע
און די אַלטע וועלן מיר גיין,
מיט די זין און מיט די טעכטער,
מיט די שאָף און מיט די רינדער
וועלן מיר גיין, ווייל ס'איז ביי אונז
אַ גרויסער פייערטאָג צו גאָט.
און ס'האָט פּרעה זיי געענטפערט:
זאָל אַזוי מיט אייך זיין גאָט,
ווי איך שיק אייך מיט די קינדער!
זעט, איר האָט אין זינען שלעכצקייט!
ניין, די מענער זאָלן גיין בלויז,
גיין און דינען דאָרט צו גאָט,
ווייל אָט דאָס פאַרלאַנגט איר דאָך! —
און פאַרטריבן זיי פון פּרעהן.

*

און ס'האָט משה, אין גאָטס וואָרט,
אויסגעשטרעקט אין לופט זיין שטעקן,
האָט אַ מזרח־ווינט געבלאָזן
יענעם טאָג און יענע נאַכט
און אויף מאָרגן אינדערפרי
האָט דער מזרח־ווינט געטראָגן
אין דער לאַנד אַ היישעריק,
האָט דער היישעריק פאַרשפּרייט זיך

אין דער גאַנצער לאַנד מצרים
גאָר אַ שווערער היישעריק,
ניט געווען אַזוינער פריער,
און אויך שפּעטער וועט ניט זיין,
האָט פאַרדעקט די שיין פון לאַנד,
אומעטום געוואָרן פינצטער,
האָט די גראָז פון דר'ערד צופרעסן
און די פרוכטן פון די בוימער,
אַלץ וואָס ס'האָט געלאָזט דער האָגל,
ס'איז שוין איצט אין לאַנד מצרים
ניט געבליבן קיין שום גרינס,
אויף די בוימער, גראָז פון פעלדער,
אין דער גאַנצער לאַנד מצרים.
פרעה האָט געשיקט באַלד רופן
משה אהרן און געזאָגט זיי:
כ'האָב געזינדיגט קעגן גאָט
אויך געזינדיגט קעגן אייך,
זייט - זשע מוחל מיר אַצינד,
גייט און בעט צו אייער גאָט,
זאָל ער אָפּשאַפן פון מיר
נאָר דעם טויט דעמדראָזיגן!
זיינען זיי אַוועק פון פרעהן,
און ס'האָט משה גאָט געבעטן,
האָט ער באַלד פאַרקירעוועט
אַ ווינט פון מערב זייט אַ שטאַרקן
הויבט ער אויף דעם היישעריק
און פאַרטראָגט אים אינם ים סוף
ס'איז קיין איינציגער געבליבן
אינם גרענעץ פון מצרים.
אָבער פרעה בלייבט אַלץ האַרט
און באַפרייט ניט די ישראל.

---

## חושך,

און ס'האָט משה, אין נאָטס וואָרט
אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום הימל,
און ס'איז פינצטערניש געוואָרן
אין דער גאַנצער לאַנד מצרים,
אַזש צום טאַפּן אין דער פינצטער
גאַנצע דריי טעג נאָכאַנאַנד;
קיינער האָט געזען דעם צווייטן,
קיינער האָט פון אָרט גערירט זיך
גאַנצע דריי טעג נאָכאַנאַנד;
נייערט ביי די בני ישראל
אין די וואוינשאַפטן איז ליכטיג.
פרעה האָט גערופן משהן
און געזאָגט: גייט דינט צו גאָט,
אויך די קינדער נעמט מיט זיך,
בלויז די שאָף און רינדער בלייבן.
ענטפערט משה: וועסט אַליין נאָך
געבן אונז צום שעכטן פי,
און אויך אונזער פי גייט מיט,
ס'וועט קיין קלאָ ניט איבערבלייבן,
ווייל מיר נעמען דאָך דערפון
פאַרן דינסט צו אונזער גאָט
און מיר ווייסן נאָך אַצינד ניט,
פאַרן אָנקומען אַהינצו,
ווי מיר וועלן דינען גאָט!
איז נאָך פרעה האַרט געבליבן,
ניט געוואָלט אַלץ זיי באַפרייען,
און זאָגט משהן: גיי פון מיר!
היט זיך, ניט צו זען מיך מער,
וואָרום ווען דו זעסט מיין פנים,
וועסטו שטאַרבן! — ענטפערט משה:
ביסט גערעכט, איך וועל ניט מער

קומען אָנקוקן דעם פּנים!

## מכת בכורות.

גאָט זאָגט: קעגן האַלבער נאַכט
וועל איך דורכגיין אין מצרים,
וועלן אויסשטאַרבן די בכורים
אין דער גאַנצער לאַנד מצרים
פונם בכור פון קיניג פּרעה,
וואָס דאַרף זיצן אויף זיין טראָן,
ביזן בכור פון איטלעכס דינסט - פרוי,
וואָס זיצט הינטער מילשטיינער,
אויך די בכורים פון די בהמות.
ווערט אין לאַנד אַ גרויס געשריי,
ווי נאָך קיינמאָל ניט געווען
און וועט קיינמאָל מער ניט זיין.
אָבער פאַר די בני ישראל
וועט אַ הונט דעם צונג ניט שאַרפן,
פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה;
וועט איר אַלע דאַמאָלס וויסן,
ווי אַזוי גאָט טיילט פאַנאַנדער
די ישראל פון די מצרים.
וועלן אַלע דיינע קנעכט
דאַמאָלס נידערן צו מיר,
בוקן זיך פאַר מיר און זאָגן:
„גיי אַרויס דו מיט דיין פאָלק”!
נאָכדעם גייען מיר אַרויס. —

## פּסח.

און מיט כּעס אַוועק פון פּרעהן,
און גערופן אַלע עלצטע
פון ישראל און געזאָגט זיי:
ברענגט אייך שאָף פאַר די משפּחות
און שעכט איטלעכער זיין פּסח,
נעמט אַ פּענזל פון גראָז אזוב,
טונקט איין אין די בלוט פון בעקן
און רירט אָן צום אויבערשוועל
און צו ביידע ביישטידלעך
פון די בלוט וואָס אינם בעקן
און ס'זאָל קיינער ניט אַרויסגיין
פון זיין שטוב ביז אינדערפרי;
און ס'וועט גאָט גיין אין מצרים
אויסצומאָרדעווען די בכורים
און ווי ער וועט זען די בלוט
אויף די ביישטידלעך פון טירן
וועט ער יענע טיר פאַרבייגיין
און ניט לאָזן דעם פאַרדאַרבער
קומען אין דער שטוב צו פּלאָגן
און איר זאָלט עס איבערלאָזן
אַ געזעץ פאַר זיך און קינדער
און אַז איר קומט אין דער לאַנד,
וואָס גאָט וועט אייך אָפּגעבן,
ווי ער האָט אייך צוגעזאָגט,
זאָלט איר היטן די עבודה,
און אַז קינדער וועלן פרעגן:
וואָס איז דאָס פאַר אַן עבודה?
זאָלט איר זאָגן: פּסח - שאַכט;
ווייל ס'איז גאָט פאַרבייגעגאַנגען
אַלע הייזער פון ישראל,
ווען ער האָט געפּלאָגט די מצרים
אָבער אונז געראַטעוועט. —
האָט דער פאָלק געקניט, געבוקט זיך
און געגאַנגען און געטאָן

פונקט ווי גאָט האָט זיי באַפוילן
דורכן מויל פון משה - אהרן.
איז געשען אין האַלבע נאַכט,
און ס'האָט גאָט געפּלאָגט די בכורים
אין דער גאַנצער לאַנד מצרים
פונם בכור פון קיניג פּרעה,
וואָס דאַרף זיצן אויף זיין טראָן,
ביזן בכור, וואָס זיצט געפאַנגען
אין אַ גרוב. אויך בכור פון בהמות.
און ס'איז פּרעה אויפגעשטאַנען
אין דער נאַכט מיט זיינע קנעכט
מיטן גאַנצן פאָלק מצרים;
ס'איז געווען אַ גרויס געשריי,
ווייל עס איז קיין הויז געבליבן,
וואו עס זאָל קיין מת ניט זיין.

## יציאת - מצרים.

פּרעה האָט ביינאַכט גערופן
משה - אהרן און געזאָגט זיי:
הויבט זיך אויף און גייט אַרויס
איר און אויך די בני ישראל
און פאַרלאָזט די לאַנד מצרים
נעמט אויך מיט די שאָף און רינדער,
ווי איר האָט פאַרלאַנגט, און גייט,
און ווען איר וועט דינען גאָט
זאָלט איר מיר אַ ברכה געבן.
און געאיילט האָבן די מצרים,
אַז דער פאָלק זאָל גיכער גיין שוין
ווייל געטראַכט: מיר שטאַרבן אַלע!
האָט דער פאָלק זיין טייג גענומען,
איידער ס'איז געוואָרן זויער,
ראָשטשינע אין קלייד פאַרוויקלט
און פאַרוואָרפן אויפן אַקסל.

*

און ס'האָט משה פריער נאָך
אין גאָטס וואָרט געזאָגט דעם פאָלק.
אַז זיי זאָלן ביי די מצרים
די באַקאַנטע און די שכנים
פאַרן אָפּגיין לייען כּלים
זילבערנע און גאָלדענע.
האָבן זיי אַצינד געטאָן,
ווי ס'האָט משה זיי באַפוילן,
אָנגעליען ביי די מצרים
גאָלד און זילבער און אויך קליידער,
און דער פאָלק האָט חן געקריגן
ביי די מצרים, אויך איז משה
גרויס געוואָרן אין מצרים,
און מ'האָט דעם פאָלק אַנטליען —
אויסגעליידיגט גאַנץ מצרים.

*

איז דער פאָלק אַרויס פון רעמסס
זעקסמאָל הונדערט טויזנט מאַן,
אַלע פוסגייערס, חוץ קינדער.
אויך אַן ערב - רב געגאַנגען,
אויך שאָף - רינדער גאָר אַ סך.
האָבן זיי פון טייג געבאַקט
קוכנס טרוקן, ניט געזייערט,
ווייל זיי האָבן אין מצרים
ניט געקענט זיך מער פאַרזאַמען,
ווייל מ'האָט זיי אַרויסגעטריבן,
אויך קיין שפּייז זיך ניט געמאַכט.

*

אַזוי זיינען בני ישראל
אָפּגעזעסן אין מצרים

פירהונדערט און דרייסיג יאָר
און נאָכדעם אינמיטן טאָג,
נאָך דער וואַך - נאַכט אין מצרים,
זיינען אַלע גאָטס לעגיאָנען
פריי אַרויס פון לאַנד מצרים.

## אין דער מדבר.

און ס'האָט משה, אין גאָטס וואָרט,
ניט געפירט דעם פאָלק דורך פלישתים,
טאָמער קומט אויף אים מלחמה,
וועט ער דאַמאָלס זיך באַדיינקען
און צוריקגיין קיין מצרים;
האָט פאַרקירעוועט דעם פאָלק
צו דער מדבר, קעגן ים - סוף,
און ס'איז גאָט פאַר זיי געגאַנגען
מיט אַ וואָלקנזייל בייטאָג,
זיי צו פירן אינם וועג,
און ביינאַכט מיט פייערזייל
צו באַלייכטן זיי דעם גאַנג,
ס'האָט פון זיי ניט אָפּגעטראָטן
ניט דער וואָלקנזייל בייטאָג,
ניט דער פייערזייל ביינאַכט.

*

און ווען פרעה האָט דערהערט,
אַז ישראל איז אַנטלאָפן
איז זיין האַרץ פאַרקערט געוואָרן
אויך די האַרץ פון זיינע קנעכט
און זיי האָבן זיך געזאָגט:
וואָס - זשע האָבן מיר געטאָן,
אָפּגעלאָזט די בני - ישראל,
זיי באַפרייט פון אונזער דינסט?
פרעה האָט געשפאַנט זיין וועגל
און זיין פאָלק מיט זיך גענומען
און זעקסהונדערט רייטוועגנער
אַלע בעסטע פון מצרים
און מיט הויפּטלייט איבער אַלע
און געיאָגט זיך נאָך ישראל
און ישראל איז געגאַנגען
מיט געהויבנקייט און שטאָלץ.
האָט מצרים זיך געיאָגט
און דערגרייכט זיי פאַרן ים
אַלע פרעהס פערד און וועגן
און די רייטערס און לעגיאָנען;
און ס'האָט פרעה זיך דערנענטערט,
און ישראל האָט דערזען,
אַז מצרים ציט נאָך זיי,
האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן
און צו משהן אויסגעשריען:
צי ווייל אין מצרים זיינען
מער קיין קברים ניט געווען,
האָסטו אונז געבראַכט אַהערצו
אויסצושטאַרבן אין דער מדבר?
וואָס האָסטו מיט אונז געמאַכט?
האָבן מיר דאָך דיר געזאָגט,
אין מצרים: לאָז אונז אָפּ!
בעסער דינען אין מצרים,
איידער שטאַרבן אין דער מדבר!
משה אָבער זאָגט דעם פאָלק:
האָט ניט מורא, שטייט און קוקט,
ווי גאָט וועט אַ הילף אייך ברענגען;
ווי איר זעט אַצינד די מצרים
וועט איר מער זיי שוין ניט אָנזען!
גאָט וועט פאַר אייך קעמפן — שווייגט!

# קריעת ים - סוף.

און ס'האָט גאָט געזאָגט צו משהן:
וואָס - זשע שרייסטו אַלץ צו מיר?
רעד צום פאָלק און זאָל ער ציען!
דו הויב אויף דעם שטעקן דיינעם
שטרעק דיין האַנט אויס אויפן ים,
און צושפּאַלט אים אין צוויי טיילן,
און די בני - ישראל וועלן
גיין אין ים ווי אין יבשה.
און גאָטס מלאך, וואָס געגאַנגען
פאַר דער מחנה פון ישראל,
איז אַוועק אויף הינטער זיי;
האָט דער וואָלקנזייל געצויגן
ניט פון פאָרנט, נאָר פון הינטן
און געשטאַנען צווישן ביידע
מחנות, — איז געוואָרן פינצטער,
און ס'האָט איינע צו דער צווייטער
ניט גענענט די גאַנצע נאַכט.
משה האָט זיין האַנט געשטרעקט
אויפן ים, האָט גאָט געטריבן
יענע גאַנצע נאַכט דעם ים
מיט אַ שטאַרקן מזרח - ווינט,
איז דער ים געוואָרן טרוקן
און די וואַסער, ווי צושפּאָלטן,
און ישראל איז געקומען
אינם ים ווי אין יבשה,
צווישן הויכע ווענט פון וואַסער
אי פון רעכטס און אי פון לינקס.
און מצרים האָט געיאָגט זיי
און אריין נאָך זיי אין ים
מיט די פערד און מיט די רייטערס
און מיט רייטוועגענער אַלע.

און אין דער פרימאָרגן - וואָך
האָט באַלויכטן גאָט די מחנה
מיט אַ פייערוואָלקן - זייל
און געבראַכט דאָרט אַ מהומה,
אָפּגעטאָן די וואָגן - רעדער,
און מיט שווערקייט זיי געשלעפּט.
האָט מצרים שוין געזאָגט:
כ'וועל אַנטלויפן פאַר ישראל
ווייל גאָט קעמפט פאַר זיי מיט אונז.
אָבער משה, אין גאָטס וואָרט,
האָט געשטרעקט זיין האַנט צום ים.
האָט דער ים באַלד אין פרימאָרגן
אומגעקערט זיך צו זיין שטראָמען,
און מצרים לויפט אַנטקעגן;
און עס האָבן די מצרים
זיך געטרונקען אינם ים
און דער וואַסער האָט פאַרדעקט
אַלע וועגענער און רייטערס
און די גאַנצע חיל פרעה'ס —
איינער ניט פון זיי געבליבן,
און די בני - ישראל גייען
אינם ים, ווי אין יבשה,
צווישן הויכע וואַסער - ווענט
אי פון רעכטס און אי פון לינקס.
גאָט האָט יענעם טאָג געהאָלפן
די ישראל פון מצרים,
און ישראל האָט געזען
די מצרים טויט ביים ים.
האָבן זיי געזען גאָטס האַנט
און געגלויבט אין גאָט און משהן.

---

# אז ישיר.

דאַמאָלס האָבן משה און די בני ישראל
געזונגען דעם דאַזיגן געזאַנג צו גאָט;
זיי האָבן געזאָגט אַזוי:

איך וועל זינגען צו גאָט
ווייל ער איז הויך דערהויבן;
האָט די פערד מיט די רייטערס
געוואָרפן אין ים
מיין פעסטונג, מיין דיכטונג איז יה,
גאָט איז אַ הילף מיר געוואָרן.
אָט איז מיין גאָט,
איך וועל אים רימען;
מיין פאָטערס גאָט,
איך וועל אים גרויסן.
גאָט — אַ מלחמה־מאַן;
גאָט איז זיין נאָמען;
פרעהס רייטוועגן, זיין חיל —
אַלץ אין ים אַריינגעשליידערט;
זיינע אויסדערוויילטע הויפּט־לייט
איינגעזונקען דאָרט אין ים־סוף;
האָבן אָפּגרונטן פאַרדעקט זיי,
אין דער טיף אַראָפּ, ווי שטיינער.

דיין רעכטע האַנט, גאָט,
איז פרעכטיג אין קראַפט;
דיין רעכטע האַנט, גאָט,
צושמעטערט דיין פיינט.

מיט דיין גרויסן שטאָלץ
צורייסטו דיינע פיינט;
שיקסט דיין גרימצאָרן,
פאַרברענט ער זיי ווי שטרוי.

מיטן הויך פון דיינע נאָזלעכער
ווערן אויפגעטורימט וואַסערן;
ווי אַ וואַנט בלייבט שטיין די פליסיגקייט,
פרירן אָפּגרונטן אינמיטן ים.
עס זאָגט דער פיינט:
איך יאָג, איך כאַפּ,
איך טייל דעם רויב,
איך שלינג זיי איין,
איך צי מיין שווערד —
פאַרניכט איך זיי!

דו בלאָזט מיט דיין ווינט,
פאַרדעקט זיי דער ים;
זיי זינקען ווי בליי
אין מעכטיגן שטראָם.
ווער איז ווי דו,
גאָט, צווישן געטער?
ווער איז ווי דו
פרעכטיג אין הייליגקייט?
פאָרכטיג אין לויב,
שאַפנדיג וואונדער?
נויגסט דיין רעכטע האַנט,
שלינגט די ערד זיי איין;
פירסט אַרויס מיט גנאָד
דיין באַפרייטן פאָלק;
פירסט אים מיט דיין מאַכט
אין דיין הייליג אָרט.
פעלקער הערן עס און צאָרענען,
כאַפּט אַרום אַ שרעק די פלשת־לייט,
אויפגעטרייסלט ווערן אדום־פירשטן,
נעמט אַ ציטער אָן די מואב־העלדן
ווי צושמאָלצן — אַלע כנען־לייט.
פאַלט אַרויף אויף זיי

שרעק און ציטערניש;
ווערט דיין אָרעם גרויס,
שטומען זיי ווי שטיין.
ביז ס'גייט דורך דיין פאָלק,
דיין באַפרייטער פאָלק;
ברייננסט אים, פלאַנצסט אים איין
אין דיין באַרג, דיין ארב,
וואו דו, גאָט, האָסט פעסט
זיך אַ זיץ געמאַכט,
וואו, גאָט, דיינע הענט
האָבן צוגעגרייט
אונזער הייליגטום!
גאָט וועט קיניגן
ביז אין אייביגקייט!

---

## דערמן.

משה האָט געפירט ישראל
פונם ים־סוף אין דער מדבר;
זיינען זיי דריי טעג געגאַנגען
און קיין וואַסער ניט געפונען.
און קיין מרה אָנגעקומען,
איז די וואַסער דאָרטן ביטער,
ניט געקענט די וואַסער טרינקען,
האָט דער פאָלק געקריגט אויף משהן
און געזאָגט: וואָס וועלן מיר טרינקען?
משה האָט צו גאָט גערופן,
האָט אים גאָט אַ בוים געוויזן
און געוואָרפן אים אין וואַסער —
איז די וואַסער זיס געוואָרן.
און קיין אילים אָנגעקומען,
דאָרט געפונען ברונימס צוועלף
און אויך פאַלמעס זיבעציק —
און צולייגט זיך דאָרט ביים וואַסער.

*

און ס'האָט די געמיינדע ישראלס
געצויגן פון אילים צום מדבר
און ס'האָט די געמיינדע אין מדבר
געמורמלט אויף משה און אהרן,
געזאָגט: הלוואי וואָלט אונז גאָט
געגעבן דעם טויט אין מצרים
ווען מיר זיינען איבערן פלייש־טאָפּ
געזעסן,
ווען מיר האָבן אַלע צו זעט ברויט
געגעסן;
איצט האָט איר אין מדבר געבראַכט אונז,
צו טויטן אונז אַלע אין הונגער!
האָט משה געזאָגט אין גאָטס וואָרט:
איך האָב דעם געמורמל פאַרנומען;
איר וועט מאָרגן פרי עסן ברויט!
צומאָרגנס האָט טוי זיך צולייגט
ביים לאַגער ישראלס אַרום,
און אַז ס'האָט דער טוי זיך דערהויבן,
איז דאָרט אין דער מדבר געבליבן
אַ דינינקער שיכט, ווי אַ פּרעסטל,
און שוין פאַרשפּרייט אויף דער ערד.
פרעגט איינער דעם צווייטן:
„וואָס איז עס?"
האָט משה געזאָגט: ס'איז דער ברויט,
וואָס גאָט האָט געגעבן צום עסן;
איר קלייבט עס צו עומר אויף קאָפּ
פאַר איטלעכס פאַרשוין אין געצעלט.
אַזוי האָט ישראל געטאָן:
געקליבן, ווער מער און ווער קנאַפּער,
געמאָסטן מיט עומר, און אָט האָט

דער גרויס - זאַמלער ניט געהאַט צופיל,
דעם קנאַפּ - זאַמלער גאָרניט געפעלט —
האָט משה געזאָגט זיי: זאָל קיינער
ניט לאָזן דערפון אויף פרימאָרגן!
נאָר זיי האָבן ניט געפאָלגט משהן,
אַ טייל האָט אויף מאָרגן געלאָזן,
איז אָבער געוואָרן פאַרווערימט —
האָט משה געצערנט אויף זיי.
אַזוי האָט מען אַלע פרימאָרגן
געהאַט בלויז צום עסן גענוג,
צוואַרעמט די זון זיך — צוגייט עס,
דעם זעקסטן טאָג האָבן זיי טאָפּל
געקליבן — צוויי עומרים פאַר איינעם;
און ס'האָבן די פירשטן ישראלס
דערציילט עס פאַר משהן, און ער זאָגט:
אָט דאָס האָב איך אייך דאָך געזאָגט:
ס'איז מאָרגן דער שבת צו גאָט
באַקט היינט, אויב איר ווילט עפּעס באַקן,
קאָכט היינט, אויב איר דאַרפט עפּעס קאָכן,
וואָס ס'בלייבט, לאָזט עס ליגן ביז מאָרגן.
זיי האָבן געפאָלגט און געלאָזן,
און ס'איז ניט געוואָרן פאַרווערימט,
און מענטשן פון פאָלק זיינען שבת
געגאַנגען צו קלייבן דעם מן,
געגאַנגען און גאָרניט געפונען.
דער פאָלק האָט פון דאַמאָלס און ווייטער
גערוט איטלעכס זיבעטן טאָג
און „מן" יענעם עסן גערופן.
און ער האָט אַן אָנבליק געהאַט,
ווי ווייסינקע זוימען קוריאַנדער,
אַ טעם, ווי אַ קוכן מיט האָניג.
און ס'האָבן די קינדער ישראל
געגעסן דעם מן פערציג יאָר
ביזן אָנקום צום וואוינשאַפט אין כנען.

---

## געשפּאָלטן דעם שטיין.

און ס'האָט די געמיינדע ישראלס
געצויגן פון וויסטעניש סין,
פאַנאַנדערגעלייגט זיך אין רפידים,
און ס'איז פאַרן פאָלק ניט געווען
קיין וואַסער צום טרינקען. האָט דאַמאָלס
געמורמלט דער פאָלק קעגן משהן,
געזאָגט: גיב אונז וואַסער צום טרינקען.
למאי אונז געבראַכט פון מצרים,
צו טויטן אין דאָרשט
מיט קינדער און פי?
האָט משה געשריען צו גאָט:
וואָס זאָל איך איצט טאָן מיטן פאָלק?
זיי וועלן דאָך באַלד מיך פאַרשטיינען!
זאָגט גאָט אים: גיי דורך פאַרן פאָלק,
נעם מיט פון די עלצטע ישראלס,
נעם אויך יענעם שטעקן, וואָס דו האָסט
געשלאָגן די טייך מיט אים דאַמאָלס,
און איך שטיי פאַר דיר דאָרט אין חורב,
וועסט שלאָגן דעם פעלז, וועט גיין וואַסער
פון אים — און ס'וועט טרינקען דער פאָלק.
אַזוי האָט אויך משה געטאָן
פאַר די אויגן פון עלצטע ישראלס,
גערופן דעם אָרט „מסה - מריבה",
ווייל ס'האָט דאָרט ישראל געמורמלט,
געמורמלט און אויסגעפּרובט גאָט:
„פאַראַן ביי אונז גאָט, אָדער ניט"?

---

## ע מ ל ק.

איז נאָכדעם געקומען עמלק,
געקעמפט מיט ישראל אין רפידים;
האָט משה געזאָגט צו יהושע:
„קלייב אויס פאַר אונז מענער און גיי
קעמף מאָרגן אַנטקעגן עמלק,
און איך וועל דאָרט שטיין אויף דער
הויכקייט,
כ'וועל האַלטן גאָטס שטעקן אין האַנט".
אַזוי האָט יהושע געטאָן,
געקעמפט, ווי ס'האָט משה געהייסן,
אַנטקעגן עמלק, און משה
איז דאַמאָלס מיט אהרן און חור
אַרויף אויפן שפּיץ פון דער הויכקייט.
און ווי ער פלעגט הייבן זיין האַנט,
איז שטאַרקער געוואָרן ישראל,
און פלעגט ער זיין האַנט לאָזן פאַלן,
איז שטאַרקער געוואָרן עמלק.
און שווער זיינען משה'ן די הענט,
האָט מען גענומען אַ שטיין,
אַוועקגעזעצט משה'ן אויף אים,
און אהרן און חור האָבן ביידע
די הענט זיינע אונטערגעשפּאַרט,
און זיי האָבן פעסט זיך געהאַלטן,
ביז וואַנען די זון איז פאַרגאַנגען.
אַזוי האָט יהושע געשלאָגן
עמלקן מיט שאַרפן שווערד.
און גאָט האָט צו משה'ן געזאָגט:
פאַרשרייב עס צום אַנדיינק אין בוך
און זאָג עס אויך אָן יהושע'ן
אַז איך וועל פאַרמעקן
פון אונטערן הימל
דעם אַנדיינק עמלקס.

---

## מתן תורה

געצויגן פון רפידים צום סיני,
פאַנאַנדערגעלייגט זיך אין מדבר
פון סיני אַנטקעגן דעם באַרג.
איז משה געשטיגן צו גאָט,
און גאָט האָט גערופן פון באַרג:
אַזוי זאָלסטו זאָגן הויז יעקב'ס,
דערציילן די קינדער ישראלס
איר האָט מיט די אויגן געזען אַלץ,
וואָס איך האָב געטאָן צו מצרים,
געטראָגן אייך אויף אָדלער - פליגלען,
געבראַכט אייך אַהערצו צו מיר;
טאָ פאָלגט - זשע און היט אָפּ מיין בונד,
וועט איר בלייבן אויסדערוויילט מיר
פון פעלקער, — ווייל מיין איז די ערד;
איר וועט זיין אַ מלוכה פון פּריסטערס,
אַ הייליגע פאָלק פאַר מיר אייביג.
אָט דאָס זאָלסטו זאָגן דעם פאָלק.
האָט משה גערופן די עלצטע
געזאָגט זיי, וואָס גאָט האָט באַפוילן,
און ס'האָט אים געענטפערט דער פאָלק:
„אַלץ, וואָס גאָט רעדט, וועלן מיר טאָן!".
און משה האָט ווידער פאַר גאָט
געבראַכט אָט די ווערטער פון פאָלק.
און גאָט האָט צו משה'ן געזאָגט:
איך וועל דיר זיך ווייזן
אין וואָלקן געדיכטן,
און זאָל דער פאָלק הערן,
ווי איך רעד מיט דיר,
און זאָלן זיי גלויבן

אין דיר אויך אויף אייביג.
ביי הייליג דעם פאָלק
אויף היינט און אויף מאָרגן —
די קליידער געוואַשן
און האַלטן זיך גרייט
צום טאָג צו דעם דריטן;
אין דריטן טאָג נידערט
גאָט פאַרן פאָלקס אויגן
אַראָפּ צום באַרג סיני.
האָט משה גענידערט
צום פאָלק פונם באַרג,
געהייליגט דעם פאָלק,
די קליידער געוואַשן,
געהאַלטן זיך גרייט
צום טאָג צו דעם דריטן.
*
און ס'איז געווען אין דריטן טאָג,
ווען דער פרימאָרגן איז געקומען
און ס'האָט געדונערט און געבליצט,
געדיכטע וואָלקנס אויפן באַרג,
אַ קול פון שופר זייער שטאַרק
דער גאַנצער פאָלק אין מחנה ציטערט,
און משה האָט אַרויסגעפירט
דעם פאָלק פון מחנה — גאָט אַנטקעגן,
און אַלע האָבן אויסגעשטעלט
זיך דאָרט, צופוסנס פונם באַרג.
*
און ס'האָט דער באַרג סיני
גערויכערט אינגאַנצן
ווייל גאָט האָט גענידערט
אין פייער אויף אים;
געזעצט ווי פון קאַלך - אויוון
האָט פון אים רויך —
דער באַרג האָט געציטערט.
*
און דער שופר - שאַל ווערט שטאַרקער,
משה רעדט
און ס'רופט זיך גאָט אָפּ אינם שטורים.
און משה איז אַראָפּ פון באַרג
און האָט צום פאָלק געזאָגט די ווערטער:

## עשרת הדברות

איך בין דער גאָט,
וואָס האָט אַרויסגעפירט אייך
פון מצרים,
פון שקלאַפן - הויז.
האָט ניט קיין געטער אַנדערע ביי מיר!
מאַכט זיך קיין בילד ניט, קיין געשטאַלט,
פון עפּעס וואָס אין הימל אויבן,
אויף ערד פון אונטן,
אין וואַסער אונטער ערד;
ניט קניט פאַר זיי,
ניט דינט צו זיי,
ווייל איך בין גאָט דיין גאָט,
אַ צאָרנדיגער גאָט;
איך דערמאָן די זינד פון עלטערן,
אויף זין,
אויף דריטן, פערטן דור,
פאַר מיינע פיינט
און טו גנאָד צו טויזנטער,
צו מיינע ליבהאָבערס,
וואָס היטן די געבאָטן מיינע.
דערמאָן ניט גאָטס נאָמען אויף פאַלש,
ווייל ס'וועט ניט שיינקען גאָט

דעם, וואָס דערמאָנט אויף פּאַלש
זיין נאָמען,

געדיינק דעם שבתדיגן טאָג,
אים היילינן!

זעקס טעג טו דיין אַרבעט,
דער זיבעטער איז שבת.
דו זאָלסט ניט טאָן קיין ארבעט
דו, דיין זון, דיין טאָכטער,

דיין קנעכט, דיין דינסט, דיין פי,
דיין פרעמדער אין דיין מויער!
ווייל זעקס טעג האָט באַשאַפן גאָט
די הימל, ערד,
דעם ים און אַלץ אין זיי,

דעם טאָג דעם זיבעטן גערוט —
דערום האָט גאָט געבענטשט
דעם שבת - טאָג
און אים געהייליגט.

שעץ דיין טאַטן און דיין מאַמען,
דו זאָלסט לאַנג לעבן אויף דער ערד,
וואָס ס׳גיט דיר גאָט דיין גאָט.
זאָלסט ניט מאָרדן!
זאָלסט ניט נואפן!
זאָלסט ניט גנבנען!

זאָלסט ניט עדות זאָגן פאַלש!
זאָלסט ניט גלוסטן
דיין חברס הויז!
זאָלסט ניט גלוסטן
דיין חברס ווייב

זיין קנעכט, זיין דינסט,
זיין אָקס, זיין אייזל —
אַלץ, וואָס ס׳געהערט דיין חבר!

*

זעט דער פאָלק די דונערן,
די פלאַקערן, דעם שופר - קלאַנג,
און זעט דעם רויכערדיגן באַרג
און טרייסלט זיך און שטייט פון ווייט;
האָט געזאָגט דער פאָלק צו משהן:
רעד מיט אונז נאָר דו אַליין,
מיר וועלן אַלע צוהערן,
און זאָל צו אונז ניט רידן גאָט
— מיר וועלן דאָך צושטאַרבן דאָ!
און משה האָט דעם פאָלק געזאָגט:
האָט ניט קיין מורא, גאָט איז בלויז
צו פּרובן אייך אַראָפּגעקומען,
צו געבן אייך זיין פאָרכטיגקייט,
איר זאָלט זיך אָפּהיטן פון זינד.
און ס׳איז דער פאָלק געשטאַנען ווייט
און משה גענטערט זיך צום נעפל,
און קומט צוריק און זאָגט צום פאָלק:
אַזוי האָט גאָט באַפוילן אייך:
איר האָט געזען,
ווי כ׳האָב צו אייך
אַראָפּגערעדט פון הימל;
מאַכט זשע ניט
קיין גאָט פון גאָלד
און זילבער לעבן מיר!

---

## נעשה ונשמע.

איז משה אַרויף אויפן באַרג
מיט אהרן און נדב אביהוא
און זיבעציג עלצטע ישראלס.
האָט ער זיך דערנענטערט צו גאָט
און זיי זיינען הינטן געבליבן —

דער פאָלק איז מיט זיי ניט אַרויף.
און שפּעטער איז משה געקומען
און איבערגעגעבן דעם פאָלק
די ווערטער, וואָס גאָט האָט געזאָגט,
און אַלע געבאָטן פון גאָט,
און ס'ענטפערט דער פאָלק אין איין
שטים:
„אַלץ, וואָס ס'האָט באַפוילן
גאָט, וועלן מיר טאָן".
האָט משה פאַרשריבן
די ווערטער פון גאָט
און האָט זיך געפעדערט,
געבויט אַ מזבח
דאָרט אונטערן באַרג
און אויך צוועלף מצבות
אַוועקגעשטעלט דאָרט
צו לאָזן אַן אָנדיינק
ישראלס צוועלף שבטים,
די יונגע ישראלס געשיקט,
געשאָכטן דאָרט עולות און שלמים,
אַ העלפט בלוט געגאָסן אין בעקנס,
אַ העלפט בלוט געשפּריצט אויף מזבח
גענומען דעם „בוך פונם בונד"
און איבערגעלייענט דעם פאָלק:
און ס'האָט אים געענטפערט דער פאָלק:
„אַלץ, וואָס ס'האָט גאָט אונז געזאָגט
וועלן מיר פאָלגן און הערכן".
האָט משה גענומען די בלוט,
געשפּריצט אויפן פאָלק און געזאָגט:
אָט דאָס איז די בלוט פונם בונד,
וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אייך
אויף אַלע די דאָזיגע ווערטער.

און משה מיט אהרונען זיינע
צוזאַמען מיט נדב אביהוא
און זיבעציג עלצטע ישראלס,
געשטיגן אַרויף אויפן באַרג
דעם גאָט פון ישראלס געזען,
ווי אונטער די פיס האָט געגלאַנצט
די קלאָרקייט פון הימל און סאַפּיר.
צו אָט די אצילים ישראלס
האָט ער ניט געשטרעקט זיינע הענט,
(צו שפּריצן אויף זיי פון די בלוט),
ווייל זיי האָבן גאָטס גלאַנץ געזען
און נאָכדעם האָט דאָרטן דער פאָלק
געוויילט זיך איז עסן און טרינקען.

## די לוחות.

און גאָט זאָגט צו משהן:
שטייג אויף אויפן באַרג
און בלייב דאָרט ביי מיר
און איך וועל דיר געבן
די לוחות פון שטיין,
די תורה און מצוות,
וואָס איך האָב פאַרשריבן,
צו לערנען דעם פאָלק.
האָט משה גענומען
זיין דינער יהושע,
צוזאַמען געגאַנגען,
און משה איז העכער
אַרויף אויפן באַרג,
געזאָגט צו די עלצטע:
איר בלייבט אונטן דאָ
ביז מיר וועלן קומען
און אהרן און חור

פארבליבן מיט אייך;
האָט עמיץ אַ משפּט,
נענט ער זיך צו זיי.
*

איז משה אַרויף אויפן באַרג,
און ס'האָט אים דער וואָלקן באַדעקט,
די הערלעכקייט גאָטס האָט גערוט דאָרט.
דער וואָלקן פאַרשטעלט דעם באַרג סיני
זעקס טעג; און דעם זיבעטן טאָג
האָט גאָט פונם וואָלקן גערופן
צו משהן, און ס'איז גאָטס געשטאַלט
ווי פייער, וואָס פרעסט דעם שפּיץ באַרג
פאַר אַלעמענס אויגן אַרום.
איז משה אין וואָלקן אַריין,
נאָך העכער אַרויף אויפן באַרג;
פאַרבליבן דאָרט פערציק מעת - לעת.
און גאָט האָט מיט משהן גערעדט
געזאָגט אים די תּורה און מצוות
און נאָכדעם האָט גאָט אים דערלאַנגט
צוויי שטיינערנע לוחות פון צייגניש,
געשריבן מיט פינגער פון גאָט.

---

## דער עגל.

און ווען ס'האָט דער פאָלק געזען,
אַז ס'האָט משה זיך פאַרזאַמט
פונם באַרג אַראָפּצושטייגן,
האָט דער פאָלק פאַרזאַמלט זיך
אַרום אהרן און געזאָגט:
שטעל זיך אויף און מאַך אונז געטער,
וועלכע זאָלן גיין פאַר אונז,
וואָרום משה, יענער מאַן,
וואָס געפירט אונז פון מצרים,
ווייס מען ניט, וואָס ס'איז מיט אים.
זאָגט זיי אהרן: נעמט אַראָפּ
אַלע אוירינגען פון גאָלד
ביי די ווייבער, זין און טעכטער
און ברענגט אַלץ צו מיר אַהער.
האָט דער פאָלק אַראָפּגענומען
אַלע אוירינגען פון גאָלד
און צו אהרנען געבראַכט.
און ער האָט ביי זיי גענומען
און געצייכנט מיט אַ גריפל
און דערפון געמאַכט אַ גוס - קאַלב.
און זיי האָבן אויסגעשריען:
אָט דאָס איז דיין גאָט, ישׂראל,
וואָס האָט דיך אַרויסגעבראַכט
פון מצרים. און ס'האָט אהרן
דאָס דערזען און אויפגעבויט
אַ מזבח פאַר דער גוס - קאַלב
און ער האָט צום פאָלק גערופן:
מאָרגן איז צו גאָט אַ יום - טוב!
איז דער פאָלק צומאָרגנס פרי
אויפגעשטאַנען, און קרבנות
אויפגעבראַכט אויף דעם מזבח,
און געזעצט זיך עסן - טרינקען,
און זיך אויפגעשטעלט צו שפּילן.
*

און גאָט זאָגט צו משהן:
גיי נידער אַראָפּ!
פאַרדאָרבן דיין פאָלק,
וואָס דו האָסט אַרויסגעפירט
פון לאַנד מצרים;
זיי זיינען געשווינד
פאַרקראָכן פון וועג,

וואָס כ'האָב זיי באַפוילן,
געמאַכט זיך אַ גוס ־ קאַלב
געבוקט זיך צו איר,
געשאָכטן צו איר,
גערופן: אָט דאָס איז,
ישׂראל, דײַן גאָט,
וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט
פון לאַנד מצרים.
און ווייטער זאָגט גאָט:
איך זע, אַז דער פאָלק איז האַרטנעקיג,
טאָ לאָז מיך, וועט ברענען מײַן צאָרן
און איך וועל פאַרטיליגן אים
און דיך מאַכן צו אַ גרויס פאָלק.
האָט משה געבעטן בײַ גאָט:
צו וואָס, גאָט, זאָל ברענען דײַן צאָרן
אַנטקעגן דײַן פאָלק, וואָס דו האָסט אים
מיט גרויס קראַפט און מעכטיגער האַנט
אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים?!
צו וואָס זאָלן זאָגן די מצרים:
אויף שלעכטסקייט האָט ער זיי געפירט,
צו הרגענען זיי אין די בערג,
פאַרטיליגן זיי פון דער ערד?
לאָז אָפּ פון דײַן ברענענדיג צאָרן
באַדיינק זיך פון שלעכטס טאָן דײַן פאָלק!
דערמאָן זיך די קנעכט דײַנע דרײַ,
אברהם און יצחק און יעקב
וואָס דו האָסט מיט זיך זיי געשוואָרן
געזאָגט: איך פאַרמער אײַך די קינדער
אַזויפיל ווי שטערנס אין הימל,
איך גיב זיי די לאַנד, וואָס געזאָגט איך,
זיי וועלן איר אַרבן אויף אייביג!
האָט גאָט זיך באַדיינקט אויף די שלעכטס,
וואָס ער האָט געוואָלט טאָן זײַן פאָלק.

---

## צובראָכן די לוחות.

און משה איז אַראָפּ פון באַרג,
געהאַט אין האַנט די לוחות צוויי,
באַשריבענע פון ביידע זייטן;
די לוחות זיינען ווערק פון גאָט
און די געשריפטס איז אויך פון גאָט,
אויף ביידע לוחות אויסגעקריצט.
און יהושע האָט דערהערט
דעם קול פון פאָלק, וואָס האָט געליאַרימט.
זאָגט ער צו משהן: כ'האָב דערהערט:
מלחמה ־ ליאַרים אין דער מחנה.
און משה ענטפערט צו יהושען:
ס'איז ניט קיין ליאַרימען פון שטאַרקייט
און ניט קיין ליאַרימען פון שוואַכקייט—
איך הער אַ קול פון אַ געזאַנג.
און ווי דערנענטערט צו דער מחנה,
האָט ער דערזען די קאַלב און טענץ,
האָט משהס צאָרן זיך צוברענט
האָט ער אַ וואָרף געטאָן די לוחות
און זיי צובראָכן אונטערן באַרג.
נאָכדעם האָט ער די קאַלב גענומען,
געברענט אין פייער, דין צומאָלן,
די שטויב צונומען אין אַ וואַסער
און אָנגעטרונקען די ישׂראל.
און משה זאָגט צו אהרנען:
וואָס האָט דיר אָט דער פאָלק געטאָן,
וואָס דו האָסט איבער אים געבראַכט
די גרויסע זינד דידאָזיגע?
זאָגט אהרן אים:
זאָל נאָר מײַן האַר ניט צערענען!

דו ווייסט דאָך, ווי דעם פאָלק איז שלעכט!
און ס'האָט דער פאָלק צו מיר געזאָגט:
מאַך אונז אַ גאָט, וואָס ער זאָל גיין פאַר אונז;

ווייל אָט דער משה יענער מאַן,
וואָס האָט געפירט אונז פון מצרים —
מיר ווייסן ניט, וואָס ס'איז מיט אים!
האָב איך געזאָגט: צי האָט ווער גאָלד?
באַלד האָבן זיי אַראָפּגענומען —
איך האָב אין פייער עס געוואָרפן
און ס'איז אַרויס די קאַלב די דיזיגע.
און משה האָט געזען דעם פאָלק,
אַז ס'איז פאַרווילדעוועט געוואָרן,
ווייל אהרן האָט אים ווילד געמאַכט
צו שאַנד און שמאַך פאַר זיינע פיינט
האָט משה זיך געשטעלט אין איינגאַנג
פון דער מחנה און גערופן:

ווער ס'איז צו גאָט, זאָל גיין מיט מיר!
און ס'האָט פאַרזאַמלט זיך צו אים
גאַנץ לוויס שטאַם. האָט ער געזאָגט:
אַזוי זאָגט גאָט, ישראלס גאָט:
לייגט איטלעכער זיין שווערד אויף זיך
און גייט פון איין טויער צום צווייטן,
אַזוי אַדורך די גאַנצע מחנה,
און הרגעט איטלעכער זיין ברודער
און אויך זיין חבר און זיין פריינט.
האָט לווי'ס שטאַם אַזוי געטאָן
און ס'איז געפאַלן פונם פאָלק
דריי טויזנט מאַן אין יענעם טאָג.
און אויפן צווייטן טאָג זאָגט משה
צום פאָלק: איר האָט אַ גרויסע זינד
געזינדיגט; איצט וועל איך צו גאָט

אַרויפשטייגן און אפשר קענען
פאַר אייער זינד אים איבערבעטן.
און משה איז צו גאָט אַרויף,
געזאָגט: איך בעט דיך, ס'האָט דער פאָלק
געזינדיגט גאָר אַ גרויסע זינד,
געלאָזט אַ גאָט פון גאָלד זיך מאַכן;
אַצינד פאַרגיב זיי זייער זינד,
אַניט — בעט איך דיך, מעק מיך אויס
פון דיין בוך, וואָס דו האָסט געשריבן.
זאָגט גאָט: „ווער ס'האָט צו מיר
געזינדיגט
וועל איך אים מעקן פון מיין בוך!"
גיי פיר דעם פאָלק וואוהין איך הייס דיר,
עס וועט מיין מלאך גיין פאַר דיר,
און אינם טאָג פון מיין געדיינקען
וועל איך דערמאָנען זייער זינד.
און ווי דער פאָלק האָט עס דערהערט
האָט ער געטרויערט, און די צירונג
האָט קיינער שוין ניט אָנגעטאָן:
ביים חורב - באַרג האָט איטלעכער
זיין צירונג - שטיק אַראָפּגענומען.
האָט משה זיין געצעלט גענומען
און אים פאַרשפּרייט אַ חוץ דער מחנה
אַ ביסל ווייטער פון דער מחנה
און אים גערופן „אוהל - מועד";
און יעדער, וואָס האָט גאָט געזוכט,
פלעגט גיין צו אָט דעם אוהל מועד
מחוץ דער מחנה; און אַז משה
פלעגט פון געצעלט אַרויסקומען
פלעגט שטעלן זיך דער גאַנצער פאָלק
און איטלעכער פלעגט בלייבן שטיין
ביי זיין געצעלט און נאָכקוקן

נאָך משה'ן, ווי ער גייט צוריק
אריין אין אוהל; און אַז משה
פלעגט ווידער אין געצעלט אריין,
פלעגט נידערן דער וואָלקנזייל
און בלייבן שטיין ביים טיר פון אוהל.
און ס'האָט געזען דער גאַנצער פאָלק
דעם וואָלקנזייל ביים טיר פון אוהל
פלעגט שטעלן זיך דער גאַנצער פאָלק
און קניען יעדער ביי זיין טיר
און ס'האָט גערעדט מיט משהן גאָט,
ווי ס'רעדט אַ מענטש מיט זיין געזעל,
אַ פּנים צו אַ פּנים גלייך.
און משה גייט צוריק אין מחנה,
נאָר זיין משרת - יונג יהושע
בן - נון ווייכט קיינמאָל ניט פון אוהל.
און משה האָט צו גאָט געזאָגט:
דו זאָגסט מיר: „ברייננ ארויס דיין
פאָלק"!
און „דו האָסט חן ביי מיר געפונען;"
טאָ מאַך מיך קענען דיינע וועגן!
זאָגט גאָט: איך גיי אַליין מיט דיר
ביז כ'וועל דיר צו דיין רו־פּלאַץ ברייננען.
זאָגט גאָט: איך פיר מיין גוטס פאַר דיר
און רוף פאַר דיר אין נאָמען גאָטס;
און איך וועל לייטזעליגן איינעם
אַן אנדערן — דערבאַרימען;
דו אָבער זעסט מיין פּנים ניט,
ווייל ס'זעט מיך ניט קיין מענטש
וואָס לעבט.

אַט איז אַן אָרט פאַראַן ביי מיר;
דו שטעל זיך דאָרטן אויפן פעלז,
ווען ס'וועט מיין הערלעכקייט פאַרביי,
פאַררוק איך דיך אין שפּאַלט פון פעלז
באַדעק דיין פּנים מיט מיין האַנט,
ביז איך בין שוין פאַרבייגעגאַנגען,
נאָכדעם נעם איך מיין האַנט אַראָפּ
וועסטו פון הינטן מיך דערזען,
מיין פּנים אָבער זעט מען ניט!

---

## די צווייטע לוחות

זאָגט גאָט צו משהן: האַק דיר אויס
צוויי נייע לוחות שטיינערנע,
געראָטן אין די ערשטע לוחות,
וואָס דו האָסט אויפן באַרג צעבראָכן,
און שרייב אויף אָט די נייע לוחות
אַלץ וואָס געווען אויף יענע לוחות.
און דו זיי גרייט אויף אינדערפרי,
גיי אויף גאַנץ פרי צום סיני - באַרג,
און שטיי מיר דאָרט ביים שפּיץ פון באַרג,
און קיינער זאָל מיט דיר ניט גיין,
ניט ווייזן זיך ביים גאַנצן באַרג,
אויך שאָף און רינדער זאָלן ניט
זיך פּאַשען קעגן יענעם באַרג.
האָט משה אויסגעהאַקט פון שטיין
צוויי לוחות ווי די ערשטע צוויי
און ער האָט זיך געפעדערט פרי,
די לוחות צוויי אין האַנט גענומען,
צום באַרג אַרויף, לויט גאָטס באַפעל
האָט גאָט גענידערט אינם וואָלקן
און דאָרטן זיך געשטעלט ביי אים
און האָט אין נאָמען גאָטס גערופן.
איז גאָט פאַר אים אַדורכגעגאַנגען,
ער רופט: גאָט, גאָט, דערבאַרימדיגער,
לייטזעליגער, לאַנגמוטיגער,

פול גנעדיגקייט, וואָרהאַפטיגקייט,
וואָס היט זיין גנאָד פאַר טויזנטער
פאַרגיט פאַרברעכנס, שולד און זינד
און שיינסקט — — — — — — — —
— — — און משה האָט געאיילט,
געקניט צו דר׳ערד און זיך געבוקט,
געזאָגט: אויב איך האָב חן ביי דיר,
זאָל גאָט דאָך מיטגיין צווישן אונז,
ווייל ס׳איז דער פאָלק עקשנותדיג
וועסטו פאַרגעבן אונז די זינד
און וועסט אונז מאַכן פאַר דיין אַרב.
זאָגט גאָט: איך שליס מיט דיר אַ בונד
אַנטקעגן פאָלק וועל איך טאָן וואונדער,
וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען
אין גאָר דער וועלט, ביי קיין שום פאָלק
היט אָלץ, וואָס איך באַפעל דיר היינט.

*

און משה איז פערציג מעת - לעת
פאַרבליבן ביי גאָט אויפן באַרג,
קיין ברויט ניט גענעסן
קיין וואַסער געטרונקען
פאַרשריבן אויף שטיינערנע לוחות
די ווערטער פון בונד, צען געבאָט
און ווען ער איז ווידער
אַראָפּ פון באַרג סיני,
די לוחות פון צייגניש אין האַנט
האָט ער ניט געוואוסט, אַז
צושטראַלט איז געוואָרן
די הויט פון זיין פנים.
געזען בלויז האָט אהרן
און די בני ישראל,
אַז ס׳שטראַלט משהס פנים,
און האָבן געציטערט
גענענען צו אים.
נאָכדעם האָט זיי משה
גערופן צו זיך
האָט אהרן גענענט,
מיט אים די נשיאים
און שפעטער די גאַנצע געמיינדע.
האָט משה גערעדט,
דערציילט און באַפוילן
וואָס גאָט האָט געזאָגט אויפן באַרג,
און אויסגעלאָזט ריידן,
האָט משה אַ שלייער
געלייגט אויף זיין פנים.
אַז משה פלעגט קומען
צו ריידן מיט גאָט,
אַנטבלויזט ער דעם שלייער
ביז ער גייט אַרויס
דערציילן דעם פאָלק,
וואָס ער איז באַפוילן,
און אַז דער פאָלק זעט
זיין פנים צושטראַלט,
פאַרלייגט משה ווידער
דעם שלייער אויף זיך,
ביז גאָט רעדט מיט אים.

---

# דער משכן.

און משה האָט געזאָגט צום פאָלק.
נעמט צווישן זיך פאַר גאָט אַ תרומה,
זאָל איטלעך ווילליג האַרץ עס בריינגען
פון גאָלד, פון זילבער און פון קופּער,
פון תכלת, פּורפּור און פון זיידנס
פון לייוונט און פון ציגן - האָר,

פון בּראַן - פעל געדרויטיגטע,
פון תּחש - פעל און שיטים - האָלץ,
און אייל צום לייכטן און געווירץ
אויף זאַלב - אייל און אויף רויכערוואַרג
און שוהם - שטיינער, איינצופאַסן
אינם אפוד און אין חושן
און ווער פון אייך פאַרשטענדיק איז,
זאָל קומען מאַכן וואָס גאָט הייסט.
דעם משכּן, אוהל און דעם צודעק,
די האָקנס, ברעטער, ריגלען, זיילן
און שוועלן; אויך דעם ארון מיט
די טראָג - שטאַנגען און דעם כּפּורת
און אויך דעם פאָרהאַנג צו פאַרשטעלן.
דעם טיש מיט זיינע טראָג - שטאַנגען,
די כּלים מיט די אָנקוק - ברויט
און די מנורה מיט די כּלים
די לעמפּלעך און די אייל צום לייכטן
און דעם מזבח פון די קטורת
מיט זיינע שטאַנגען מיט די זאַלב - אייל
און מיט די קטורת פון געווירצן
און מיטן פאָרהאַנג פאַר דער טיר
און דעם מזבח פון דער עולה
און אויך זיין זיפּ די קופּערנע
די שטאַנגען און די כּלים זיינע
און אויך דעם האַנטפאַס מיט געשטעל.
די אומהאַנגען, וואָס אַרום הויף,
די זיילן זיינע און די שוועלן,
דעם טויער - פאָרהאַנג פונם הויף
און אויך די נעגל מיט די שטריק
וואָס פונם משכּן און פון הויף
די דינסט - קליידער די הייליגע
פאַר אהרנען און זיינע קינדער.

*

און ס'האָט די געמיינדע ישראלס,
ווער ווילינג און פריינגעביג איז,
געבּראַכט זייער תּרומה פאַר גאָט,
צום משכּן און כּלים און קליידער.
געקומען די מענער מיט ווייבער,
געבּראַכט רונג און האַלזבאַנד און
אויררינג;
אַלץ צירונג פון גאָלד אָדער גאָלדשטיק,
און תּכלת און פּורפּור,
און זיידנס און לייוונט,
און פעלן פון ציגן,
פון בּראַן געדרויטיגט,
און פעלן פון תּחש,
און זילבער און קופּער,
און בּוימער פון שיטים —
אַלץ, וואָס געווען נויטיג,
געבּראַכט צו דער אַרבעט.
און ס'האָבּן געלערנטע ווייבער
געשפּונען געשפּינסן פון תּכלת
און פּורפּור און לייוונט און זיידנס,
און ווייבער, געבּענשטע מיט חכמה,
געשפּונען די האָר פון די ציגן.
און ס'האָבּן געבּראַכט די נשיאים
פאַרשיידענע גלאַנציגע שטיינער
צום איינפאַסן אין אפוד און חושן
און אַלע געווירצן און לייכט - אייל
און זאַלב - אייל און קטורת צום שמעקן.

## בּ צ ל א ל.

האָט משה געזאָגט צו ישראל:
זעט, גאָט האָט אַ נאָמען גערופן —

„בצלאל בן אורי בן חור" —
אים פול געמאכט קלוגשאפט און וויסן,
און קענטשאפט אין ארבעט און קונסט
און מייסטערשאפט פיינע פאר גאָלד,
פאר זילבער און קופער און גלאנץ -
שטיין,
פאר האָלץ און פאר איטלעך מין
קונסטווערק,
אים חכמה געגעבן צום ווייזן,
און אהליאב, זון אחיסמכם,
האָט גאָט אים געגעבן צו הילף
אין וועבן און שטריקן די קונסטווערק.
אָט זיי ביידע, און איטלעכס קינסטלער
און מייסטער, וואָס האָט נאָר
פארשטאנד —
זיי וועלן די הייליגע ארבעט
אלץ מאכן ווי גאָט האָט באפוילן.
האָט משה זיי אלע גערופן,
בצלאל און אויך אהליאב
און אלע געלערנטע מייסטערס,
און האָט זיי די ארבעט געגעבן.
און נאָך האָט מען אלע פרימאָרגן
נדבות געבראכט גאָר א סך,
און ס'האָבן די מייסטערס און קינסטלערס
געשטעלט צו דער ארבעט זיך אלע
און האָבן צו משהן געזאָגט:
דער פאָלק ברענגט נדבות צופיל
אנטקעגן דער ארבעט וואָס נויטיק.
האָט משה באפוילן אין מחנה:
זאָל קיינער שוין ווייטער ניט ברענגען
די הייליגע תרומה פאר גאָט.
האָט אויפגעהערט ברענגען דער פאָלק,
און שטאָף איז געווען צו דער ארבעט
גענוג — ס'איז נאָך איבערגעבליבן!

---

און ס'האָבן די מייסטערס און קינסטלערס
דעם משכן געמאכט פון יריעות,
פון תכלת און פורפור און לייוונט
געצווירנט, אין זיידנס, אין כרובים,
געארבעט א קינסטלעריש ווערק,
מיט שלייפלעך און האקנס באהעפט,
ביז גאנץ איז דער משכן געוואָרן.
און איבערן משכן און אוהל,
יריעות פון ציגענע האָר
מיט שלייפלעך און האקנס באהעפט,
און איבערן אוהל א צודעק
פון פעל פון באראנעס גערויטיגט
און ווידער א צודעק פון אויבן
געארבעט פון פעלן פון תחש.
פון שיטים - האָלץ ברעטער מיט צאפנס
און זילבערנע שוועלן פון אונטן,
און ריגלען פון שיטים - האָלץ פינף,
אין רונגען פאררוקט אויף די ברעטער,
צו האלטן זיי פעסט אין די זייטן.
א פאָרהאנג פון תכלת און פורפור
אין זיידנס און לייוונט געצווירנט,
אין כרובים — א קינסטלעריש ווערק,
און זיילן פון שיטים - האָלץ פיר,
צו היינגען דעם פאָרהאנג אויף זיי,
די זיילן באצויגן מיט גאָלד,
מיט העקעלעך גאָלדענע
און שוועלעכלעך זילבערנע;
א צודעק ביים איינגאנג פון אוהל
פון תכלת און פורפור און זיידנס

און לייוונט געצווירנט, אַלץ שטריקווארג
מיט זיילן און האַקנס און רייפן
און קופּערנע שוועלן פון אונטן.
נאָכדעם האָט בצלאל געמאַכט
דעם הייליגן ארון פון שיטים
מיט גאָלד באַדעקט אויבן און אונטן,
אַ גאָלדענעם קראַנץ אַרום אים
פיר רונגען פון גאָלד און פיר שטאַנגען
פון שיטים - האָלץ אין די פיר רונגען
צו טראָגן דעם ארון מיט זיי.
אַ גאָלדענעם צודעק פון אויבן
מיט כרובים געהאַמערטע צוויי,
די כרובים פאַרשפּרייטן די פליגלען,
באַשיצן דעם צודעק מיט זיי,
און איינער דעם צווייטן קוקט אָן.
געמאַכט אויך אַ שולחן פון שיטים
באַצויגן מיט גאָלד, מיט אַ קראַנץ,
אַ לייסטל, אַ האַנט ברייט, אַרום,
אַ גאָלדענעם קראַנץ אויך צום לייסטל,
פיר רונגען פון גאָלד אין די ווינקלען,
צוויי שטאַנגען פון שיטים און רונגען,
צו טראָגן דעם שולחן מיט זיי.
געמאַכט אויך די כּלים צום שולחן,
די שיסעלעך, לעפעלעך, בעקעלעך,
שאָלעכלעך, אין זיי צו גיסן —
פון גאָלד אַלץ פון ריינעם געמאַכט.
געמאַכט אַ מנורה פון גאָלד,
געהאַמערט דער פוס און די רערן,
די קנעפּ און די בלומען געהאַמערט,
און בעכערס אין פורים פון מאַנדלען,
און לעמפּלעך, און צווייַנגלעך, און
פענדלעך

— פון איין צענטנער גאָלד אַלץ געמאַכט.
געמאַכט דעם מזבח פון קטורת
פון שיטים באַצויגן מיט גאָלד,
דער דאַך און די ווענט און די הערנער,
דער גאָלדענער קראַנץ וואָס אַרום,
די גאָלדענע רונגען פון אונטן,
די טראָג - שטאַנגען צוויי פאַר די רונגען.
געמאַכט אויך די הייליגע זאַלב - אייל,
די רויכערוואַרג שמעקעדיק־ריין,
געמאַכט דעם מזבח פון עולה
פון שיטים באַצויגן מיט קופּער
מיט הערנער אין אַלע פיר ווינקלען.
געמאַכט צום מזבח די כּלים
די טעפּ און די שופליעס און בעקנס
און גאָפּלען און פאַנען — אַלץ קופּער.
געמאַכט צום מזבח אַ זיפּ,
פון אונטן אַ קופּערנע נעץ,
נעגאָסן פיר רונגען צום נעץ
און שטאַנגען פון שיטים צום טראָגן.
געמאַכט אויך אַ קופּערנעם האַנטפאַס
און שטעל — פון די קופּערנע שפּיגלען,
וואָס ס'האָבן געגעבן די ווייבער,
פאַרזאַמלט ביים איינגאַנג פון אוהל.
געמאַכט אויך אַ חצר צו דרום
פון פאָרהיינג פון לייוונט געצווירנט,
מיט זיילן און שוועלן
און האַקנס און רייפן
דאָס זעלביגס אויף צפון,
אויף מערב און מזרח —
פון אַלע פיר זייטן אַ חצר.
געמאַכט אויך אַ צודעק פון פאָרהאַנג
פון תכלת און פורפור

און זיידנס און לייוונט
געצווירנט — אַלץ שטריקוואַרג.

*

געמאַכט אויך דעם אפוד פון גאָלד,
פון תּכלת, פון פּורפּור, פון זיידנס,
פון לייוונט געצווירנט.
געהאַמערט פון גאָלד דינע בלעכן
און פעדים געשניטן, — אַלץ קונסטוואַרג.
און צוויי אַקסלבענדער
באַהעפטן די זייטן,
א גאַרטל פאַרוויקלט
דעם קערפּער אַרום
און איינגעפּאַסט דאָרטן
צוויי דימענטן שוהם
אין ראַמען פון גאָלד,
געקריצט ווי א זיגל
אויף אַלע צוועלף נעמען
פון די בני - ישׂראל,
געמאַכט אויך דעם חושן
גענוי ווי דעם אפוד
פון גאָלד און פון תּכלת,
פון פּורפּור און זיידנס
און לייוונט געצווירנט
אַלץ קונסטוואַרג געאַרבעט;
פירקאַנטיג, געטאָפּלט,
א שפּאַן אויף א שפּאַן
די לענג און די ברייט.
און איינגעפּאַסט אין אים
פיר ציילן בריליאַנטן,
צו דריי אין א צייל,
געפּאַסט אַלץ אין גאָלד,
אין זייערע ראַמען,
אין די צוועלף בריליאַנטן
געקריצט ווי א זיגל,
די אַלע צוועלף נעמען
פון די בני ישׂראל,
געמאַכט אויפן חושן
געהעקלטע קייטלעך,
געפלאָכטן פון גאָלד
און רינגען צוויי גאָלד
אין פּאַסונגען גאָלד
אויף זיינע צוויי עקן.
דעם חושן פאַרשפּיליעט
צום אפוד מיט רינגען
און פאָדים פון תּכלת
ביים גאַרטל פון אפוד,
עס זאָל זיך דער חושן
ניט רוקן פון אפוד.
און איבערן אפוד
געמאַכט נאָך א מענטל
אינגאַנצן פון תּכלת
אינמיטן אן עפענונג,
ווי אין א פּאַנצער,
א זוים אַרום איר,
עס זאָל זיך ניט רייסן,
און אונטן, ביים ראַנד
פון מענטל, געמאַכט
מילגרוימען פון תּכלת
און פּורפּור און זיידנס.
און גלעקלעך פון גאָלד,
א מילגרוים, א גלעקל,
א מילגרוים, א גלעקל,
אין מענטל ביים ראַנד.
און העמדער פון לייוונט

געמאַכט וועבער־אַרבעט
פאַר אהרן דעם כּוהן
און פאַר זיינע זין
פון לייוונט אַ מיץ
און הייבלעך פון לייוונט
און הויזן פון לייוונט
אַ גאַרטל פון לייוונט
אַ גאָלדענע בלעך —
אַ הייליגע קרוין —
אויף אים אַ געשריפטס,
געקריצט ווי אַ זיגל:
„הייליג צו גאָט!"
און אויפן בלעך אויבן
אַ פאָדים פון תּכלת,
צום מיץ צו פאַרבינדן.
אָט די גאַנצע אַרבעט
האָט משה באַטראַכט,
געזען אַז געמאַכט אַלץ,
ווי גאָט האָט באַפוילן,
און האָט זיי געבענטשט.
און אין ערשטן טאָג
פון ערשטן חודש
דעם צווייטן יאָר
האָט מען דעם משכּן
שוין אויפגעשטעלט.
און איבערן משכּן
דעם אוהל פאַרשפּרייט
און איבערן אוהל
דעם צודעק געלייגט
די לוחות פון צייגניש
אין אָרון באַהאַלטן
דעם אָרון געבראַכט
און אין משכּן געשטעלט
באַהאַנגען פון פאָרנט
אים מיטן פּרוכת
און אין אוהל מועד
דעם שולחן געשטעלט
און אויף אים געאָרדנט
די שיכטן פון ברויט
און אין אוהל מועד
געשטעלט די מנורה,
געצונדן די לעמפּלעך
פאַר גאָט, ווי באַפוילן
און אין אוהל מועד
געשטעלט דעם מזבּח
פון גאָלד, ביים פּרוכת
און אויף אים גערויכערט
וואוילשמעקעוודיג רויכערוואַרג,
ווי אים באַפוילן
די טיר פונם אוהל
מיט פאָרהאַנג פאַרהאַנגען
דעם עולה־מזבּח
געשטעלט פאַרן טיר
און דאָרט, ביים מזבּח,
דעם האַנטפאַס געשטעלט,
אים אָנגעפילט וואַסער
עס זאָלן דאָרט משה
און אהרון מיט קינדער
די הענט מיט די פיס
פון אים וואַשן ריין,
ביים קומען אין אוהל
און גיין צום מזבּח.
און אויפגעשטעלט נאָכדעם
דעם חצר צום משכּן

אַרום דעם מזבח
דעם טויער פון חצר
פאַרהאַנגען מיט פאָרהאַנג

## וואָלקן און פייער

און ווי נאָר ס'האָט משה
די אַרבעט פאַרענדיגט,
האָט תּכּף אַ וואָלקן
דעם אוהל באַדעקט —
די הערלעכקייט גאָטס האָט
דעם משכּן פאַרפולט.
און ס'האָט שוין ניט משה
געקענט דאָרט אַריינגיין,
ווייל ס'רוט דאָרט דער וואָלקן,
די הערלעכקייט גאָטס.
אַזוי איז געבליבן
דער וואָלקן בייטאָג,
אַ פייער ביינאַכט
פאַר אַלעמענס אויגן
אין צייט פון די צוגן.
פלעגט רוען דער וואָלקן
איבערן משכּן
פלעגט מחנה ישראל
פון אָרט זיך ניט רירן
און ווי נאָר דער וואָלקן
פלעגט אָפּגיין פון משכּן,
פלעגט דאַמאָלס די מחנה
זיך רירן אין צוג.

## קרבנות.

און גאָט האָט צו משהן
גערופן פון אוהל,
געלערנט די תּורה
פון עולה און מנחה
און אשם און שלמים
און אַלע קרבנות
פון וואָכטעג, שבּתים
און אויך ימים טובים,
פאַר מענטשן פון פאָלק,
פאַר נשיא און כּוהן,
אַ זינד צו פאַרגעבן,
אַ נדר צו צאָלן,
אַ דאַנקלויב צו געבן —
אַלץ משהן געלערנט
דאָרט אין מדבּר סיני.

*

און ס'האָט זיך פאַרזאַמלט
דער פאָלק פאַרן אוהל,
האָט משה דערציילט אַלץ,
וואָס גאָט האָט באַפוילן
און צוגעפירט אהרונען,
אין וואַסער געוואַשן,
מיט העמד אים באַקליידט,
מיט גאַרטל באַגורט,
מיט מאַנטל באַדעקט,
אין אפוד פאַרוויקלט,
פאַרפלאָכטן מיט גאַרטל,
דעם חושן אויף האַרצן,
מיט אורים און תּומים,
דעם מיץ אויפן קאָפּ,
די בלעך אויף דער מיץ —
די הייליגע קרוין.
גענומען די זאַלבאייל,
דעם משכּן געזאַלבט

און אַלץ וואָס אין אים,
געשפּריצט זיבן מאָל
פונם איל אויף מזבח
געזאַלבט דעם מזבח
דעם האַנטפאַס, זיין פוס,
אויך אהרן דעם כּוהן
געזאַלבט אויפן קאָפּ
נאָכדעם זיינע זין
מיט העמדער באַקליידט
מיט גאַרטלען באַגורט,
מיט הויבן פאַרבונדן
געשאָכטן אַן אָקס
באַשפּריינקט מיט זיין בלוט
דעם שטעל פון מזבח
און אויפן מזבח
די חלב געדויכערט,
די פלייש און די פעל
צוזאַמען מיט מיסט
אין פייער פאַרבּרענט
מהוץ פון דער מחנה.
געשאָכטן אַ באַראַן
געשפּריינקט מיט זיין בלוט
אַרום דעם מזבח
צושניטן דעם באַראַן
געדויכערט זיין קאָפּ
די שטיקער, די פעטס,
אַ צווייטן געשאָכטן,
האָט משה זיין בלוט
געשמירט אויפן לעפּל
פון אויער דעם רעכטן
און אויך אויפן דוימען
פון האַנט פון דער רעכטער

און אויך אויפן דוימען
פון פוס פון דער רעכטער
ביי אהרן און זין.
פון קאָרב פון די מצות
גענומען איין מצה,
איין חלה, איין פלאָדן
געלייגט אויף די פעטסן
אויף שיינקל דעם רעכטן,
געלייגט אויף די הענט
פון אהרן און זין,
געהויבן פאַר גאָט,
געהויבן די ברוסט,
אַ חלק פאַר משהן
גענומען פון זאַלב־אייל,
פון בלוט ביים מזבח,
געשפּריצט אויף די קליידער
פון אהרן און זין —
געהייליגט זיי אַלע
צוזאַמען מיט קליידער.
*

האָט אהרן און זין
ביים איינגאַנג אין אוהל
געקאָכט און געגעסן
די פלייש פון קרבנות
געגעסן אויך ברויט
פונם הייליגן קאָרב
און וואָס ס'איז געבליבן
פון פלייש און פון ברויט
אין פייער פאַרבּרענט,
אַזוי זיבן טעג
אַ טאָג נאָך אַ טאָג
געזעסן אין אוהל

געהייליגט זיך אַלע
געבראַכט די קרבנות,
נעגעסן, פאַרבערענט.

*

און אויפן אַכטן טאָג האָט משה
באַפוילן אהרנען און קינדער
אַליין שוין אויפברייננגען קרבנות
און שפּריינקלען בלוט און רויכערן פעטס
און אהרן איז אַראָפּ פון מאכן
די קרבנות ביים מזבח
פאַרשפּרייט די הענט, דעם פאָלק
געבענטשט,
האָט זיך גאָטס הערלעכקייט באַוויזן,
און ס'איז אַראָפּ פון גאָט אַ פייער
און האָט פאַרברענט אויף דעם מזבח
די פלייש און חלב פון קרבנות
און ס'האָט דער גאַנצער פאָלק געזען
און זיך צוזונגען און געקניט.

## נדב ואביהוא

און ס'האָבן נדב און אביהוא,
צוויי אהרנס זין, גענומען פאַנען,
אַריינגעלייגט אין זיי אַ פייער,
ארויפגעלייגט די רויכערוואַרג,
געבראַכט פאַר גאָט דעם פרעמדן פייער.
איז באַלד ארויס פון גאָט אַ פייער
און האָט פאַרברענט אויף טויט
זיי ביידע

און משה זאָגט צו אהרונען:
אָט דאָס איז, וואָס ס'האָט גאָט געזאָגט:
דורך מיינע נאָנטסטע ווער איך הייליג,
און פאַרן גאַנצן פאָלק געשעצט.

און אהרן הערט עס צו און שווייגט.
און משה רופט צוויי זין עוזיאלס,
אַ פעטער אהרונס, און זאָגט זיי:
„הויבט אויף די ברידער אייערע
און טראָגט ארויס זיי פונם משכּן". —
זיי האָבן באַלד דערנענטערט זיך,
זיי אויפגעהויבן אין די העמדער
ארויסגעטראָגן פונם משכּן
ארויס פון מחנה ווי באַפוילן.
און גאָט האָט אהרונען געזאָגט:
איר זאָלט קיין וויין און ביר ניט טרינקען,
ניט דו און אויך ניט דיינע זין,
ביים קומען אין געצעלט אַריין,
אַז איר זאָלט קענען אונטערשיידן
צווישן הייליגקייט און וואָך,
צווישן אומריינקייט און ריינקייט
און לערנען מיט די בני ישראל
די תורה און געזעצן אַלע,
וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט דורך משהן —
זאָלט איר עס פאָלגן און ניט שטאַרבן.

## דער שעיר לעזאזל

און נאָכן טויט פון אהרנס זין,
האָט גאָט אַזוי באַפוילן משהן:
זאָל אהרן אַלע צייט ניט קומען
אין משכּן, הינטערן פּרוכת,
און זאָל ניט שטאַרבן; ווייל אין וואָלקן
באַוויז איך זיך אויף דעם כּפּורת.
און ווען ער קומט אין ווייסע קליידער,
זאָל ער ביים פאָלק ישראל נעמען
צוויי יונגע בעקלעך און איין באַראַן,
דעם באַראַן אויפברייננגען צו גאָט

און אויף די בעק גורלות לייגן,
איין גורל מיט א שריפט „צו גאָט"
דער צווייטער גורל: „צום עזאזל"
און זאָל דעם ערשטן בעקל בריינגען
צו גאָט אין משכן פאַר א קרבן,
און אויפן צווייטן בעקל לייגן
די זינד פון גאַנצן פאָלק און שיקן
מיט א באַשטימטן מאַן אין מדבר
און זאָל דער באָק אוועקטראָגן
די זינד פון פאָלק אין לאַנד פון טויט —
און ער לאָזט פריי דעם באָק אין מדבר.
און זאָל עס בלייבן א געזעץ:
אין צענטן פונם זיבעטן
זאָלט איר די לייבער פייניגן
און קיין שום אַרבעט אויספירן,
ווייל יענעם טאָג פארגיט אייך גאָט
און ריייניגט אייך פון אַלע זינד.
און ווי ס'האָט גאָט באַפוילן משהן,
אַזוי האָט אהרן אויסגעפירט.

---

## ג ע ש ט י י נ י ג ט.

און ס'האָט א זון פון א ישראלית
און פון א מצרי זיך צוקריגט
מיט א ישראלי אין דער מחנה
און ס'האָט דער זון פון דער ישראלית
ארויסגערעדט דעם נאָמען גאָטס
און יענעם מאַן אַזוי געשאָלטן.
האָט מען דעם מאַן געבראַכט צו משהן
און אין געפענגעניש געלאָזן
צום אויפקלערן דורך גאָטס באַפעל,
האָט גאָט אַזוי געזאָגט צו משהן:
ווער ס'לעסטערט גאָט און שילט מיט גאָט
דער טראָגט א זינד און ווערט געטויט,
דער גאַנצער פאָלק זאָל אים פארשטיינען.
און משה האָט דעם פאָלק באַפוילן,
האָט מען ארויסגעפירט דעם שילטער
פון מחנה, און דער גאַנצער פאָלק
האָט אים פארשטייניגט, ווי באַפוילן,

---

## ש ש י ם ר ב ו א.

דעם ערשטן טאָג פון צווייטן חודש
אין צווייטן יאָר פון דער באַפרייאונג
האָט משה, אין גאָטס וואָרט, געציילט
די קעפּ פון אַלע בני ישראל,
פון איטלעכם שבט און משפחה,
פון צוואַנציג יאָר און ווייטער, זכרים,
באַוואָפנטע און גרייט אין שלאַכט,
און ס'איז געווען די גאַנצע צאָל
זעקסהונדערט טויזנט און דרייטויזנט
און פינפהונדערט און פופציג מאַן —
און אויך לוויים אַכט טויזנט
און פינפהונדערט און אכציג מאַן.
און ס'האָבן אַלע בני ישראל
צולייגט זיך דאָרטן ביי די פענער,
דריי שבטים ליגן ביי איין פאָן —
צוזאַמען אַלע פענער פיר —
אַרום דעם משכן מיטן ארון.
און ווען די בני ישראל רוען,
באַדעקט א וואָלקן־זייל דעם משכן
ביי טאָג, און פייער־זייל ביינאַכט,
און ווען עס הויבט זיך אויף דער וואָלקן
באַוועגן זיך די בני ישראל

אויסצוציען אין די צונגן.
און משה זאָגט צו זיין שווער חובב:
מיר ציען אָפּ צו יענעם אָרט,
וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אונז געבן;
קום אויך מיט אונז און זיי ביי אונז
א וועג־ווייזער דאָ אין דער מדבר;
מיר וועלן אַלדאָס גוטס דיר געבן,
ווי גאָט וועט גוטס טאָן דאָרט מיט אונז.
און חובב זאָגט: איך גיי ניט, נייערט
איך גיי אין מיין לאַנד און געבורט.
און אַז זיי האָבן אָפּגעצויגן
דריי טאָג ווייטער פון גאָטס באַרג
האָט שוין דער ארון פון גאָטס בונד
געצויגן דריי טעג ווייט פאָרויס,
פאַר זיי א רו פּלאַץ אויסצוזוכן.
און ווען דער ארון ציט, זאָגט משה:
שטיי אויף, גאָט, און צושפּרייט
דעם שונא
און זאָל דער פיינט פון דיר אַנטלויפן.
און ווען דער ארון רוט, זאָגט ער:
קום גאָט צוריק צו טויזנטער,
צו צענער־טויזנטער ישראלס.

*

אַמאָל האָט זיך דער פאָלק געקלאָגט,
גערעדט מיט בייזקייט קעגן גאָט,
האָט שטאַרק געגרימט דער צאָרן גאָטס
און ס'איז א פייער אויסגעבראָכן,
צופרעסן טיילן פון דער מחנה.
האָט באַלד דער פאָלק געוויינט פאַר משהן
און משה האָט צו גאָט געבעטן,
און ס'איז דער פייער איינגעזונקען.
האָט ער גערופן יענעם אָרט
„תבערה", ווייל עס האָט אין זיי
געברענט א שטאַרקער פייער גאָטס.

---

## פליי ש.

און דעם געזעמל, וואָס אין פאָלק,
האָט זיך פאַרגלוסט א גלוסטיגקייט;
האָט ווידער זיך צעוויינט דער פאָלק,
געזאָגט: ווער גיט אונז עסן פלייש?
געדיינקען מיר דאָך נאָך די פיש,
וואָס מיר האָבן אומזיסט געגעסן
דאָרט אין מצרים זיצנדיג,
די אוגערקעס און מאַלאָנעס
און קרויט און ציבעלעס און קנאָבל, —
און איצט איז אונזער לייב פאַרדאַרט,
קיין זאַך ניטאָ, נאָר בלויז צום מן
מוז אונזער בליק זיך שטענדיג ווענדן!
און ס'איז דער מן געווען אזוי,
ווי די קאַריאַנדער־קערנדלעך,
און זיין געשטאַלט פונקט ווי קריסטאַל;
פאַרשפּרייט דער פאָלק זיך, קלייבט צונויף
און מאָלט אין מילכל, שטויסט מיט
שטויסל,
און קאָכט אין טאָפּ און מאַכט זיך קוכנס,
און ער פלעגט האָבן א געשמאַק,
ווי דער געשמאַק פון בוימל־פעטס,
און אַז ס'פלעגט נידערן ביינאַכט
דער טוי אין מחנה, פלעגט דער מן
אויך אויפן טוי צולייגן זיך.

*

און משה האָט געהערט, ווי ס'וויינט
דער פאָלק אין איטלעכער משפחה,

ביי איטלעכס טיר פון די געצעלטן,
האָט עס פאַרדראָסן משהן שטאַרק
און ס'האָט גאָטס צאָרן זיך צופלאַקערט.
און משה האָט צו גאָט געזאָגט:
וואָס האָסטו שלעכטס געטאָן דיין קנעכט,
פאַרוואָס האָב איך קיין חן ביי דיר,
דו זאָלסט די משא פונם פאָלק
אַרויפלייגן אויף מיר אַליין?!
צי איך האָב אָט דעם פאָלק געשוואַנגערט,
צי האָב איך אפשר אים געבוירן,
גאָס דו זאָגסט מיר: טראָג אים אין שויס,
ווי ס'טראָגט אַן אַם די עופהלע,
און ברענג אים ביז צו יענער לאַנד,
וואָס האָסט געשוואָרן זיינע פאָטערס?
וואו זאָל איך נעמען פלייש פאַר זיי,
ווען אַלע וויינען איבער מיר:
„גיב אונז נאָר פלייש, מיר ווילן עסן!
איך קען ניט טראָגן מער אַליין
די משא פונם גאַנצן פאָלק;
דו ווילסט פון מיר אַזאַ פאָלק מאַכן?
ניין, טויט מיך, אויב דו האָסט מיך ליב,
אַבי ניט זען זיך אינם אומגליק!
זאָגט גאָט צו משהן: קלייב צונויף
מיר זיבעציק ישראלס עלצטע,
באַקאַנטע שוטרים פונם פאָלק
און שטעל זיי אויף ביים אוהל מועד,
וועל איך אַראָפּ, מיט דיר דאָרט ריידן,
און וועל פון דיין גייסט אָפּשיידן
און זיי באַקליידן, וועלן זיי
די משא פונם פאָלק אויך טראָגן —
דו וועסט ניט טראָגן מער אַליין,
און זאָג דעם פאָלק:
זייט גרייט אויף מאָרגן!
ווייל איר האָט דאָך פאַר גאָט געוויינט:
„ווער וועט אונז געבן עסן פלייש?
געווען אונז בעסער אין מצרים!"
וועט ער אייך מאָרגן געבן פלייש,
ניט איין טאָג וועט איר עסן פלייש
ניט צוויי טעג, פינף טעג, צען און
צוואַנציק,—
אַ גאַנצן חודש וועט איר עסן,
ביז ס'וועט די פלייש פון נאָז אייך קריכן
און וועט אייך ווערן עקלדיק,
ווייל איר האָט אייער גאָט פאַרמיאוסט,
געוויינט פאַר אים: וואָס זיינען מיר
אַרויסגעגאַנגען פון מצרים?!
און משה זאָגט: זעקס הונדערט טויזנט
פאַרמאָגט דער פאָלק בלויז פוסגייערס
און דו זאָגסט: כ'וועל זיי געבן פלייש,
אַ גאַנצן חודש צייט צום עסן!
אַז איך זאָל אויסשעכטן פאַר זיי
די שאָף און רינדער וועט עס קלעקן?
אַז איך זאָל אויפזאַמלען פאַר זיי
די פיש פון ים — צי וועט עס קלעקן?
און ס'ענטפערט גאָט: איז גאָטס
האַנט קורץ?
אצינד וועסטו שוין זען, צי ס'וועט
מיין וואָרט דיך טרעפן, אָדער ניט.
און משה איז צום פאָלק אַרויס,
פאַרזאַמלט עלצטע זיבעציק
און זיי געשטעלט אַרום געצעלט.
האָט גאָט גענידערט אינם וואָלקן,
גערעדט צו אים און אָפּגעשיידט
פון זיין גייסט אויף די זיבעציק.

און ס'איז געווען, ווי ס'האָט דער גייסט
גערוט אויף זיי, באַלד האָבן זיי
געזאָגט נביאות אָן אַן אויפהער.
און צוויי פון די פאַרשריבענע —
איינער אלדד, איינער מידד —
געבליבן נאָך אינמיטן מחנה,
נאָך ניט געגאַנגען צום געצעלט,
און זיי האָבן געזאָגט נביאות
אינמיטן מחנה זייענדיג.
און ס'איז אַ יונג אַוועקגעלאָפן
און האָט עם משהן אָנגעזאָגט:
אינמיטן מחנה זאָגן זיי
נביאות, אלדד און אויך מידד!
און ס'זאָגט יהושע, זון פון נון,
דער דינער משהס, אַ דערוויילטער:
מיין האַר, באַפויל זיי איינצושליסן!
זאָגט משה: נעמסט זיך אָן פאַר מיר?
זאָל זיין דער גאַנצער פאָלק נביאים,
גיב גאָט אויף אַלעמען זיין גייסט!
און משה איז אַריין אין מחנה
צוזאַמען מיט די עלצטע לייט,
און ס'איז אַ ווינט פון גאָט געקומען
און וואַכטלען אָנגעיאָגט פון ים
אַרום דער מחנה פון ישראל
אַ גאַנצן טאָג גאַנג דאָ און דאָרט
צוויי איילן אויף דער ערד די הויך.
און ס'האָט דער פאָלק געלאָזן זיך
דעם גאַנצן טאָג, די גאַנצע נאַכט
און אויך דעם גאַנצן צווייטן טאָג,
צונויפגעקליבן וואַכטלען זיך —
צום ווייניגסטנס אַ הויפנס צען —
און אויסגעשפּרייט אַרום דער מחנה.
און ס'איז די פלייש נאָך אין די ציין,
נאָך איידער ס'איז פאַרדייט געוואָרן,
האָט גאָט געצערנט אויפן פאָלק
און זיי געפלאָגט אַ גרויסע פּלאָג.
האָט מען גערופן יענעם אָרט
„קברות - התאווה", ווייל מ'האָט
באַגראָבן דאָרט די תאווהניקעס.
פון דאָרטן איז דער פאָלק געצויגן
און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין חצרות.

## לשון הרע.

און מרים און אויך אהרן האָבן
גערעדט אויף משהן בייזע רייד,
פאַרוואָס ער האָט גענומען זיך
אַ פרוי אַ כושית פאַר אַ ווייב;
געזאָגט: צי רעדט גאָט נאָר מיט משהן?
ער האָט דאָך אויך מיט אונז גערעדט!
האָט גאָט געהערט, און משה איז
געווען באַשיידענער ביי זיך
ווי אַלע מענטשן אויף דער וועלט.
האָט פּלוצים גאָט אַ זאָג געטאָן
צו משה, אהרן און צו מרים:
„גייט אַלע דריי צום אוהל מועד!"
און ס'זיינען אַלע דריי געגאַנגען.
איז גאָט אַראָפּ אין וואָלקנזייל,
ביים טיר פון אוהל זיך געשטעלט
און אויסגערופן: אהרן! מרים!
זיי זיינען ביידע באַלד געגאַנגען.
זאָגט גאָט: הערט צו נאָר מיינע ווערטער!
אויב עמיץ איז פון אייך אַ נביא,
וועל איך אים ווייזן מיין געשטאַלט?
ניין, כ'רייד מיט אים אין חלום נאָר!

נאָר ניט אַזוי איז מיין קנעכט משה,
דער צוגעטרויטער אין מיין הויז,
פון מויל צו מויל רעד איך מיט אים,
געשטאַלטלעך, ניט מיט טרעפעניש,
ער קוקט אַריין אין בילד פון גאָט —
פאַרוואָס האָט איר זיך ניט געשראָקן
צו ריידן קעגן מיין קנעכט משה?
און גאָט איז צאָרנדיג אַוועק,
און ס'איז דער וואָלקנזייל פאַרשוואונדן,
און אהרן טוט אַ בליק אויף מרים —
זי שטייט אַ קרעציגע, ווי שניי.
און אהרן רופט זיך אָן צו משהן:
איך בעט דיך, האַר! באַשטראָף אונז ניט
פאַר אונזער נאַרישקייט און זינד!
זאָל זי ניט זיין ווי טויט געבוירן,
מיט האַלבן גוף צופרעסענעם!
און משה האָט צו גאָט גערופן:
איך בעט דיך, גאָט, אָ, הייל איר אויס!
זאָגט גאָט צו אים: ווען ס'וואָלט
איר פאָטער
אַ שפּיי געטאָן אין פּנים איר,
וואָלט זי ניט זיבן טעג געשעמט זיך?
טאָ זאָל זי זיבן טעג פאַרבלייבן
מחוץ דער מחנה איינגעשלאָסן
נאָכדעם געבראַכט ווערן צוריק!
און מרים איז אויף זיבן טעג
געווען פאַרשלאָסן חוץ דער מחנה, —
דער פאָלק האָט ניט געצויגן ווייטער,
ביז מרים איז געבראַכט געוואָרן.

## די מרגלים.

נאָכדעם איז מען אַוועק פון חצרות,
זיך אָפּגעשטעלט אין מדבר פּאָרן.
און משה האָט געשיקט פון פּאָרן
צוועלף מענטשן אויסצוזוכן די לאַנד;
לויט גאָטס באַפעל, געשיקט אַלץ פירשטן
און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:
„גייט אויף אין דרום אויפן באַרג,
און זעט די לאַנד, באַטראַכט דעם פאָלק,
צי איז ער שטאַרק, צי איז ער שוואַך,
צי איז ער ווינציג, צי אַ סך?
צי זיצט דער פאָלק אין לאַגערן,
צי זיצט אין שטעט, אין פעסטונגען?
צי איז דער באָדן פעט, צי מאָגער?
צי זיינען בוימער דאָרט פאַראַן?
און איר באַמיט זיך און ברענגט מיט
אַהערצו פון די פרוכט פון לאַנד".
און דאַמאָלס איז געווען די צייט,
ווען ס'צייטיגן די וויינטרויבן.
און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען
און האָבן אויסגעקוקט די לאַנד
אַרויף אין דרום - לאַנד, ביז חברון,
וואו ס'זיינען זין פון ריז געווען,
אחימן, ששי און אויך תלמי
געקומען ביזן אשכול - טאָל
און אָפּגעשניטן זיך פון דאָרט
אַ צווייג און אויך אַ שטענגל טרויבן,
געטראָגן אויף אַ שטאַנג באַנאַנד,
גענומען מילגרוימען און פייגן.
נאָך פערציג טעג צוריק געקומען
צו משה, אהרן און ישראל,
געוויזן זיי די פרוכט פון לאַנד
און זיי געענטפערט און דערציילט:
מיר זיינען אין דער לאַנד געקומען,

און יע, זי פליסט מיט מילך און האָניג,
אָט האָבן מיר איר פרוכט געבראַכט;
נאָר מעכטיג איז דער פאָלק אין לאַנד,
די שטעט — באַפעסטיגט, זייער גרויס,
געזען דאָרט אויך די זין פון ריז,
עמלק זיצט אין דרום - לאַנד,
דער חתי, יבוסי און אמורי —
זיי זיצן דאָרטן אויפן באַרג,
דער כנעני זיצט ביים ים און ירדן —
האָט כלב, פון די אויסקוקערס,
דעם פאָלק פאַר משהן איינגעשטילט,
געזאָגט: מיר וועלן אַלע גיין
און בייקומען און איינגעמען!
און יענע לייט, די אויסקוקערס,
זיי זאָגן: ניין, מיר קענען ניט
אַרויף צום פאָלק דעם מעכטיגן.
און זיי האָבן באַרעדט די לאַנד,
געזאָגט: זי פרעסט די איינוואוינערס;
דאָרט וואוינט אַ פאָלק פון הויכע מענטשן.
נאָר ריזן - זין, פון די נפילים,
און מיר האָבן דאָרט אויסגעזען
ביי זיי און אויך ביי זיך אַליין,
ווי היישעריקן קליינינקע.
און ס׳האָט דער גאַנצער פאָלק געוויינט
אין יענער נאַכט און זיך געקלאָגט:
מיר וואָלטן בעסער אין מצרים
געשטאָרבן, אָדער אין דער מדבר!
צו וואָס ברענגט גאָט אונז אין דער לאַנד
צו פאַלן טויטע דאָרט פון שווערד,
און ווייב און קינד זאָל זיין צו רויב?
עס וועט דאָך בעסער זיין פאַר אונז
צוריקקערן זיך קיין מצרים!

און איינער זאָגט צום אַנדערן:
לאָמיר זיך אויסקלייבן אַ פירער
און אומקערן זיך קיין מצרים!
און משה איז מיט אהרונען
געפאַלן אויף די פנימער
פאַר אַלע קינדער פון ישראל.
און יהושע, זון פון נון,
און כלב, זון יפונה׳ס, —ביידע
פון די אויסקוקערס די צוועלף —
האָבן זיך די קליידער דאָרט
צעריסן און געזאָגט צום פאָלק:
די אויסגעקוקטע לאַנד איז גוט,
זאָל גאָט נאָר וויליג זיין צו אונז
און אָפּגעבן אונז יענע לאַנד,
די לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג!
איר ווידערשפעניגט ניט אין גאָט
און ציטערט ניט פאַר יענעם פאָלק!
זיי וועלן זיין ביי אונז ווי ברויט,
פאַרלאָזן האָט דער שאָטן זיי,
מיט אונז איז גאָט — נאָר ציטערט ניט!
און די געמיינדע האָט געוואָלט
פאַרשטיינען ביידע אויפן אָרט
נאָר ס׳האָט זיך באַלד גאָטס הערלעכקייט
באַוויזן אינעם אוהל - מועד.
זאָגט גאָט צו משהן: ווי לאַנג נאָך
וועט מיך דער פאָלק דערצערענען
און ווי לאַנג נאָך ניט גלויבן מיר,
ביי אַלע וואונדער, וואָס איך האָב
שוין וויפל מאָל באַוויזן זיי?
כ׳וועל אויסמאָרדעווען זיי אין פעסט
און מאַכן דיך פאַר אַ גרויס פאָלק,
פיל גרעסער, מעכטיגער פון אים!

זאָגט משה: וועט מצרים הערן
און זאָגן: ווייל גאָט קען ניט ברענגען
דעם פאָלק אין צוגעזאָגטער לאַנד,
האָט ער געשאָכטן זיי אין מדבר!
טאָ זאָל דיין כּוח, גאָט, זיין גרויס,
ווי דו האָסט דאַמאָלס אָנגעזאָגט:
— — גאָט, גאָט, דערבאַרימדיגער,
לייטזעליגער, לאַנגמוטיגער,
פול גנעדיגקייט, וואָרהאַפטיגקייט,
וואָס היט זיין גנאָד פאַר טויזנטער,
פאַרגיט פאַרברעכנס, שולד און זינד
און שענקט — — — — — — — — — —
פאַרגיב אויך איצט די זינד פון פאָלק,
מיט דיין גרויס גנאָד, ווי האָסט פאַרגעבן
זיי פון מצרים ביז אַהער!

האָט גאָט געזאָגט: איך האָב פאַרגעבן,
ווי דו פאַרלאַנגסט; נאָר ביי מיין לעבן,
אַז אָט די אַלע לייט, וואָס זעען
מיין הערלעכקייט און מיינע וואונדער
סיי אין מצרים, סיי אין מדבר,
און האָבן מיך צען מאָל געפּרובט
און ווילן אַלץ ניט פאָלגן מיר,
זיי וועלן ניט דערזען די לאַנד,
וואָס כ'האָב די פאָטערס צוגעזאָגט,
און ווער עס האָט דערצערנט מיך,
וועט יענע לאַנד ניט אָנקוקן,
נאָר מיין קנעכט כּלב, ווייל ער האָט
געהאַט אַ גייסט אַן אַנדערן
און איז געגאַנגען נאָך מיין וואָרט,
וועל איך אים ברענגען אין דער לאַנד,
ער וועט פאַראַרבן איר זיין נאָכקום.
און דער עמלק מיטן כּנעני
זיי זיצן ביידע דאָ אין טאָל,
און איר מוזט מאָרגן זיך פאַרנעמען
און אָפּציען צו מזרח צו
און גיין אין וועג, וואָס פירט צום ים סוף.
אָט דאָ אין מדבר וועלן פאַלן
די גאַנצע צאָל געמוסטערטע
ווער נאָר ס'איז איבער צוואַנציק יאָר,
און האָט געמורמלט דאָ אויף מיר.
און אייער קליינוואַרג, וואָס איר האָט
געזאָגט: „זיי וועלן זיין צורויבט!"
גראָד זיי וועל איך אַריינפירן
אין לאַנד, וואָס איר האָט היינט
פאַרמיאוסט.
זיי וועלן זיך אַרומשלעפּן
דאָ אין דער מדבר פערציק יאָר
און וועלן טראָגן אייער זינד,
ביז איר וועט אַלע אויסשטאַרבן;
לויט צאָל פון טעג — די פערציק טעג —
וואָס איר האָט אויסגעקוקט די לאַנד
אַ טאָג אַ יאָר, אַ טאָג אַ יאָר,
וועט איר די זינד אייערע טראָגן,
אַרומשלעפּן זיך פערציק יאָר,
און איר וועט וויסן שוין מיין שטראָף.
און משה האָט דעם פאָלק דערציילט
די אַלע הארבע ווערטער גאָטס
און ס'האָט דער פאָלק געטרויערט שטאַרק
זיי האָבן זיך געפעדערט פרי
און אויפן באַרג אַרויפגעגאַנגען,
געזאָגט: מיר זיינען גרייט צו גיין
צום אָרט, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט,
ווייל מיר האָבן אַצינד געזינדיגט.
האָט משה זיי געזאָגט. למאי

טרעט איר אריבער גאָטס באַפעל?
עס וועט זיך אייך ניט איינגעבן!
ניט גייט, ווייל גאָט גייט ניט מיט אייך,
און דער עמלק און דער כנעני —
זיי זיצן דאָרט אנטקעגן אייך
און וועלן מיטן שווערד אייך שלאָגן!
זיי האָבן זיך געשטאַרקט, געגאַנגען
אַרויף - אַרויף, צום שפּיץ פון באַרג,
דער ארון אָבער פון גאָטס בונד
האָט ניט גערירט זיך פון דער מחנה,
און משה איז ביי אים געבליבן.
און דער עמלק מיטן כנעני,
וואָס זיצן דאָרטן אויפן באַרג,
זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט,
געשלאָגן זיי, געמאָרדעוועט
און נאָכגעיאָגט זיי ביז צו חרמה.
און אין דער מדבר וואַנדערנדיג,
האָט מען אמאָל אַ מאַן באַגעגנט,
ווי ער קלייבט העלצלעך אין טאָג שבת;
האָט מען דעם מאַן געבראַכט פאַר משהן,
פאַר אהרנען און דער געמיינדע,
אים אין געפענגעניש געלאָזן,
ווייל ס'איז ביי זיי ניט קלאָר געווען
וואָס זאָל מען טאָן מיט אַט דעם מאַן.
און משה זאָגט אין נאָמען גאָטס:
דער מענטש מוז שטאַרבן; זאָל דער פאָלק
פאַרשטיינען אים מחוץ דער מחנה,
אַזוי האָט מען דעם מאַן געטאָן:
פאַרוואָרפן אים צום טויט מיט שטיינער.

---

## קורח.

און קרח, זון פון יצהר, האָט
גענומען דתן און אבירם
און נאָך צוויי הונדערט פופציג מאַן,
אַלץ חשובע אין דער געמיינדע,
פאַרקליבן זיך אויף משה, אהרן,
געזאָגט צו זיי: גענוג פאַר אייך!
ווייל הייליג איז דער גאַנצער פאָלק,
און גאָט רוט צווישן זיי; פאַרוואָס-זשע
זאָלט איר זיך גרויסן איבער אַלע?
און ווי ס'האָט משה עס געהערט,
איז ער געפאַלן אויף זיין פנים,
און האָט צו קרחן געזאָגט:
גאָט וועט אונז מאָרגן וויסן מאַכן, —
די הייליגע און אויסדערוויילטע
וועט ער דערנענטערן צו זיך,
אַט דאָס טוט, קורח און געמיינדע:
נעמט פאַנען, טוט אין זיי אַ פייער
און לייגט דאָרט רויכערוואַרג פאַר גאָט
און מאָרגן הויבט אָן רויכערן.
איז אַט דער מאַן, וואָס גאָט קלייבט אויס,
נאָר ער וועט זיין דער הייליגער.
גענוג שוין אייך, איר קינדער לוי'ס!
און משה זאָגט צו קורחן.
הערט, קינדער לוי'ס: איז נאָך קנאַפּ,
וואָס גאָט האָט אייך אַרויסגעטיילט.
פון גאַנצן פאָלק, צו זיך דערנענטערט,
איר זאָלט ביים משכן אַרבעטן
און שטיין, באַדינען דער געמיינדע, —
פאַרלאַנגט איר נאָך די כהונה אויך?
דערום ווייסט, אַז איר אַלע האָט
פאַרזאַמלט זיך אויף גאָט אַליין;
און אהרן — וואָס באַטייט ער דאָ,
אַז איר זאָלט מורמלען קעגן אים?

און משה האָט געשיקט אויך רופן
אהערצו דתן און אבירם, —
זיי ענטפערן: מיר גייען נישט!
צי קנאַפּ, וואָס דו האָסט אונז געבראַכט
פון לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניג
צו טויטן אונז דאָ אין דער מדבר, —
ווילסט אויך נאָך הערשן איבער אונז?
האָסט נישט געבראַכט אונז אין אַ לאַנד,
וואָס פליסט מיט האָניג און מיט מילך,
אונז נישט פאַרגעבן קיין פעלד און
גאָרטן —
ווילסט אונז די אויגן אויסשטעכן?
ניין, ניין, מיר גייען נישט צו דיר!
האָט עס פאַרדראָסן משה'ן שטאַרק
און ער האָט זיך צו גאָט געווענדט:
נישט נעם ביי זיי קיין שפּייז - קרבן!
איך האָב ביי זיי קיין אייזל נישט,
קיין איינציקן אַוועקגעטראָגן
איין קיינעם נישט קיין שלעכטס געטאָן.
אויף מאָרגן האָבן זיי אין פאַנען
געליינט אַ פייער, רויכערוואַרג,
און קרח האָט מיט זיין געמיינדע
געשטעלט זיך פאַרן אוהל מועד.
האָט זיך גאָטס הערלעכקייט באַוויזן,
געזאָגט צו משה און צו אהרן:
איר שיידט זיך אָפּ פון דער געמיינדע,
פאַרטיליק איך זיי אין איין רגע!
און זיי האָבן פאַר גאָט געקניט,
געזאָגט: אוי, גאָט פון אַלע גייסטער!
אַז איין מאַן זינדיקט, צי וועסטו
אויף דער געמיינדע צערענען?
האָט גאָט געזאָגט: זאָל די געמיינדע
זיך אָפּרוקן פון וואוינונג - אָרט
פון קרח, דתן און אבירם!
איז משה מיט ישראלס עלצטע
אַוועק צו דתן און אבירם
און האָט געזאָגט צו דער געמיינדע:
איר רוקט זיך אָפּ פון די געצעלטן
פון יענע בייזוויליקע לייט
און רירט נישט אָן אַלץ, וואָס ביי זיי, —
איר זאָלט פאַר זייער זינד נישט שטאַרבן!
און ס'האָט דער פאָלק זיך אָפּגערוקט
פון קרח, דתן און אבירם
און יענע זיינען באַלד אַרויס
צום טיר פון זייערע געצעלטן,
געשטאַנען דאָרט מיט ווייב און קינד.
און משה זאָגט: באַלד וועט איר וויסן,
אַז נישט אַליין האָב איך געטאָן
די אַלע מעשים, נאָר פון גאָט.
אויב שטאַרבן וועלן אָט די לייט
אַ טויט, ווי אַלע מענטשן גלייך,
האָט מיך נישט גאָט געשיקט צו אייך.
און אויב גאָט שאַפט אַ שאַפעניש,
און ס'עפנט אויף די ערד איר מויל,
שלינגט איין די לייט און אַלץ
וואָס זייערס,
זיי גייען לעבעדיק אין גרוב, —
טאָ ווייסט, אַז ס'האָבן אָט די לייט
דערצערנט גאָט!
און ווי נאָר משה
האָט אויסגעלאָזט די ווערטער זיינע,
האָט אויפגעשפּאָלטן זיך די ערד,
וואָס אונטער זיי, איר מויל געעפנט,
און איינגעשלונגען קרחן,

מיט אַלע מענטשן און די הייזער
און דעם פאַרמעגן, וואָס בײַ זיי,
און אַלע זיינען לעבעדיג
אַריין אין גרוב, און ס'האָט די ערד
זיי צוגעדעקט — זיי זיינען אַלע
פאַרשוואונדן צווישן דער געמיינדע.
און גאַנץ ישראל פון אַרום
איז פאַר די קולות ווייט אַנטלאָפן,
ווייל טאָמער שלינגט זיי אײַן די ערד.
און ס'איז פון גאָט אַרויס אַ פייער,
פאַרברענט די צוויי הונדערט און פופציג
וואָס האָבן רויכערוואַרג גערויכערט.
און ס'האָט אלעזר, אהרנס זון,
די פייער - פאַנען קופּערנע
אַרויסגענומען פון דער שׂרפה,
און האָט געהייסן אויסקלאַפּן
פון זיי אַ דעקל צום מזבח,
אַן אָנדענק פאַר די זין ישׂראלס,
אַז קיינמאָל זאָל אַ פרעמדער מאַן,
וואָס שטאַמט ניט פון די קינדער אהרנס,
פאַר גאָט ניט רויכערן קיין קטורת
און זאָל ניט אומקומען, ווי קרח
און זיין געמיינדע יענעם טאָג.

## די מגפה.

און ס'האָט אויף מאָרגן די געמיינדע
געמורמלט קעגן משה, אהרן,
געזאָגט: „איר האָט געטויט גאָטס פאָלק!"
און ווען עס האָט זיך די געמיינדע
פאַרזאַמלט קעגן משה, אהרן,
צום אוהל - מועד זיך געווענדט,
האָט באַלד אַ וואָלקן אים באַדעקט,
און ס'איז גאָטס הערלעכקייט דערשינען,
און משה, אהרן זיינען ביידע
אין אוהל - מועד גלייך אַריין.
און גאָט זאָגט משהן: שיידט זיך אָפּ
פון דער געמיינדע, וועל איך זיי
פאַרטיליגן בלויז אין איין רגע!
און זיי האָבן פאַר גאָט געקניט
און משה זאָגט צו אהרנען:
נעם באַלד אַ פאַן, לייג אין איר פייער,
אַראָפּגענומען, פון מזבח,
און שיט אָן רויכערוואַרג און טראָג
אַוועק גאַנץ גיך צו דער געמיינדע.
ווייל ס'איז גאָטס צאָרן שוין אַרויס
און ס'האָט די פּלאָג זיך אָנגעהויבן!
און אהרן האָט געכאַפּט די פאַן,
אַוועקגעלאָפן אין דער מחנה —
די פּלאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן —
האָט ער די רויכערוואַרג גערויכערט,
געבעטן פאַרן פאָלק, געשטעלט זיך
צווישן לעבעדיג און טויט
און האָט פאַרהאַלטן די מגפה.
און ס'זיינען פון דער פּלאָג געשטאָרבן
פערצן טויזנט זיבן הונדערט
אַחוץ די טויטע קרחס לייט,
און אַז די פּלאָג האָט זיך פאַרהאַלטן
האָט אהרן זיך צוריקגעקערט
צו משהן אינעם אוהל מועד.

## אַ שטעקן בליט.

נאָכדעם האָט גאָט געזאָגט צו משהן:
נעם בײַ די פירשטן שטעקענער,
צוועלף שטעקענער בײַ פירשטן צוועלף,

שרייב יעדנס נאָמען אויף זיין שטעקן
און „אהרן" אויפן לוי - שטעקן
און לייג זיי אינם אוהל - מועד,
וואו איך באַגעגן זיך מיט דיר, —
וועט זיך דער שטעקן פונם מאַן,
וואָס איך קלייב אויס, פאַנאַנדערבליען,
און איך וועל איינשטילן פון זיך,
די מורמלעניש פון בני - ישראל.
און משה האָט אַזוי געטאָן,
גענומען שטעקנס ביי די פירשטן,
געלייגט זיי אינם אוהל - מועד,
און אהרנס שטעקן צווישן זיי
צומאָרגנס זעט ער: אהרנס שטעקן
האָט זיך צובליט אין אוהל מועד,
מיט שפּראָצונגען און בלימעלעך,
מיט מאַנדלען אויסגעצייטיגטע.
און משה האָט אַרויסגעבראַכט
די שטעקענער פאַר כּל ישראל,
און אַלע האָבן עס געזען,
און איטלעכער נעמט צו זיין שטעקן.
און משה האָט, אין גאָטס באַפעל,
אַוועקגעלייגט אין אוהל - מועד,
דעם שטעקן אהרנס צו באַהאַלטן —
זאָל זיין פאַר ווידערשפּעניקע
אַ צייכן, ניט צו מורמלען מער
און ניט צו שטאַרבן אין גאָטס צאָרן.

---

## מי - מריבה.

און אַז דער פאָלק האָט זיך באַזעצט
אין קדש, איז געשטאָרבן מרים
און איז צו קבורה דאָרט געקומען.
איז דאָרט קיין וואַסער ניט געווען,
און ס'האָט דער פאָלק פאַרזאַמלט זיך
אויף משהן און אויף אהרנען,
מיט זיי געקריגט זיך און געזאָגט:
מיר וואָלטן בעסער דאָרט געשטאָרבן
מיט אַלע ברידער אונזערע,
צו וואָס געבראַכט אונז אין דער מדבר,
צו שטאַרבן דאָ מיט קינד און רינד?
צו וואָס געפירט אונז פון מצרים
אין שלעכטן אָרט דעמדאָזיגן,
אָן אָרט אָן זוימען און אָן פייגן,
אָן וויינשטאָקן, אָן מילגרוימען —
ניטאָ קיין וואַסער אויך צום טרינקען!
און משה איז מיט אהרנען
אַוועק פון פאָלק צום אוהל - מועד,
געפאַלן אויף די פּנימער —
און גאָט האָט זיך צו זיי באַוויזן
און האָט אַזוי געזאָגט צו משהן:
נעם מיט דעם שטעקן, קלייב צונויף
דעם גאַנצן פאָלק מיט אהרנען,
און רעד פאַר זיי צום פעלזן דאָרט
און זאָל ער געבן פון זיך וואַסער
און דו וועסט אָנטרינקען דעם פאָלק.
און משה האָט אַזוי געטאָן,
צונויפגעזאַמלט פאַרן פעלז
דעם פאָלק, דעם שטעקן מיטגענומען,
געזאָגט: הערט, ווידערשפּעניקע!
צי זאָלן מיר פון אָט דעם פעלז
אַרויסברייינגען פאַר אייך דאָ וואַסער?
און משה האָט זיין האַנט געהויבן,
דעם פעלז געשלאָגן מיטן שטעקן
צוויי מאָל, האָט ער געשטראָמט מיט וואַסער,

און ס'האָט געטרונקען די געמיינדע
און ס'האָט געטרונקען אויך די פי.
און גאָט זאָגט באַלד צו משה - אהרן:
ווייל איר האָט ניט געגלויבט אין מיר,
צו הייליגן מיך פאַרן פאָלק,
וועט איר דעם פאָלק דעמדאָזיגן
ניט ברענגען אין דער לאַנד אַריין,
וואָס איך האָב אָפּגעגעבן זיי.
אָט דאָס איז עס די ,,קריג־וואַסער'',
וואָס ס'האָט געקריגט דער פאָלק ישראל
אַנטקעגן גאָט פונוועגן וואַסער.

## אדום לאָזט ניט.

און ס'האָט דער פאָלק געשיקט פון קדש
צום קיניג אדומס, אים צו זאָגן:
הער אויס ישראלן, דיין ברודער:
דו ווייסט די פיין, וואָס אונז געטראָפן:
די פאָטערס קומען קיין מצרים,
מיר זיצן דאָרט אַ לאַנגע צייט,
די מצרים טוען אונז אָן שלעכטס,
און מיר האָבן צו גאָט געשריען
און ער האָט אונזער קול דערהערט,
געשיקט אַ מלאך און האָט אונז
אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים,
און אָט איצט שטייען מיר אין קדש —
אַ שטאָט ביים עק פון גרענעץ דיינעם;
לאָז אונז נאָר דורכגיין אין דיין לאַנד,
מיר גייען ניט אין פעלד און כּרם,
מיר טרינקען ניט קיין ברונים - וואַסער,
מיר גייען מיטן וועג פון קיניג,
פאַרנעמען זיך ניט רעכטס און לינקס
ביז מיר גייען אַדורך דיין גרענעץ.

און אדום ענטפערט: גיי ניט דורך,
ווייל איך וועל מיטן שווערד דיך טרעפן!
און ס'ענטפערן די זין ישראלס:
מיר גייען נאָר אין גלייכן וועג,
און אויב מיר טרינקען דיינע וואַסער,
סיי די מענטשן, סיי די פי,
וועלן מיר דערפאַר באַצאָלן;
לאָז אונז מיט די פיס נאָר דורכגיין!
זאָגט ער: ,,גייט ניט!'' און אַרויס
אַנטקעגן אים מיט שווערן פאָלק.
אזוי האָט אדום ניט געלאָזט
ישראלן זיין גרענעץ דורכגיין —
ישראל איז פון אים אַוועק.

## אהרנס טויט.

און ס'איז דער פאָלק אַוועק פון קדש
און אָנגעקומען צום באַרג הור,
וואָס אויפן גרענעץ פון לאַנד אדום.
און משה איז, אין וואָרט פון גאָט,
מיט אהרן און זיין זון אלעזר
אַרויפגעגאַנגען צום באַרג הור,
ווען ס'האָט דער גאַנצער פאָלק געזען,
האָט אָפּגעצויגן אהרנס קליידער
און אָנגעקליידט זיין זון אלעזר,
און אהרן איז געשטאָרבן דאָרט
ביים שפיץ פון באַרג, ווייל ער האָט ניט
געפאָלגט גאָטס וואָרט ביי ,,קריג־וואַסער''
און משה און אלעזר זיינען
אַראָפּ צוריק פון באַרג צום פאָלק
און ס'האָט דער גאַנצער פאָלק געזען,
אַז אהרן איז געשטאָרבן און
האָט אים באַוויינט אַ חודש טעג.

## דער קופערנער שלאַנג.

און ס'איז דער פאָלק אַוועק פון הור,
פאַרבייציוגיין די אדום - לאַנד,
און איז פון וועג געוואָרן מיד,
גערעדט אַנטקעגן גאָט און משהן:
צו וואָס געבראַכט אונז פון מצרים,
צו שטאַרבן אין דער מדבר דאָ?
מיר האָבן ניט קיין ברויט און וואַסער
און ס'עקלט אונז פון גרינגן ברויט! —
און גאָט האָט אָנגעשיקט אויף זיי
די גיפטיג - ברענענדיגע שלאַנגען,
און זיי האָבן דעם פאָלק צוביסן,
און ס'זיינען מאַסן אויסגעשטאָרבן.
און ס'האָט דער פאָלק געזאָגט צו משהן:
מיר זיינען זינדיג, ווייל גערעדט
אַנטקעגן גאָט און דיר אַנטקעגן!
דו בעט צו גאָט, זאָל ער פון אונז
דעם שלאַנג דעם גיפטיגן פאַריאָגן.
האָט משה פאַרן פאָלק געבעטן,
זאָגט גאָט צו משהן: מאַך אַ שלאַנג
און טו אים אויף אַ שטאַנג אַרויף;
און ווער עס ווערט געביסן, זאָל
אויף אים נאָר קוקן, בלייבט ער לעבן!
און משה מאַכט אַ שלאַנג פון קופער
און טוט אים אויף אַ שטאַנג אַרויף
און אַז אַ שלאַנג צובייסט אַ מענטשן,
קוקט דער געביסענער אַרויף
צום שלאַנג פון קופער און בלייבט לעבן.

---

## סיחון און עוג.

און ס'האָט דער פאָלק געשיקט צו סיחון,
דעם קיניג פון אמורי, זאָגן:
לאָמיר נאָר דורכגיין אין דיין לאַנד,
ניט אָפּנויגן אין פעלד און כרם,
ניט טרינקען וואַסער פון אַ ברונים,
נאָר גיין גלייך מיטן וועג פון קיניג,
ביז מיר וועלן דיין גרענעץ דורכגיין.
האָט סיחון ניט געלאָזט ישראל
זיין גרענעץ דורכגיין, האָט פאַרזאַמלט
זיין גאַנצן פאָלק, אַרויס אין מדבר,
געפירט מלחמה מיט ישראל.
ישראל שלאָגט אים מיטן שווערד,
נעמט צו פון ארנון ביז אין יבוק,
די גאַנצע לאַנד, ביז עמונס גרענעץ,
ווייל שטאַרק איז דאַמאָלס עמונס גרענעץ.
ישראל נעמט אָפּ אַט די שטעט,
באַזעצט זיך אין אמורי'ס שטעט,
אין חשבון און פראָווינצן אירע;
ווייל חשבון איז אַ שטאָט פון סיחון,
וואָס האָט אַמאָל געפירט מלחמה
אַנטקעגן ערשטן קיניג מואבס
און האָט די לאַנד ביי אים פאַרנומען.
דעריבער פלעגן דיכטערס זאָגן:

אין חשבון גייט
זי ווערט געבויט,
זי ווערט באַפעסטיגט
די שטאָט פון סיחון!
אַ פייער גייט
אַרויס פון חשבון
אַ פלאַקער קומט
פון סיחונס שטאָט
זעט ווי עס פרעסט
די שטאָט פון מואב
ווי עס פאַרצערט

די הויך פון ארנון!
אוי ווי דיר, מואב,
דו פאָלק פון כמוש,
דו ביסט פארלוירן:
עס זיינען פליטים דיינע זין,
די טעכטער אין געפאַנגענשאַפט
ביי סיחון, קיניג פון אמורי.
געשאָסן זיי — פאַרלוירן חשבון,
פאַרוויסט ביז נפח און ביז מידבא.
**אזוי איז ישראל געזעסן**
**אין לאַנד פון אמורי**
**האָט משה געשיקט**
**און האָט אויסגעפאָרשט יעזר**
**באַצוואונגען די שטעטלעך,**
פאַריאָגט דעם אמורי.
געגאַנגען קיין בשן
איז עוג קיניג בשנס
ארויס זיי אנטקעגן
מיט זיין גאַנצן פאָלק
צו האַלטן מלחמה.
האָט משה געקלאַפּט אים
מיט זיין גאַנצן פאָלק,
קיין רעשט ניט געלאָזן,
פאַרנומען זיין לאַנד.
ישראל האָט ווייטער **געצויגן**
געלאַגערט אין סטעפּעס **פון מואב**
פון יענער זייט ירדן־יריחו.

## בלעם.

האָט בלק, זון צפורס, דער קיניג פון מואב,
געזען וואָס ישראל געטאָן צו אמורי,
און ס'האָט אים געגרוילט פאַר די קינדער ישראלס,
און ער האָט געזאָגט צו די זקנים פון מדין:
„איצט וועלן זיי אָפּפרעסן אַלץ ארום אונז,
ווי ס'פרעסן די אָקסן די גרינס פונם פעלד".
האָט ער געשיקט שלוחים צו בלעם, זון בעורס,
קיין פתור אים צו רופן,
און זאָגן אים: זע, ס'גייט אַ פאָלק פון מצרים,
ער זיצט מיר אַנטקעגן, פאַרדעקט מיר די שיין;
קום, שילט מיר דעם מעכטיגן פאָלק,
מיר זאָלן אים שלאָגן, פאַרטרייבן פון לאַנד;
ווייל כ'ווייס דאָך, אַז וועמען דו בענטשסט איז געבענטשט
און וועמען דו שילטסט איז געשאָלטן.

*

און ס'זיינען די זקנים פון מואב און מדין

געגאַנגען מיט כּשוף אין האַנט,
געקומען צו בלעם, אים איבערגעגעבן
די ווערטער פון בלק.
האָט ער זיי געזאָגט: נעכטיגט איבער די נאַכט,
און איך וועל אייך געבן אַן ענטפער,
ווי גאָט וועט מיר הייסן,
און ס'זיינען די שרים פאַרבליבן ביי בלעם,
און גאָט האָט ביינאַכט זיך באַוויזן צו בלעם,
געפרעגט אים: ווער זיינען די מענטשן ביי דיר?
האָט בלעם געענטפערט: ס'האָט בלק זון צפּורס,
דער קיניג פון מואב, געשיקט זיי צו מיר,
געזאָגט מיר: אָט גייט דאָרט אַ פאָלק פון מצרים,
פאַרדעקט מיר די שיין פון דער וועלט; קום און שילט אים,
וועל איך אים באַקעמפן, פאַרטרייבן פון לאַנד,
און גאָט זאָגט צו בלעם: דו גיי ניט מיט זיי,
און שילט ניט ישראל, ווייל ער איז געבענטשט,
האָט בלעם זיך אויפגעכאַפּט פרי און געענטפערט
די שרים פון בלק: צוריק גייט אַהיים,
ווייל ס'לאָזט מיך ניט גאָט גיין מיט אייך.

*

און ס'זיינען די שרים געקומען צו בלק,
געזאָגט: „בלעם האָט ניט געוואָלט גיין מיט אונז”
האָט בלק געשיקט צו אים אַנדערע שרים,
מער צאָלרייך און אויך מער געאַכפּערט פון יענע,
זיי זיינען געקומען, געזאָגט:
ס'האָט בלק, זון צפּורס, דיך האַרציג געבעטן,
דו זאָלסט זיך ניט אָפּזאָגן מיטגיין מיט אונז,
וועסט כּבוד באַקומען און אַלץ, וואָס דו ווילסט;
דו קום נאָר און שילט מיר דעם פאָלק.
האָט בלעם געענטפערט: „מעג בלק מיר געבן
זיין שטוב פול מיט זילבער און גאָלד,
כ'וועל ניט איבערטרעטן די מויל פון מיין גאָט,

צו טאָן עפּעס קליינס, אָדער גרויס׳ס;
איך בלייבט דאָ די נאַכט,
כ׳וויל נאָכאַמאָל הערן גאָטס וואָרט״.
און גאָט האָט ביינאַכט זיך באַוויזן צו בלעם,
געזאָגט אים: אויב ס׳קומען די לייט דיך צו רופן,
טאָ גיי מיט זיי, אָבער וואָס כ׳זאָג דיר, דאָס טו״.

*

און בלעם האָט אויפגעכאַפּט זיך אינדערפרי,
געזאָטלט דעם אייזל, אַוועק מיט די שרים.
האָט גאָט עס פאַרדראָסן, וואָס ער גייט מיט זיי,
און ס׳האָט זיך אַ מלאך געשטעלט,
אין וועג, אים צו שטערן.
ער רייט אויפן אייזל,
צוויי יונגען מיט אים. זעט דער אייזל: אָט שטייט
דער מלאך, אַ שווערד אין זיין האַנט,
פאַרבויגט זיך דער אייזל פון וועג אויפן פעלד,
שלאָגט בלעם דעם אייזל און טרייבט אים צום וועג.
און ס׳שטעלט זיך דער מלאך אין שטעגל פון כּרם,
אַ פּאַרקאַן פון ד ע ר זייט, אַ פּאַרקאַן פון יענער.
דערזעט אים דער אייזל און דריקט זיך צום וואַנט,
און קוועטשט בלעמס פוס, און ער שלאָגט אים אויפסניי,
און ווידער פאַרנעמט זיך דער מלאך,
און שטעלט זיך אין וועג, וואו ס׳איז ענג,
ניטאָ דאָרט קיין אויסגאַנג אויף רעכטס און אויף לינקס.
און ווי ס׳זעט דער אייזל דעם מלאך,
לייגט ער זיך אַנידער,
און ס׳ברענט בלעמס צאָרן,
און ער שלאָגט דעם אייזל גאָר שטאַרק, מיטן שטעקן.

*

און פּלוצים האָט גאָט
געעפנט דעם אייזל די מויל
און ער זאָגט צו בלעם:

וואָס האָב איך געטאָן דיר,
וואָס האָסט מיר געשלאָגן דריי מאָל?
זאָגט בלעם צום אייזל: ווייל דו שפּעטעסט פון מיר;
ווען איך האָב אַ שווערד, וואָלט איך איצט דיך דערהרגעט,
זאָגט ווידער דער אייזל צו בלעם:
בין איך ניט דיין אייזל
וואָס דו האָסט געריטן אויף מיר
פון יוגנט ביז היינט?
צי איז עס מיין שטייגער
צו טאָן דיר אַזוינס?
ער ענטפערט אים: ניין!
און גאָט האָט געעפנט די אויגן פון בלעם,
דערזעט ער דעם מלאך, וואָס שטייט אים אין וועג,
אין האַנט אַ געצויגענע שווערד,
ער בוקט זיך און קניט פאַרן מלאך.
און ס'זאָגט אים דער מלאך:
„וואָס האָסטו דיין אייזל געשלאָגן דריי מאָל?
זע, א י ך שטיי דאָך דיר פאַר אַ שטער,
ווייל קרום איז דיין וועג קעגן מיר,
און ס'האָט מיך דער אייזל געזען,
געווייכט מיך דריי מאָל;
וואָלט ער ניט געווייכט מיך, וואָלט איך דיך דערהרגעט,
און אים וואָלט איך לעבן געלאָזט".
האָט בלעם געענטפערט דעם מלאך:
„כ'בין זינדיג, ווייל כ'האָב ניט געוואוסט,
אַז דו שטייסט אַנטקעגן,
און איצט, אויב ס'געפעלט דיר ניט, גיי איך צוריק".
און ס'זאָגט אים דער מלאך: דו גיי מיט די לייט,
און נייערט דעם וואָרט וואָס איך וועל צו דיר ריידן,
נאָר דאָס מעגסטו זאָגן".

*

איז בלעם געגאַנגען מיט בלקס לייט ווייטער,

האָט בלק געהערט, אַז ס׳קומט בלעם,
און ער איז אַרויס אים אַנטקעגן,
צום גרענעץ פון לאַנד, און געזאָגט אים: איך האָב דאָך
געשיקט נאָך דיר שרים, וואָס ביסט ניט געקומען?
צי מיינסטו, איך קען דיר ניט אָפּגעבן כּבוד?
האָט בלעם געענטפערט:
„און איצט, אַז איך בין שוין געקומען,
צי וועל איך אַ וואָרט קענען ריידן?
נאָר דעם וואָרט, וואָס גאָט וועט מיר לייגן אין מויל,
וועל איך קענען זאָגן״.
איז בלעם געגאַנגען מיט בלק,
געקומען קיין חוצות,
האָט בלק געשאָכטן
פון רינדער און שאָף און געשיקט
צו בלעם און אויך צו די שרים מיט אים,
אויף מאָרגן איז בלק געגאַנגען מיט בלעם,
אַרויפגעבראַכט אים אויף די הויכן פון בעל,
און ער האָט געזען דאָרט דעם עק פונם פאָלק.

*

זאָגט בלעם צו בלק:
„בוי אויף פאַר מיר זיבן מזבחות,
גרייט צו זיבן אָקסן און זיבן באַראַנעס״.
האָט בלק געטאָן, ווי ס׳האָט בלעם באַפוילן,
און זיי האָבן אויפגעבראַכט, בלק און בלעם,
צו אָקס און צו באַראַן אויף איטלעכן מזבח.
זאָגט בלעם: „בלייב שטיין ביי דיין עולה,
און איך וועל מיר גיין, אפשר טרעף איך דאָרט גאָט,
ער ווייזט מיר אַ וואָרט, וועל איך עס דיר באַלד זאָגן״.
און ער איז אַוועק אין די הויכקייטן שטילע.
האָט גאָט זיך געטראָפן צו בלעם,
זאָגט בלעם: „כ׳האָב זיבן מזבחות געשטעלט,
אויף יעדן אַן אָקס און אַ באַראַן געבראַכט״.

און גאָט האָט אַ וואָרט אים געלייגט
אין מויל און געזאָגט: „גיי צו בלק צוריק,
און דאָס זאָלסטו ריידן".
איז בלעם געגאַנגען, און אָט ביי דער עולה
שטייט ער מיט די שרים פון מואב,
הויבט ער אָן זיין משל און זאָגט:
„פון ארם פאַרבעט מיך בלק,
מואבס קיניג פון בארג קדם:
קום און שילט מיר יעקב,
קום און פלוך ישראל!
ווי - זשע שילטן, אויב גאָט שילט ניט?
ווי - זשע פלוכן, אויב גאָט פלוכט ניט?
כ'זע דאָך אים פון פעלזן - שפּיץ,
פון די הייך באַקוק איך אים:
אָט אַ פאָלק, וואָס וואוינט אַליין,
מיט די פעלקער קיין חשבונות.
ווער קען ציילן יעקבס שטויב
און ווער מעסט ישראלס לאַגער?
איך ווינטש זיך זיין פרומען טויט,
און מיין ענד זאָל זיין ווי זיינער".

*

זאָגט בלק צו בלעם: „וואָס האָסטו געטאָן?
איך האָב דיך גענומען, צו שילטן מיין פיינט,
האָסטו אים אַ ברכה געגעבן!"
האָט בלעם געענטפערט: „כ'האָב דיר דאָך געזאָגט:
וואָס גאָט לייגט אין מויל מיר, נאָר דאָס מוז איך ריידן".
זאָגט בלק: „קום איצט אין אַן אָרט,
אַן אַנדערן, וואו דו וועסט זען
פון פאָלק בלויז דעם עק, אָבער ניט אים אינגאַנצן, —
וועסט קענען פון דאָרטן אים שילטן"
האָט ער אים געבראַכט צום פעלד צופים,
געפירט אויפן שפּיץ פון דער פסגה,

און אויפגעשטעלט זיבן מזבחות,
געבראַכט אָקס און באַראַן אויף איטלעכס מזבח,
זאָגט בלעם צו בלק: בלייב דאָ ביי דיין עולה,
און איך וועל אַרומוואַנדלען דאָרט."
האָט גאָט זיך געטראָפן צו בלעם, געליינט
אַ וואָרט אים אין מויל און געזאָגט:
גיי ווידער צו בלק און דאָס זאָלסטו ריידן:
איז בלעם געגאַנגען און אָט ביי דער עולה,
שטייט ער מיט די שרים פון מואב.
פרעגט בלק: „וואָס האָט גאָט גערעדט"?
הויבט ער אָן זיין משל און זאָגט:

*

„שטעל זיך בלק און פאַרנעם.
האָרך צו מיר, דו צפורס זון!
גאָט איז ניט קיין מאַן וואָס לייקנט,
ניט קיין מענטשן־זון, וואָס חוזרט,
אַז ער זאָגט — זאָל ער ניט טאָן?
אַז ער רעדט, — זאָל ער ניט האַלטן?
כ'האָב אַ ברכה היינט גענומען,
ווייל געבענטשט האָט ער דעם פאָלק,
ווי קען איך עס איבערמאַכן?
ניט ער זעט אַ שולד אין יעקב,
ניט אַ שאַנד - פלעק אין ישראל;
ס'איז אַצינד מיט אים זיין גאָט,
איז אין אים אַ קיניג - שאַל,
גאָט, וואָס פירט אים פון מצרים,
שיצט אים, ווי אַ באַרג דעם ביפלאָקס,
קיין פאַררײַדעניש אין יעקב,
און קיין כשוף אין ישראל,
ס'ווערט אַצינד געזאָגט אין יעקב,
אין ישראל: וואָס טוט גאָט?
שטעלט דער פאָלק זיך, ווי אַ לעמפערט,

און דערהויבט זיך, ווי א לייב,
לייגט זיך ניט צוריק אנידער,
ביז די צוק - פלייש אויפגעגעסן,
און די רויב - בלוט אויסגעטרונקען.

*

זאָגט בלק צו בלעם: „ניט שילט אים, ניט בענטש אים!"
און ס'ענטפערט אים בלעם: איך האָב דאָך געזאָגט:
„וואָס גאָט וועט מיר הייסן, נאָר דאָס וועל איך טאָן".
זאָגט בלק צו בלעם:
„איך וועל דיך אצינד אין אן אנדער אָרט נעמען,
וועט אפשר געפעלן זיין גאָט,
און דו וועסט פון דאָרט מיר אים שעלטן."
און בלק נעמט בלעם און פירט אים ארויף
צום שפיץ פון פעור, וועלכער קוקט אויף ישימון,
זאָגט בלעם צו בלק:
„שטעל אויף פאַר מיר זיבן מזבחות,
גרייט צו זיבן אָקסן און זיבן באַראַנעס"
האָט בלק געטאָן, ווי ס'האָט בלעם געהייסן,
געבראַכט אָקס און באַראַן אויף איטלעכס מזבח,
האָט בלעם געזען, אַז ס'געפעלט בעסער גאָט,
צו בענטשן ישראל; איז ער ניט געגאַנגען,
אַנטקעגן פאַררײדעניש, ווי איטלעכס מאָל;
ער האָט זיך געווענדט מיטן פנים צום מדבר,
געהויבן די אויגן, געזען, ווי ישראל
ליגט שבט ביי שבט, איז אויף אים געקומען
גאָטס גייסט, און ער הויבט אָן זיין משל און זאָגט:
אַ וואָרט פון בלעם, זון פון בעור,
אַ וואָרט פון מאַן, דעם אויג - פאַרמאַכטן,
אַ וואָרט פון דעם, וואָס הערט גאָטס רייד,
זעט דעם אַלמעכטיגן און פילט,
און ס'עפענען זיך אים די אויגן:
ווי שיין די געצעלטן דיינע יעקב!

דיינע רו ־ פּלעצער, ישׂראל!
ווי מייכן, וואָס צוגיסן זיך,
ווי גערטענער אויף שטראָמען,
ווי די אַלאָע ־ פלאַנץ פון גאָט,
און ווי די צעדערן אויף פייכטקייט,
זיין עמער גייט מיט וואסער איבער,
זיין זוימען וואקסט אויף פעטן באָדן,
זיין קיניג שטייגט אגגן איבער,
און ס'ווערט דערהויבן זיין מלוכה,
זיין גאָט, וואָס פירט אים פון מצרים,
באַשיצט אים, ווי אַ באַרג דעם ביפלאָקס,
און ער פרעסט פעלקער זיינע פיינט,
פאַרוואונדעט זיי מיט זיינע פיילן,
די ביינער זייערע צוקנאַקט ער,
ער קניט און ליינט זיך ווי אַ לייב,
אַ לעמפּערט — ווער שטעלט אים אוועק?
ווער ס'בענטשט דיך, איז אליין געבענטשט,
און שילט דיך ווער—דער בלייבט פאַרשאָלטן.

*

האָט בלק געצערנט אויף בלעם,
געפּאַטשט אין די הענט און געזאָגט:
„איך האָב דיך גערופן צו שילטן מיין פיינט
און דו האָסט געבענטשט אים דריי מאָל נאָכאַנאַנד,
אַנטלויף ־ זשע צוריק אין דיין היים!
כ'האָב צוגעזאָגט געבן דיר כבוד,
האָט גאָט דיך פון כבוד פאַרמיטן!"
זאָגט בלעם צו בלק: „האָב איך ניט געוואָרנט
די שלוחים, וואָס דו האָסט געשיקט מיר קיין פּתור:
מעג בלק מיר געבן
זיין שטוב פול מיט זילבער און גאָלד,
כ'וועל ניט איבערטרעטן
די מויל פון מיין גאָט, צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס!

איצט גיי איך צוריק צו מיין פֿאָלק;
פֿאַרנעם ־ זשע מיין ראָט — — —
וואָס ס'וועט נאָך דער פֿאָלק טאָן דיין פֿאָלק
אין שפּעטערע צייטן"
ער הויבט אָן זיין משל און זאָגט:

*

אַ וואָרט פֿון בלעם, זון פֿון בעור,
אַ וואָרט פֿון מאַן דעם אויג ־ פֿאַרמאַכטן,
וואָס הערט גאָטס רייד און ווייס גאָטס וויסן,
זעט דעם אַלמעכטיגן און פֿאַלט
און ס'עפֿענען זיך אים די אויגן.
אָט זע איך עס — עס איז ניט נאָענט,
אָט בליק איך עס — עס איז ניט איצט,
אין יעקב גייט אַ שטערן אויף
אַ צעפּטער שטעלט זיך אין ישראל,
צוקלאַפּט די גרענעצן פֿון מואב,
צושמעטערט פֿעסטונגען פֿון שת,
און ס'בלייבט די אדום ־ לאַנד פֿאַרפֿרעמדט,
פֿאַרנומען שעיר דורכן פֿיינט, —
ישראל בלויז איז פֿול מיט מאַכט,
געוועלטיגן וועט יעקבס שטאַם,
פֿאַרטיליגן דעם איבערבלייב
פֿון זיינע פֿיינט אין איטלעכס שטאָט.

*

דערזען עמלק, הויבט ער אָן זיין משל
און זאָגט:

עמלק איז דער שטאַרקסטער פֿאָלק,
זיין סוף איז אָבער אונטערגאַנג —

*

דערזען דעם קיני, הויבט ער אָן זיין משל
און זאָגט:

דיין זיץ איז פֿעסט,

אין פעלז דיין נעסט:
און דאָך ווערט קין אויסגעראמט —
ווי גרינג וועט אשור פאַנגען אים.

*

און ער הויבט נאָך זיין משל אָן
און זאָגט:
אוי! — —
ווער בלייבט לעבן,
ווען גאָט ברייגגט עס?
קומען שיפן
פון לאַנד כתים,
שלאָגן אשור,
שלאָגן עבר,
גייען אויך אליין צום אָפּגרונט! — —

*

איז בלעם געגאַנגען צוריק אין זיין היים,
און בלק האָט אויך אין זיין וועג זיך געלאָזן.

---

## מואבס טעכטער.

און אין שיטים זיצנדיג,
איז דער פאָלק פאַרפירט געוואָרן
דורך די שיינע טעכטער מואבס,
איז דער פאָלק מיט זיי געגאַנגען
צו די שעכטונגען פון געטער
און געגעסן און געטרונקען
און געבוקט זיך צו די געטער
און געקלעפּט זיך צום בעל - פעור.
האָט געצערנט גאָט אויף זיי
און האָט משהן אָנגעזאָגט:
נעם די עלצטע לייט פון פאָלק,
הענג זיי אויף אַנטקעגן זון,
וועט גאָטס צאָרן ווערן שטילער.

און ס׳זאָגט משה צו די שופטים
פון ישראל: איר זאָלט טויטן
איטלעכער די מענטשן זיינע,
וואָס געקלעפּט זיך צום בעל - פעור.
און געקומען איז אַ מאַן
און געבראַכט צו זיינע ברידער
אַ מדינית פאַר די אויגן
פונם גאַנצן פאָלק ישראל,
וועלכע וויינען, שטייענדיג
פאַר דער טיר פון אוהל מועד.
און ווען פינחס, זון אלעזר׳ס,
אהרנס זון, האָט עס דערזען,
שטייט ער אויף פון מיטן פאָלק,
נעמט אין האַנט אַריין אַ שפּיז,

ניט אריין נאָך יענעם מאַן
אין געצעלט פון דער מדינית
און האָט ביידן דאָרט דערשטאָכן,
האָט די פּעסט זיך באַלד פאַרהאַלטן.
איז געווען די צאָל פון טויטע
דאַמאָלס — פיראונצוואַנציג טויזנט.
און ס'האָט גאָט געזאָגט צו משהן:
פּינחס האָט געשטילט מיין צאָרן,
האָט פאַר מיר זיך אָנגענומען,
און איך האָב די זין ישראלס
ניט פאַרטיליגט אין מיין אייפער,
גיב איך אים מיין בונד פון שלום,
זאָל פאַר אים און פאַר זיין נאָכקום
זיין דער כהונה - בונד אויף אייביג!
און דער נאָמען פונם מאַן,
וואָס געכאַפּט ביי דער מדינית,
רופט זיך זמרי, זון פון סלוא,
פירשט פון שטאַם - הויז אין שמעוני,
און דער נאָמען פון דער פרוי,
די מדינית די געכאַפּטע,
רופט זיך כּזבי טאָכטער צורס,
פירער פון די מדין פעלקער
און ס'האָט גאָט געזאָגט צו משהן:
פייניג די מדינים, שלאָג זיי,
ווייל זיי האָבן אייך געפייניגט
מיט די פלענער וואָס געפּלאַנט
קעגן אייך מיט פּעור און כּזבי
יענעם טאָג פון דער מגפה! —

## משה און יהושע

און ס'האָט גאָט געזאָגט צו משהן:
גיי אַרויף צום באַרג עברים
און זאָלסט דאָרט די לאַנד באַקוקן,
וואָס איך גיב די זין ישראלס
זאָלסט איר זען און נאָכדעם שטאַרבן,
ווי געשטאָרבן איז דיין ברודער
אהרן, ווייל איר ביידע האָט ניט
מיך געפאָלגט אין מדבר צין, —
ווען געקריגט האָט די געמיינדע, —
מיך צו הייליגן מיט וואַסער
פאַר די אויגן פונם פאָלק.
רופט זיך משה אָן צו גאָט:
זאָל דער גאָט פון אַלע גייסטער
אויפן פאָלק אַ מאַן באַשטימען,
וואָס זאָל גיין פאַר זיי און קומען,
וואָס זאָל פירן זיי און ברענגען;
זאָל ניט ווערן גאָטס געמיינדע,
ווי די שאָף וואָס אָן אַ פּאַסטוך.
און ס'האָט גאָט געזאָגט צו משהן:
נעם יהושען, זון פון נון,
וועלכער איז אַ מאַן מיט גייסט,
שפּאַר אויף אים אָן דיינע הענט,
שטעל אים פאַר אלעזרן,
אהרנס זון, און פאַרן פאָלק,
גיב פאַר זיי אים די באַפעלן,
שייד אָפּ פון דיין גלאַנץ אויף אים, —
זאָל אים די געמיינדע פאָלגן.
און אלעזר זאָל פאַר אים
פרעגן ביי די אורים תומים,
און לויט זיין וואָרט גייען, קומען
ער מיט אַלע זין ישראלס.
משה האָט אַזוי געטאָן,
האָט אַוועקגעשטעלט יהושען
פאַר אלעזרן דעם כהן

און דעם גאַנצן פּאָלק ישׂראל
אַנגעשפּאַרט אויף אים די הענט
און נענעבן אים באַפעלן, —
אַלץ ווי גאָט האָט אים באַפוילן.

## עבר הירדן.

און די זין פון גד און ראובן
האָבן פי געהאַט אַ סך,
און געזען אין יעזר, גלעד
באַרן פּאַסיגן פאַר פי,
האָבן זיי געזאָגט צו משהן,
צו אלעזר און די פירשטן:
אויב מיר האָבן חן ביי דיר,
זאָל מען דאָ אונז געבן לאַנד,
אונז ניט פירן איבער ירדן.
רופט זיך משה אָן צו זיי:
צי די ברידער אייערע
זאָלן אין מלחמה גיין,
און איר וועט אָט דאָ פאַרבלייבן?
און פאַרוואָס זאָלט איר דעם פאָלק
מאַכן אָפּהענטיג פון גיין?
אין דער לאַנד, וואָס גאָט שענקט זיי?
ווילט איר זיין ווי די מרגלים,
וואָס איך האָב געשיקט פון קדש;
האָבן זיי די לאַנד באַקוקט,
אָפּהענטיג געמאַכט דעם פאָלק,
ניט צו גיין און איר פאַרנעמען
און דערפאַר האָט גאָט געצערנט
און געשוואָרן, אַז די אַלע,
חוץ יהושע און אויך כּלב,
וועלן אין דער לאַנד ניט קומען
נאָר אין מדבר אויסשטאַרבן.
זייט איר אויפגעשטאַנען איצט,
אַ געזינדל שלעכטע מענטשן,
צו פאַרגרעסערן גאָטס צאָרן,
און דער פאָלק זאָל ווייטער מוזן
אין דער מדבר וואַנדרעווען?
האָבן זיי דערנענטערט זיך
און געזאָגט: מיר וועלן שטאַלן
אויסבויען פאַר אונזער פי
און אויך שטעט פאַר ווייב און קינד
און מיר זעלבער וועלן זיך
פאַרן פאָלק באַוואָפנען
און אים ברענגען אויפן אָרט,
און אַז ס'וועט דער פאָלק פאַרנעמען
איטלעכער זיין נחלה, דאַמאָלס
קומען מיר צוריק אַהער.
רופט זיך משה אָן צו זיי:
אויב איר וואָפנט זיך צום קאַמף
און איר גייט דעם ירדן איבער
ביז דער פאָלק פאַרטרייבט דעם פיינט,
נאָכדעם ערשט קומט איר צוריק,
וועט איר בלייבן ריין פאַר גאָט
און איר מעגט די לאַנד פאַרנעמען;
בויט זיך שטעט פאַר ווייב און קינד,
בויט אויך שטאַלן פאַר די פי, —
איר מוזט אָבער האַלטן וואָרט!
און ס'האָט משה אָפּגעגעבן
צו די זין פון גד און ראובן
און פון האַלבן שבט מנשה
דעם געביט פון קיניג סיחון
און די לאַנד פון קיניג עוג,
און זיי האָבן שטעט געבויט
און באַזעצט דאָרט ווייב און קינד.

## משה זעגנט זיך.

און משה האָט דעם פֿאָלק גערופֿן
און אים געזאָגט: איר האָט געזען
די גרויסע פּרובן, צייכנס, וואונדער,
וואָס גאָט האָט אין מצרים־לאַנד
באַוויזן פּרעה׳ן און די קנעכט;
האָט גאָט אייך אָבער ניט געגעבן
קיין האַרץ, קיין אויערן און אויגן,
דאָס אַלץ צו וויסן, הערן, זען.
און איך האָב אייך אַרומגעפירט
אין מדבר פערציק יאָר — און שוך
און קלייד איז ניט צופוילט אויף אייך.
די גאַנצע צייט קיין ברויט געגעסן
און ניט געטרונקען וויין און ביר,
און אַז עס זיינען סיחון, עוג
אַרויס אַנטקעגן אייך אין קריג
האָט איר צעקלאַפּט זיי און די לענדער
פֿאַרנומען און אַוועקגעגעבן
צו ראובן, גד און האַלב מנשה.
היינט שטייט איר אַלע דאָ פֿאַר גאָט,
די הויפּטלייט, עלצטע און די שוטרים,
די ווייבער, קינדער און די פֿרעמדע,
פֿון האָלץ־העקער ביז וואַסער־שעפּער —
גאָטס בונד און שבועה אויפֿצונעמען,
צו מאַכן דיך צום פֿאָלק ביי אים,
און ער זאָל זיין ביי דיר א גאָט.
און ניט מיט אייך אַליין שלים איך
אַצינד דעם בונד און אויך די שבועה,
נאָר מיט די אַלע, וואָס פֿאַראַן
און וואָס ניטאָ היינט צווישן אונז
און אויב פֿאַראַן ביי אייך א וואָרצל,
וואָס פֿרוכפּערט גיפֿטיגקייט און ווערמוט
און נאָכן אויסהערן די שבועה
וועט ער באַרימען זיך אין האַרצן:
עס וועט מיר גוט זיין, אויב איך וועל
גיין נאָך דער ווילדקייט פֿון מיין האַרצן?
וועט גאָט אים קיינמאָל ניט פֿאַרגעבן
עס וועט זיין צאָרן רויכערן
אין יענעם מאַן און ס׳פֿאַלט אויף אים
די גאַנצע קללה פֿונם בוך.
און אַז דו וועסט אין פֿרעמדער לאַנד
זיך אומקערן צוריק צו גאָט
און פֿאָלגן די געבאָטן זיינע,
וועט ער דיך ווידער ליב קריגן
און אויפֿקלייבן דיך פֿון די פֿעלקער
וואו ער האָט דיך צעזייט פֿאַרשפּרייט,
אויב דיין פֿאַרשטויסענער וועט זיין
אין עק פֿון הימל, וועט דאָרט גאָט
צונויפֿקלייבן און נעמען דיך
און וועט באַשניידן אייך די הערצער
צו ליבן אים מיט לייב און לעבן
און וועט דיר געבן גרויסע שפֿע
אין אַלע ווערק פֿון דיינע הענט,
אין פֿרוכט פֿון לייב, אין פֿרוכט פֿון פֿי
אין פֿרוכט פֿון ערד — אַלץ נאָר צו גוטן
איך שטעל פֿאַר עדות ערד און הימל:
כ׳גיב אייך דעם לעבן און דעם טויט,
כ׳גיב אייך די ברכה און די קללה,
טאָ זאָלט איר אויסקלייבן דעם לעבן,
צו ליבן גאָט און פֿאָלגן אים,
כ׳בין היינט אַלט הונדערט צוואַנציק יאָר,
איך קען שוין מער ניט גיין פֿאַר אייך
און גאָט האָט אויך צו מיר געזאָגט:
„דו וועסט ניט איבערגיין דעם ירדן,

יהושע וועט נאָר גיין פאַר זיי
און וועט זיי אָפּגעבן די לאַנד."
און משה רופט יהושע'ן צו
און זאָגט אים פאַרן גאַנצן פאָלק:
זיי שטאַרק און פעסט, ווייל דו וועסט ברענגען
דעם פאָלק דעמדאָזיגן אין לאַנד,
וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט די פאָטערס
און דו וועסט זיי די לאַנד פאַרארבן.
נאָכדעם האָט משה מיט יהושען
געשטעלט זיך אינעם אוהל מועד.
באַוויזט זיך גאָט אין וואָלקן זייל
און זאָגט צו משהן: דו דאַרפסט שטאַרבן;
פאַרשרייבט - זשע אייך אַצינד די שירה
און לערן איר די זין ישראלס
און לייג איר זיי אין מויל אַריין,
זאָל זיין די שירה פאַר אַן עדות:
אַז איך וועל ברענגען זיי אין לאַנד,
וואָס כ'האָב די פאָטערס צוגעזאָגט,
אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג,
און ער וועט עסן זאַט, און פעט זיין
און וועט זיך קערן צו די געטער
און דינען זיי און שענדן מיך,
מיין בונד דעם הייליגן צעשטערן,
און ס'וועלן צרות טרעפן אים,
צרות גרויסע, צרות שווערע, —
זאָל אָט די שירה זיין אַן עדות, — —
וואָס וועט אין מויל פון זיינע קינדער
אויך דאַמאָלס ניט פאַרגעסן ווערן, —
אַז איך האָב זיין געדאַנק געוואוסט
נאָך איידער איך האָב אים געבראַכט
אין אָט דער צוגעזאָגטער לאַנד.
און משה האָט פאַרשריבן דאַמאָלס
די שירה פאַר די זין ישראלס
און האָט זיי אַלע אויסגעלערנט:

---

## האזינו

פאַרנעמט, איר הימלען, וועל איך ריידן,
און הערן זאָל די ערד מיין וואָרט!
מיין לער זאָל טריפן ווי דער רעגן,
מיין זאָג זאָל רינען ווי דער טוי,
ווי שפּריצן פרישינקע אויף גראָז,
ווי טראָפּנס זאַפּטיגע אויף קרויט.
אַז איך רוף אָן דעם נאָמען גאָטס,
גיט וווירדיגקייט צו אונזער גאָט!
דעם פעלזן, וואָס זיין ווערק איז גאַנץ
און אַלע זיינע וועגן — ריכטיג.
דעם גאָט פון גלויביגקייט, אָן אומרעכט,
ער איז גערעכטיג און איז גלייך.
און אַז ס'פאַרדאַרבן זיינע קינדער,
דער קרומער און פאַרדרייטער דור,
איז עס פאַר זיי אַליין פאַרדאַרבונג!
צי טוט איר גאָט אַזוי פאַרגעלטן,
איר שענדלעכער, ניט - קלוגער פאָלק?
ס'איז דאָך דיין פאָטער, דיין באַשאַפער,
וואָס האָט געגרינדעט דיך, געפעסטיגט!
דערמאָן זיך אָן די אַלטע צייטן,
באַגרייפט די יאָרן פון די דורות,
דיין פאָטער פרעג, וועט ער דיר זאָגן,
די זיידעס וועלן דיר דערציילן:
ווען גאָט האָט איינגעטיילט די פעלקער,
ווען ער האָט מענטשן - זין פאַרשפּרייט
האָט ער די גרענעצן געשטעלט

אויך פאַר אַ צאָל ישראלס זין,
ווייל ס'איז דער פאָלק אַ טייל פון גאָט,
ווייל יעקב איז דער ארבטייל זיינער!
ער האָט געפונען אים אין מדבר,
אין וויסטעניש דער קלאָגעדיגער,
האָט אים אַרומגעצאַמט פאַרבויט,
געהיט ווי שוואַרצאַפּל פון אויג,
ווי ס'וואַכט דער אָדלער אויף זיין נעסט
און שוועבט אַרום די קינדער זיינע,
פאַרשפּרייט ער זיינע פליגלען, נעמט אים
און טראָגט אים שוועבנדיג, אין הויכן.

עס פירט אים גאָט דער איינציגער,
ניטאָ מיט אים קיין פרעמדער גאָט;
לאָזט רייטן אים אויף הייכקייטן
און שפּייזן זיך פון פעלד - פרוכטן
און האָניג זויגן פונם פעלזן
און בוימל טרינקען פון גראַניט
און שמאַנט פון רינדער און מילך פון שאָף
און פון געשטאָפּטע לעמער פעטס,
באַראַנעס, בעק פון בשן - לאַנד,
מיט אינגעווייד פון פעטע ווייץ,
און טרינקען שוימיג טרויבן - בלוט.
איז נאָר ישורון פעט געוואָרן,
געוואָרן דיק, באַלייבט, פאַרפעצט,
האָט ער געבריקעוועט זיין גאָט,
געשענדט דעם פעלזן פון זיין הילף.

גערייצט מיט פרעמדע שענדלעכקייטן,
געבראַכט קרבנות צו די שדים,
צו געטער נייע, ניט באַקאַנטע,
פון טאַטעס ניט געירשנטע,
פאַרגעסן דיין באַשאַפער — גאָט,
פאַרלאָזט דעם פעלזן, דיין געבוירער.

האָט גאָט געזען און זיי פאַראַכט,
געצאָרנט אויף די זין און טעכטער,
געזאָגט: איך קער זיך אָפּ פון זיי —
און לאָמיר זען איצט זייער סוף,
זיי זיינען אַ פאַרדרייטער דור,
זיי זיינען אומגלויביגע קינדער,
זיי רייצן מיך מיט גאָטלאָזיגקייט,
דערצערענען מיט שענדלעכקייטן,
און איך רייץ זיי מיט פאָלקלאָזיגקייט,
שיק אָן אויף זיי אַ שענדלעך פאָלק.

ווייל ס'ברענט אַ פייער אין מיין צאָרן,
און פלאַקערט ביז דער אונטער - ערד
צופרעסט די ערד מיט אירע פרוכטן,
פאַרסמאַליעט גרונטפעסטן פון בערג,
און איך ברענג אָלדאָס בייז אויף זיי,
שיס אויס אין זיי די פיילן מיינע,
געשוואָלן ווערן זיי פון הונגער,
פאַרברענט פון היץ, צום טויט פאַרסמט,
איך שיק אויף זיי די ציין פון חיות,
צוזאַמען מיטן שלאַנגען - גיפט,
פון דרויסן שווערד, אין חדר — שרעק
פאַרטיליגט יונגען און אויך מוידן,
פון עופּהלע ביז גרויעם מאַן,
איך האָב געוואָלט פאַרשניידן זיי
פון מענטשישער געדעכעניש, —
האָב איך פאַרכט פאַרן שונא'ס אויפברויז,
ווייל זייער פיינט דערקענט עס ניט,
זיי זאָגן: אונזער האַנט איז שטאַלץ,
ניט גאָט האָט אויפגעטאָן דאָס אַלץ!
ווייל יענער פאָלק האָט קיין פאַרשטאַנד,
קען ניט פאַרויסזען זייער סוף.

ער וואָלט געדאַרפט פאַרשטיין, באַגרייפן:

זוי קען איין מאַן פאַריאָגן טויזנט
און צוויי פאַרטרייבן צענטויזנט,
אויב ניט דער פעלז האָט זיי פאַרראַטן
און גאָט אַליין האָט זיי פאַרקויפט,
ווייל זייער ווײַנשטאָק איז פון סדום
און זייער פעלד איז פון עמורה
ווייל זייער ווייַנטרויב איז פאַרסמט,
פול ביטערניש איז זייער שטענגל,
ווייל זייער ווייַן איז שלאַנגען - גיפט
און גאַל פון עקדיש גרויזאַמען.

ביי מיר איז עס פאַרבאָרגן אַלץ,
פאַרזיגלט אין די שאַצן מיינע:

איך וועל זיך שפּעטער רעכענען,
ווען זייער פוס וועט שטרויכלענען;
ווייל נאָנט איז זייער אומגליק - טאָג —
ער שפּירט שוין וואָס עס קומט אויף זיי.
ווייל גאָט וועט משפּטן זיין פאָלק,
אויף זיינע קנעכט באַדענקט ער זיך,
ווען ער זעט, אַז די האַנט איז שוואַך;
ניטאָ קיין הערשער און קיין העלפער,
פרעגט ער: וואו איז זייער גאָט
דער פעלז, וואָס האָט געזאָלט זיי שיצן?
זיי עסן, טרינקען דאָך ביי אים
די פעטס און ווייַן פון די קרבנות!
טאָ זאָלן זיי אַצינד אייך העלפן,
זיין אַ באַהעלטעניש פאַר אייך!
זעט אַלע איצט, אַז איך אַליין —
ניטאָ ביי מיר קיין אַנדער גאָט! —
איך טויט און איך דערהאַלט ביים לעבן,
איך וואונד און איך הייל אויס צוריק,—
פון מיר קען קיינער ראַטעווען!
און איך הויב אויף מיין האַנט צום הימל,
און שווער: אַזוי ווי איך לעב אייביג! —
איך וועל דעם קלונג פון מיין שווערד
שאַרפן,
מיין האַנט וועט אָנגרייפן דעם משפּט
נקמה נעם איך פון מיין פיינט
איך וועל באַצאָלן מיינע שונאים —
איך שיכּור אָן מיין פייל פון בלוט
איך גיב מיין שווערד צו עסן פלייש,
די בלוט פון שלאַכט - געפאַלענע,
די פלייש פון פיינט פאַרווילדעטע!
אַצינד זינגט, פעלקער, פאַר מיין פאָלק,
גאָט רעכנט זיך מיט זיינע שונאים
פאַר די בלוט פון זיינע קנעכט
און רייניגט ווידער לאַנד און פאָלק!

## פאַר משה׳ס טויט.

דעמזעלבן טאָג האָט גאָט געזאָגט
צו משהן: שטייג צום באַרג עברים,
דעם באַרג נבו, אין לאַנד פון מואָב,
וואָס איז אַנטקעגן שטאָט יריחו
און זע פון דאָרט די לאַנד כּנען,
וואָס איך גיב צו די זין ישראלס
און שטאַרב דאָרט אויפן זעלבן באַרג
ווי ס׳איז דיין ברודער אהרן דאַמאָלס
געשטאָרבן אויפן שפּיץ פון הור,
ווייל נאָר פון ווייט זעסטו די לאַנד
און קומען דאָרטן וועסטו ניט.

## וזאת הברכה.

און דאָס איז די ברכה,
וואָס ס׳האָט געבענטשט משה,
דער געטלעכער מאַן,

די קינדער ישראלס
אין טאָג פון זיין טויט:
פון סיני קומט גאָט,
פון שעיר דערשיינט ער,
פון פאָרן באַלייכט ער,
ער טרעט אין זיין הייליגקייט
מיט צענדליגער טויזנטע —
אַ פלאַמיגע תורה
פאַר זיי אין זיין האַנט.
באַגייסטערט מיט ליבשאַפט
די הייליגע שטאַמען;
זיי קניען פאַר אים,
פאַרנעמען זיין וואָרט,
די תורה, וואָס משה
האָט דאָרט אונז געבאָטן;
געגעבן אַן ארבטייל
פאַר יעקב׳ס געזינד,
ווען ער איז געווען
אין ישורון אַ פירער,
ווען ס׳האָבן די עלצטע
פון פאָלק זיך פאַרזאַמלט,
די שטאַמען ישראלס.
*
זאָל לעבן ראובן, ניט שטאַרבן,
און גרויס אין דער צאָל — זיינע לייט!
*
הער צו, גאָט, די שטים פון יהודה;
דו ברענג אים צום פאָלק
זיין האַנט זאָל זיין מעכטיג,
און זיי אים אַ הילף קעגן פיינט!
*
צו לוין געזאָגט:

דיין אורים ותומים
ביים הייליגן מאַן,
געפּרובט אים אין מסה,
ביים וואַסער פון קריג;
ער זעט ניט זיין פאָטער
און קען ניט זיין מוטער
איז ווייט פון זיין ברודער
און פרעמד פון זיין קינד —
ער היט נאָר דיין וואָרט,
האַלט טייער דיין בונד;
ער לערנט ישראלן
די תורה פון גאָט
און רויכערט און ברענט
קרבנות פאַר אים
בענטש, גאָט, זיינע כוחות,
באַווייליג זיין ווערק;
פאַרוואונד אין די לענדן,
ווער ס׳גייט אים אַנטקעגן;
זיין שונא צוקלאַפּ,
ער זאָל מער ניט אויפשטיין!
*
געזאָגט צו בנימין:
דו ליבלינג פון גאָט,
ליג זיכער ביי אים,
ער וואַכט איבער דיר
און שיצט דיר דיין רו.
*
און יוספן זאָגט ער:
געבענטשט איז זיין לאַנד
מיט זיסקייט פון הימל,
פון אונטערשטן אָפּגרונט
מיט זיסקייט פון זוניגע פרוכטן,

מיט זאַפט פון לבנהיגע שפּראָצן,
מיט אוראַלטע בערג
און אייביגע הויכן,
מיט פרוכפּערדיג באָדן,
לויט ווילן פון גאָט
וואָס שטראַלט פונם סנה.
דאָס אַלץ זאָל אויף יוספס קאָפּ קומען,
אויף שייטל, געקרוינט פון די ברידער,
זיין אָקס איז א בכור פול מיט פּראַכט,
מיט מעכטיגע הערנער פון ביפלאָקס,
מיט זיי וועט ער שטויסן די פעלקער
צוזאַמען אין עקן פון וועלט —
דאָס זיינען אפרים׳ס חילות,
דאָס זיינען מנשהס לעגיאָנען!

*

צו זבולון געזאָגט:
זאָל זבולון זיך פרייען אין וועג,
יששכר אין זיינע געצעלטן;
זיי רופן די שטאַמען צום באַרג,
דאָרט פייערלעך שעכטן קרבנות
זיי זויגן א שפע פון ימען,
באַהאַלטענע אוצרות פון זאַמד.

*

צו גדן:
ער ליגט ווי א לעמפּערט
און צוקט די געליינקען און קעפּ;
געזען זיך דעם ווינקל דעם ערשטן,
דעם פּלאַץ, וואו דער פירער באַגראָבן,
געגאַנגען אַן שפּיץ פונם פאָלק,
געטאָן די גערעכטיגקייט גאָטס
און אויסגעפירט רעכט פאַר ישראל,

*

א יונגער לייב דן, שפּרינגט פון בשן;
מיט ווילינקייט זאַט איז נפתּלי,
און פול מיט דער ברכה פון גאָט,
זיין ארב איז דער ים ביזן דרום.
געבענטשט צווישן זין זאָל זיין אשר,
באַליבט זאָל ער זיין ביי די ברידער,
זאָל טונקען אין בוימל זיין פוס,
מיט שלעסער פון אייזן און קופּער
זאָל אייביג געשיצט זיין זיין וועט.
ניטאָ ווי דער גאָט פון ישורון,
וואָס רייט, דיר צו הילף, אין די הימלען,
אומאַרימט מיט שטאָלצקייט די וועלט
פאַרטרייבט און פאַרטיליגט דיין פיינט,
און זיכער וועט וואוינען ישראל
אַליין אויף די קוואַלן פון יעקב,
אין לאַנד פונם קאָרן און וויין,
וואו ס׳טריפן די הימלען מיט טוי.
אַז וואויל דיר ישראל! ווער נאָך
ווי דו ווערט געהאָלפן דורך גאָט?
ווייל ער איז דער שילד פון דיין הילף,
ווייל ער איז דער שווערד פון דיין שטאָלץ,
עס שמייכלען צו דיר דיינע פיינט,
און דו טרעטסט אויף זייערע הויכן!

## משה׳ס טויט.

און משה איז ארויף צום באַרג נבו,
צום שפּיץ פון פסגה, וואָס איז פאַר יריחו,
האָט גאָט געוויזן אים דאָס גאַנצע גלעד,
נפתּלי און אפרים און מנשה
די לאַנד יהודה ביזן ים פון הינטן
דעם דרום און דעם פליין, דעם טאָל יריחו,

געוויזן אים די פּאַלמען־שטאָט ביז צוער
און אים געזאָגט:
דאָס איז די לאַנד, וואָס כ'האָב
געשוואָרן אברהם, יצחק און יעקב,
איר שיינקען צו די קינדער זייערע, —
אָט ווייז איך דיר
די לאַנד בלויז מיט די אויגן
און איבערגיין אַהינצו וועסטו ניט.
און משה איז געשטאָרבן דאָרטן
אין מואב ־ לאַנד אויף גאָטס באַפעל.
האָט מען באַגראָבן אים אין טאָל,
אין מואב ־ לאַנד אנטקעגן בית ־ פעור,

און ס'האָט קיין מאַן קיין איינציגער
זיין קבר ניט געוואוסט ביז היינטיגנס טאָג.
און משה איז צו הונדערט צוואַנציג יאָר
געשטאָרבן, ניט אַז אויג פאַרטונקלט
און ניט פאַרגאַנגען איז געוועזן זיין כוח.
און ס'האָבן אים באַוויינט די זין ישראל
אין מואבס סטעפּעס דרייסיג טעג,
ניט אויפגעשטאַנען מער קיין נביא,
ווי משה איז געוועזן ביים פאָלק ישראל
מיט אַלע וואונדער ־ צייכנס אין מצרים
מיט מעכטיגקייט און פּאַרכטיגקייט,
באַוויזן פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל.

# יהושע

נאָך משה'ס טויט האָט גאָט געזאָגט יהושע'ן:
גיי מיטן פאָלק אַריבער אָט דעם ירדן
אין לאַנד, וואָס איך גיב אָפּ די זין ישׂראלס,
יעטווידער אָרט, וואו אייער פוס וועט טרעטן,
גיב איך אייך אָפּ, ווי צוגעזאָגט צו משהן.
נאָר שטאַרק זיך און זיי מעכטיג אָפּצוהיטן
די תורה, וואָס ס'האָט משה דיר באַפוילן,
ווייל דאַמאָלס וועט דיין וועג דיר גליקלעך זיין.
און ס'האָט יהושע אָנגעזאָגט די שוטרים:
גייט דורך אין מחנה און באַפוילט דעם פאָלק,
זיי זאָלן אַלע זיך מיט שפּייז פאַרגרייטן,
ווייל נאָך דריי טעג וועט מען דעם ירדן דורכגיין,
צו קומען אין דער לאַנד פון אונזער אַרב.

*

און צו ראובני, גדי, האַלב - מנשה
האָט ער געזאָגט: דערמאָנט זיך דעם געבאָט,
וואָס משה, קנעכט פון גאָט, האָט אייך געגעבן,
איר זאָלט די ווייבער, קינדער, פי דאָ לאָזן
און גיין אַליין באַוואָפנט פאַר די ברידער,
איר אַלע, העלדן מוטיגע, זיי העלפן;
ביז ס'וועלן שוין די ברידער אייערע
די רואיגקייט דערגרייכן, פונקט ווי איר,
און וועלן אַרבן די געשיינקטע לאַנד;
ערשט דאַמאָלס וועט איר גיין צוריק אַהיים,
פאַרנעמען איטלעכער די נחלה זיינע.
און זיי האָבן געענטפערט און געזאָגט:

מיר טוען אַלץ, וואָס דו באַפוילסט,
מיר גייען וואו דו וועסט אונז שיקן,
מיר פאָלגן דיר, ווי משהן,
ווער ס'וועט דיר ווידערשפּעניגן,
דער זאָל געטויט ווערן;
דו זיי נאָר שטאַרק און מעכטיג זיך.
*
און ס'האָט יהושע, זון פון נון,
געשיקט מרגלים צוויי,
זיי זאָלן אויסקוקן די שטאָט יריחו.
און זיי זיינען נעגאַנגען און געקומען
אין שטאָט יריחו צו דער זונה רחב
און דאָרט געלייגט זיך שלאָפן.
האָט מען יריחוס קיניג אָנגעזאָגט,
אַז ס'זיינען מענטשן פון ישראל
אינמיטן נאַכט אַהער געקומען,
זיי ווילן אויסשפּירן די לאַנד.
און ס'האָט דער קיניג רחבן באַפוילן:
גיב מיר אַרויס די מענטשן פון דיין שטוב,
ווייל זיי זיינען געקומען אויסשפּירן די לאַנד.
און ס'האָט די פרוי די לייט באַהאַלטן,
און האָט געענטפערט: יאָ, עס זיינען צוויי
פאַרשוין צו מיר געקומען, אומבאַוואוסט
פונוואַנען, אָבער פאַרן טויער - שליסן,
אין פינצטער, זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען,
כ'ווייס ניט וואוהין. לויפט, יאָגט זיי גיכער,
איר וועט זיי נאָך געפינען!
און זי האָט אויפן דאַך אַרויפגעבראַכט זיי,
באַהאַלטן צווישן שטעקלעך פונם פלאַקס,
וואָס זיינען אויסגעלייגט דאָרט אויפן דאַך.
און יענע האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי
דאָרט אויפן וועג פון ירדן דורך די בריקן;

און ווי זיי זיינען נאָר ארויס פון שטאָט,
האָט מען די טויערן באַלד צוגעשלאָסן.
און איידער די מרגלים האָבן זיך געלייגט,
איז רחב אויפן דאַך צו זיי ארויף
און האָט געזאָגט: איך ווייס,
אַז גאָט האָט אָפּגעגעבן אייך די לאַנד,
און אַלע זיינען דאָ פאַר אייך צושראָקן,
ווייל גאָט האָט אייך דעם ים - סוף אויסגעטריקנט.
און איר האָט ביידע קיניגן אמורי'ס
אויף יענער זייט פון ירדן, סיחון
און עוג, פאַרטיליגט; שווערט - זשע מיר אַצינד.
ווייל איך האָב אייך באַוויזן גנאָד,
זאָלט איר אויך גנאָד באַווייזן מיין משפחה,
מיין טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטערס,
זיי אַלע זאָלט איר לעבן לאָזן
און ווייזן מיר אַ צייכן פון געטריישאַפט.
און ס'האָבן די מרגלים איר געענטפערט:
מיר וועלן ביידע פאַר אייך שטאַרבן,
אויב איר גיט איצט אונז ניט אַרויס.
און זי האָט ביידן אויף אַ שטריק
אַראָפּגעלאָזן דורכן פענצטער,
ווייל ס'איז איר הויז געווען אין וואַנט פון מויער.
און זי האָט זיי געזאָגט: צום באַרג פאַרנעמט זיך,
עס זאָלן אייך די נאָכיאָגערס ניט טרעפן,
איר זאָלט זיך דאָרט דריי טעג באַהאַלטן,
ביז יענע קומען שוין צוריק,
ערשט דאַמאָלס וועט איר ווייטער גיין.
און ס'האָבן איר די לייט געזאָגט:
מיר וועלן ריין זיין פון דיין שבועה;
ווען מיר וועלן אהערצו קומען,
זאָלסטו דעם פאָדים אָט דעם רויטן
דאָ אָנבינדן ביים פענצטער,

דורך וועלכן האָסט אַראָפּגעלאָזן אונז,
און זאָלסט דיין טאַטן - מאַמען און פאַמיליע
אין שטוב צו זיך אַריינגעמען,
און ווער ס׳וועט פון דער שטוב אין גאַס אַרויס
דער וועט אַליין זיין שולדיק אין זיין בלוט,
נאָר ווער ס׳וועט זיין מיט דיר אין הויז,
און עמיץ וועט אים אָנרירן צו שלעכטס,
וועט אונזער שולד זיין אין זיין בלוט.
און אויב דו וועסט אונז אויסגעבן אַצינד,
פאַלט אָפּ די שבועה וואָס האָסט אונז באַשוואוירן,
האָט זי געענטפערט: אָט אַזוי וועט זיין.
זיי האָבן זיך געזעגנט און אַוועק,
באַהאַלטן זיך אין באַרג דריי טעג
און יענע האָבן אויפן גאַנצן וועג
געזוכט די מענטשן און זיי ניט געפונען.
און האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים,
ערשט דאַמאָלס זיינען די מרגלים צוויי
פון באַרג אַרויס, געקומען צו יהושע
און אים דערציילט אַלץ וואָס ס׳האָט זיי געטראָפן,
און נאָך געזאָגט: עס שרעקן זיך די לייט —
די גאַנצע לאַנד וועט זיין אין אונזער האַנט.

*

און ס׳איז יהושע אויפגעשטאַנען פרי,
געקומען מיטן פאָלק צום ירדן
און אַלע זיינען דאָרט געבליבן נעכטיגן.
אין דריי טעג שפּעטער זיינען שוטרים
אַדורכגעגאַנגען אין דער מחנה
און האָבן אָנגעזאָגט דעם פאָלק:
אַז איר וועט זען, ווי ס׳טראָגן כּוהנים דעם ארון,
זאָלט איר זיך רירן און אויך גיין נאָך אים.
נאָר ס׳זאָל פון אייך זיין ווייט צוועטויזנט איילן
צום ארון, וואָס וועט ווייזן אייך דעם וועג.

יהושע האָט געזאָגט דעם פאָלק: זייט גרייט!
ווייל גאָט וועט מאָרגן אייך באַווייזן וואונדער!
און צו די כּוהנים געזאָגט: איר גייט
און טראָגט דעם ארון פאַרן פאָלק אַרויס!
און ס'זיינען באַלד די כּוהנים געגאַנגען,
דעם ארון פאַרן פאָלק אַרויסגעטראָגן.
און ס'זאָגט יהושע: קלייבט זיך אויס צוועלף **מענטשן,**
פון איטלעכס שבט פון ישראל איינעם.
און ווי דאָס פאָלק האָט זיך גערירט צום ירדן,
די כּוהנים, די ארון - טרעגערס, פריער,
ווי ס'האָבן נאָר די כּוהנים די פיס
אַריינגעטונקט אין וואַסער, — און דער ירדן
האָט אָנגעפילט די ברעגעס אין דער שניט - **צייט,** —
באַלד האָבן זיך די וואַסערן געשטעלט
איין וואַנט, בּיים שטאָט, אנטקעגן צרתן,
און יענע וואַסער איז אַוועקגעשוואומען,
פאַרשוואונדן דאָרט אַראָפּ צום ים המלח.
און ס'זיינען דאָרט די כּוהנים געשטאַנען
אין טריקעניש, ווען וואַסער איז פאַרשניטן,
און ס'איז דאָס גאַנצע פאָלק אַדורך דעם ירדן,
נאָך אים די כּוהנים, די ארון - טרעגערס.
און ווען עס זיינען אַלע שוין אַריבער,
האָט אָנגעזאָגט יהושע די צוועלף מענטשן,
די אויסדערוויילטע פון די שבטים,
**זיי זאָלן גיין אין ירדן פאַרן ארון**
און אויפהויבן דאָרט איטלעכער אַ שטיין,
פון דאָרטן, וואו די כּוהנים געשטאַנען.
— ווייל ס'האָט יהושע פריער שטיינער צוועלף
געלייגט די כּוהנים אונטער די פיס אין ירדן —
האָט מען די שטיינער איצט אַרויסגעטראָגן
געבּראַכט זיי מיט זיך אינם נאַכטלעגער
און דאָרט געלאָזן זיי ביז היינטיגם טאָג,

זיי זאָלן זיין אַ צייכן פאַר די קינדער,
וואָס וועלן פרעגן: וואָס איז דאָס פאַר שטיינער?
וועט מען זיי ענטפערן: ווייל ס'איז אמאָל
דאָס וואַסער אינם ירדן אויסגערונגען,
ווען ס'איז דער ארון דאָרט אַדורכגעגאַנגען
און באַלד נאָך אים דער גאַנצער פאָלק ישראל,
דעריבער זיינען אָט די שטיינער
צום אָנדיינק פאַר ישראלס זין ביז אייביג
און אַז די כוהנים זיינען אַרויס פון ירדן
און באַלד נאָך זיי דאָס גאַנצע פאָלק ישראל,
האָט זיך דאָס וואַסער אומגעקערט אין ירדן,
געפלאָסן ווידער איבער זיינע ברעגעס.
געווען איז עס אין צענטן טאָג פון ערשטן חודש,
געלאַגערט האָט דאָס פאָלק אין גלגל,
אין מזרח פון דער שטאָט יריחו,
און דאָרט אין גלגל האָט יהושע
אַוועקגעשטעלט די שטיינער צוועלף צום אָנדיינק.

*

און דאַמאָלס האָט יהושע זיך געמאַכט
פון שטיינער שווערדן און ער האָט באַשניטן
די זין ישראלס ביי אַ קליינעם בערגל.
ווייל ס'איז דאָס פאָלק געווען באַשניטן
ווען ס'זיינען די ישראל פון מצרים
אַרויסגעגאַנגען; זיינען אַלע אָבער
אין מדבר אויסגעשטאָרבן ביזן לעצטן,
אין פערציג יאָר פון זייער וואַנדערונג,
און די געבוירענע אין מדבר
וואָס זיינען איצט אַריין אין לאַנד,
זיי האָט מען ניט באַשניטן אויפן וועג,
און איצט האָט זיי יהושע דאָ באַשניטן.
און ס'איז דאָס פאָלק ביים בערגל נאָך פאַרבליבן,
ביז אַלע זיינען אויסגעהיילט געוואָרן.

האָט גאָט געזאָגט יהושען: „איך האָב היינט
פון אייך אַראָפּגעסייקלט אָט די שאַנד מצרימס".
האָט מען דעם אָרט גערופן גלגל.
און ס'האָט דאָס פאָלק געלאַגערט דאָרט אין גלגל,
געמאַכט דעם פּסח אין יריחו'ס פליינען.
אויף מאָרגן שוין געגעסן פרוכט פון לאַנד,
געגעסן מצות און געבּרענטע זאַנגען
און ס'האָט אויף מאָרגן אויפגעהערט דער מן,
ווייל זיי האָבן געגעסן ברויט פון לאַנד.
און אַז יהושע איז געשטאַנען פאַר יריחו,
האָט ער דערזען אַנטקעגן זיך
אַ מאַן מיט אויסגעשטרעקטן שווערד.
האָט באַלד יהושע זיך צו אים דערנענטערט
און אים געפרעגט:
ביסטו אַ אונזעריגער, צי דעם שונאס?
און יענער האָט געענטפערט: ניין,
איך בין אַ שר ביים מיליטער פון גאָט —
אַצינד געקומען! —
יהושע איז געפאַלן אויפן פּנים,
פאַר אים געבוקט זיך און געזאָגט:
מיין האַר, זאָג, וואָס פאַרלאַנגסטו פון דיין קנעכט?
און ס'זאָגט דער שר ביים מיליטער פון גאָט:
טו אויס די שיך פון דיינע פיס,
ווייל אָט דער אָרט, וואו דו שטייסט איצט, איז הייליג!
און ס'האָט יהושע באַלד אַזוי געטאָן.

---

און ס'האָט יריחו זיי דעם וועג פאַרשלאָסן
און איז אַליין געווען פאַרשלאָסן פעסט
פאַר בני - ישראל, ניט אַרויס און ניט אַריין
און ס'האָט יהושע אַלע כּוהנים גערופן
און זיי געזאָגט לויט גאָטס געבאָט
זיי זאָלן אויפהויבן דעם ארון

און זיבן כּוהנים מיט שופרות פאָרויס
און ס׳זאָל דאָס פאָלק אַרומרינגלען די שטאָט
דער חלוץ זאָל אַריבער פאַרן אָרון.
און ווי יהושע האָט צו זיי גערעדט,
באַלד זיינען זיבן כּוהנים מיט שופרות
געגאַנגען פאַרן אָרון און געבלאָזן,
און הינטער זיי דער אָרון פונם בונד
און ס׳גייט דער חלוץ פאַר די כּוהנים,
און נאָכן אָרון גייט אויך דער מאסף
געגאַנגען און געבלאָזן אין די שופרות.
און ס׳האָט יהושע אָנגעזאָגט דעם פאָלק:
איר זאָלט ניט ליאַרימען, ניט שרייען,
און ניט אַרויסברייגגען פון מויל קיין וואָרט
ביז יענעם טאָג, ווען איך וועל זאָגן: ליאַרימט
ערשט דאַמאָלס זאָלט איר אויפהויבן אַ ליאַרים.
און ס׳האָט דער אָרון פונם בונד די שטאָט
אַרומגערינגלט יענעם טאָג איין מאָל,
צוריקגעקומען נעכטיגן אין לאַגער.
אויף מאָרגן איז יהושע אויפגעשטאַנען,
און ווידער האָבן זיבן כּוהנים
דעם אָרון פונם בונד געטראָגן,
דער חלוץ איז געגאַנגען פאָרויס
און דער מאסף הינטן,
געגאַנגען און געבלאָזן אין די שופרות
זיי האָבן אויך דעם צווייטן טאָג די שטאָט
אַרומגערינגלט איין מאָל און געבלאָזן,
נאָכדעם צוריקגעקומען אין דער מחנה.
אַזוי איז מען זעקס טעג געגאַנגען
און אויפן טאָג דעם זיבעטן
האָט מען פון פאַרטאָג אָן די שטאָט
אַרומגערינגלט פּונקט אַזוי ווי יענע טעג
נאָר שוין ניט איין מאָל — זיבן מאָל.

און נאָכן גאנג דעם זיבעטן,
ווי ס'האָבן נאָר די כּוהנים געבלאָזן,
האָט באלד יהושע א באפעל געגעבן:
איצט ליארימט, ווייל גאָט גיט אייך אָפ די שטאָט
און ס'זאָל די שטאָט זיין חרם
מיט אלץ, וואָס אין איר;
נאָר בלויז די זונה רחב און געזינד
זאָל בלייבן לעבן, ווייל זי האָט באהאלטן
די מענטשן, וואָס מיר האָבן דאָרט געשיקט.
און איר היט זיך פון חרם אָפ,
איר זאָלט פון אים ניט נעמען עפעס
און ניט פארדארבן אונזער גאנצע מחנה.
דאָס גאנצע גאָלד און זילבער, קופער, אייזן
איז הייליג פארן אוצר גאָטס.
און ווי מ'האָט געבלאָזן אין די שופרות
האָט באלד דאָס פאָלק א ליארים אויפגעהויבן,
געבלאָזן און געליארימט נאָכאנאנד,
איז אונטער זיך די וואנט באלד איינגעפאלן
און ס'איז דאָס גאנצע פאָלק אריין אין שטאָט,
געגאנגען איטלעכער אנטקעגן זיך,
און אָט אזוי די שטאָט באצוואונגען,
פארוויסט די שטאָט, פון מאן ביז פרוי,
פון יונג ביז אלט, ביז אָקס און שעפס און אייזל
אלץ אויסגעטיליגט מיטן שווערד.
און צו די צוויי מרגלים,
וואָס האָבן אויסגעשפירט די שטאָט,
האָט אָנגעזאָגט יהושע:
גייט אין דער הויז פון יענער זונה
און פירט ארויס איר מיט איר הויזגעזינד
ווי איר האָט דאמאָלס צוגעשוואוירן איר,
און ס'זיינען באלד אוועק די צוויי מרגלים,
ארויסגעפירט דער רחב מיט איר פאָטער,

איר מוטער, אירע ברידער, איר געזינד
ארויסגעפירט פון שטוב און פון דער מחנה,
די גאנצע שטאט אבער פארברענט אין פייער,
נאר בלויז די גאלד און זילבער, קופער, אייזן
אוועקגעגעבן אינם אוצר גאטס.
און רחב מיט איר גאנצער הויזגעזינד
האט מען געלאזן לעבן, און זי איז
געבליבן אין ישראל ביז אויף היינט.
און ס'האט יהושע יענעם טאג פארשווארן:
פארשאלטן איז דער מענטש, וואס וועט זיך נעמען
די שטאט יריחו אויפבויען צוריק;
ער זאל איר גרינדן מיט זיין בכור
און מיט זיין יינגסטן אויפשטעלן די טירן.
*
און ס'איז געשען א פעלשונג אין ישראל,
און עכן, זון פון כרמי, פון יהודה,
האט פונם חרם צוגענומען פאר זיך.
*
יהושע האט געשיקט מרגלים פון יריחו
קיין עי, זיי זאלן אויסשפיהן די שטאט.
די מענטשן האבן אויסגעשפירט דעם געגנט,
צוריק געקומען און געזאגט יהושע'ן:
עס זאל ניט גיין אהינצו גאר דאס פאלק,
א צוויי דריי טויזנט מאן נאר זאלן גיין,
און זיי וועלן די קליינע עי צושלאגן.
האט מען געשיקט אהין דריי טויזנט מאן
און זיי זיינען אנטלאפן פאר די לייט פון עי,
געפאלן זיינען זעקס און דרייסיג מאן.
איז ס'הארץ פון פאלק צוגאנגען פונקט ווי וואסער
יהושע האט צוריסן זיינע קליידער,
געפאלן אויפן פנים פארן ארון
און אויך די עלצטע פון ישראל

און שטויב געלייגט זיך אויף די קעפּ
און ס'האָט יהושע אויסגערופן:
אוי, גאָט, צו וואָס האָסטו דעם פאָלק
געלאָזט אריבערגיין דעם ירדן
עס זאָל זיי דער אמורי דאָ פארטיליגן?
מיר וואָלטן בעסער שוין געבליבן דאָרט
אויף יענער זייט פון ירדן
אצינד וועט עס דערגיין צום כנעני
און אויך צו אַלע לאַנד־באַוואוינערס,
אַז ס'איז ישראל פארן פיינט אנטלאָפן,
און זיי וועלן ארומרינגלען אונז אַלע
און אונז פארטיליגן פון אָט דער לאַנד, —
און וואָס וועסטו טאָן מיט דיין גרויסן נאָמען?
האָט גאָט געזאָגט יהושען: שטעל זיך אויף!
ישראל האָט געזינדיגט, מיין פארבאָט געבראָכן,
גענומען פונם חרם,
גע‍גנבעט און געלייקנט און באַהאַלטן;
ער וועט ניט ביישטיין קעגן פארן שונא
אנטלויפן מוז ער, ווייל געוואָרן חרם,
איך וועל מיט אייך ניט זיין, כּל זמן
איר ראַמט ניט אוים ביי זיך דעם חרם.
שטיי אויף און גיי, גרייט צו דעם פאָלק
אויף מאָרגן, אויסשטעלן זיך אין די שבטים
און אַז אַ שבט וועט באַצוואונגען ווערן,
זאָל ער זיך אויסשטעלן אין די משפּחות
און די משפּחה אַז זי ווערט באַצוואונגען,
זאָל זי זיך אויסשטעלן אין הויזגעזינדן,
אַ הויזגעזינד זאָל אויסשטעלן זיך אין פּערזאָנען
און וועמ'ער ס'וועט זיין באַצוואונגען אינם גורל,
זאָל דער פארברענט ווערן אין פייער
צוזאַמען מיט גאָר זיין פאַרמעג
ווייל ער האָט גאָטס געבאָט געבראָכן,

א שענדלעכקייט באַנגאַנגען אין ישראל.
און ס'איז יהושע אויפגעשטאַנען פרי
און האָט ישראל אויסגעשטעלט אין שבטים, —
און אין משפחות און אין מענער —
באַצוואונגען עכנען, דעם זון פון כרמי,
דעם זון פון זבדי פונם שבט יהודה.
און ס'האָט יהושע אים געזאָגט:
גיב כבוד גאָט ישראלס, עכן זון מיינער,
און זאָג דעם אמת: וואָס האָסטו געטאָן?
און עכן ענטפערט: יע, איך האָב געזינדיגט.
געזען אין רויב א שיינעם שנער - מאַנטל,
צווייהונדערט שקלים זילבער און איין גאָלד - שטאַנג
האָב איך געגלוסט און צוגענומען עס,
ס'ליגט דאָרט פאַרשטעקט אין מיין געצעלט
און ס'האָט יהושע צוויי פאַרשוין געשיקט,
און זיי זיינען געלאָפן און געפונען
דעם גאַנצן חרם דאָרט באַהאַלטן
יהושע האָט גענומען עכן זון פון זרח
ווי אויך דעם מאַנטל מיטן גאָלד און זילבער,
אַראָפּגעפירט עס אַלץ אין עמק עכור.
און האָט געזאָגט: וואָס האָסטו אונז פאַרדאָרבן?
זאָל גאָט פאַרדאַרבן דיך אין טאָג דעם היינטיגן!
און גאַנץ ישראל האָט פאַרוואָרפן אים מיט שטיינער
און אים פאַרברענט אין פייער מיטן חרם
און אויפגעשטעלט אויף אים א הויפן שטיינער.
און ס'ווערט דער אָרט גערופן עמק עכור,
פאַרדאַרבונג - טאָל, ביז היינטיגס טאָג.

*

און גאָט זאָגט צו יהושען: האָב ניט מורא,
נעם אַלע קעמפערס, גיי אין עי,
איך גיב דיר אָפּ די גאַנצע לאַנד,
זאָלסט איר טאָן ווי יריחו און איר קיניג,

איר מעגט בלויז צונעמען דעם רויב, די פי.
שטעל זיך א לויערער ביים שטאָט פון הינטן.
יהושע האָט גענומען אַלע קעמפּערס
און איז אַוועק מיט זיי קיין עי
בלויז דרייסיג טויזנט העלדן אויסגעקליבן,
געשיקט ביינאַכט זיי און באַפוילן:
זעט, איר וועט לויערן דאָ הינטערן שטאָט,
ניט אָפּרוקן זיך ווייט, זיין אַלע גרייט
און איך וועל מיטן פאָלק זיך גענטערן,
און אויב זיי גייען קעגן אונז אַרויס,
ווי יענעם מאָל, און מיר וועלן אַנטלויפן,
זיי וועלן נאָכגיין אַלע נאָך אונז,
ביז מיר פאַררוקן זיי פון שטאָט אַרויס,
זאָלט איר פון לויער אויפשטיין און די שטאָט פאַרנעמען,
פאַרנעמען און פאַרברענען איר אין פייער.
געדיינקט, צו טאָן ווי איך האָב אייך געהייסן.
נאָכדעם האָט ער זיי אָפּגעשיקט אין לויער.
און ס'האָט יהושע יענע נאַכט
גענעכטיגט צווישן פאָלק.
אויף מאָרגן פרי האָט ער געציילט דעם פאָלק
און איז געגאַנגען מיט ישראלס עלצטע
צוזאַמען פאַרן פאָלק אַנטקעגן עי.
און ווי נאָר ס'האָט דער קיניג פון שטאָט עי
דערזען די מחנה פון ישראל גיין,
איז ער אַרויס צוזאַמען מיט זיין פאָלק,
מלחמה פירן מיטן פאָלק ישראל.
און ער האָט ניט געוואוסט,
אַז ס'ליגט אַ לויערער דאָרט הינטערן שטאָט.
און ס'איז יהושע מיטן פאָלק ישראל
נעפלאָגט געוואָרן פאַרן פאָלק פון עי,
און לויפן זיך געלאָזט צום וועג פון מדבר
האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק פון שטאָט פאַרקליבן,

געיאָגט יהושען און פון שטאָט אַרויס,
עס איז קיין מאַנספּאַרשוין אין שטאָט פאַרבליבן,
געלאָזט די שטאָט אָן אָפענע
און נאָך ישראל זיך געיאָגט.
און דאַמאָלס האָט יהושע אויסגעשטרעקט
דעם שפּיז אין האַנט אַנטקעגן שטאָט
און ס׳איז דער לויערער באַלד אויפגעשטאַנען,
אַרויסגעלאָפן און אין שטאָט געקומען
און אָנגעצונדן איר מיט פייער.
אָט ווענדן זיך די לייט פון עי אויף הינטן,
זיי זעען, אַז ס׳גייט אויף דער רויך פון שטאָט
צום הימל, און זיי האָבן ניט קיין אָרט,
צו לויפן דאָ און דאָרט,
ווייל ס׳האָט יהושע מיטן פאָלק ישראל
געווענדט זיך מיטן פּנים צו די יאָגערס,
און יענע זיינען פון דער שטאָט אַרויס,
איז ס׳מיליטער פון עי געווען אינמיטן,
פון איין זייט די און פון דער צווייטער — יענע.
האָט מען געשלאָגן זיי פון ביידע זייטן,
קיין לעבעדיגן מענטשן ניט געלאָזט,
דעם קיניג בלויז געכאַפּט אַ לעבעדיגן
געבראַכט און צוגעפירט יהושען.
און ס׳זיינען יענעם טאָג געפאַלן
צוועלף טויזנט מאַן און פרוי, גאַנץ עי.
יהושע האָט די האַנט אַלץ מיטן שפּיז
געהאַלטן אויסגעשטרעקט, ביז וואַנען
מ׳האָט פאַרוויסט דעם גאַנצן פאָלק פון עי.
און אויך די שטאָט פאַרברענט און וויסט געמאַכט.
דעם קיניג האָט יהושע אויפגעהאַנגען
און ער איז דאָרט געהאַנגען ביזן אָוונט,
נאָכדעם אַראָפּגענומען אים פון בוים,
אַוועקגעלייגט ביים טויער פון דער שטאָט

און אויפגעשטעלט אויף אים א בערגל שטיינער.
און דאמאלס האט יהושע אויפגעבויט
פון שטיינער א מזבח ביים בארג עיבל,
ווי משה האט באפוילן צו ישראל:
פון גאנצע שטיינער א מזבח
וואס מ׳האט אויף זיי קיין אייזן ניט געהויבן
ער האט אויף אים קרבנות אויפגעבראכט.
און אויפגעשריבן אויף די שטיינער
די אפשריפט פון דער תורה משה׳ס,
און גאנץ ישראל מיט די עלצטע,
די שוטרים און די ריכטערס, שטייען
פון ביידע זייטן ארון,
דער פרעמדער און דער היימישער צוזאמען,
א העלפט אנטקעגן דעם בארג גריזים
א העלפט אנטקעגן דעם בארג עיבל
ווי משה, גאטס קנעכט, האט באפוילן,
נאכדעם האט ער געלייענט גאר די תורה,
די ברכה און די קללה ווי געשריבן,
ס׳איז קיין זאך ניט געבליבן,
וואס משה האט באפוילן,
יהושע זאל ניט לייענען
פאר דער פארזאמלונג פון ישראל
מיט ווייבער, קינדער און די פרעמדע,
וואס זיינען צווישן זיי געגאנגען.

*

און ס׳האבן די מענטשן פון גבעון געהערט
וואס ס׳האט יהושע געטאן צו יריחו און עי,
און זיי האבן אפגערעדט מאכן א שווינדל,
גענומען זעק אלטע פאר זייערע אייזלען
און ויין - לאגלען אלטע, צושפאלטן, פארבונדן,
און אלטע פארלאטעטע שיך אויף די פיס,
און קליידער צושאטענע אויף זייער גוף,

און שפּייז אויפֿן וועג—טרוקן ברויט פֿול מיט שימל;
פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר שלוחים פֿון אַ ווייטער לאַנד,
אַוועק צו יהושען אין מחנה, קיין גלגל,
געזאָגט: פֿון אַ ווייטער לאַנד קומען מיר דאָ,
מיר ווילן אַ בונד מיט אייך שליסן אויף אייביק.
און ס'האָט צו די שלוחים ישׂראל געזאָגט:
און אפֿשר זיצסטו דאָ גאָר נאָנט צווישן אונז,
ווי קען איך אַצינד מיט דיר שליסן אַ בונד?
און ס'האָבן די שלוחים יהושען געענטפֿערט:
„מיר זיינען דיר קנעכט!" — „ווער זיינט איר? און פֿונוואַנען?"

מיר קומען פֿונווייטנס;
געהערט וואָס דיין גאָט האָט געטאָן אין מצרים
און וואָס צו די קיניגן צוויי פֿון אמורי,
צו סיחון און עוג; און עס האָבן די עלצטע
און אַלע געזאָגט אונז: נעמט שפּייז אויפֿן וועג
און גייט זיי אַנטקעגן און זאָגט זיי:
„מיר זיינען אייך קנעכט, שליסט אַ בונד נאָר מיט אונז!"
איר זעט אָט דעם ברויט? ער איז וואַרים געווען,
ווען מיר האָבן אים אין די שטיבער גענומען
פֿאַר שפּייז אויפֿן וועג אויפֿן ווייטן צו אייך
און איצט איז ער טרוקן געוואָרן, פֿאַרשימלט.
איר זעט אָט די לאָגלען? זיי אָנגעפֿילט פֿרישע,
אַצינד שוין צושפּאָלטן, פֿאַרבונדן מיט שטריק.
די שיך און די קליידער פֿאַרפֿוילט שוין אויף אונז,
ווייל ווייט איז געווען אונזער וועג, זייער ווייט.
און ס'האָבן די לייט פֿון ישׂראל גענומען
די שפּייז און פֿאַרזוכט און ביי גאָט ניט געפֿרעגט

און ס'האָט יהושע געמאַכט מיט זיי שלום,
געשלאָסן אַ בונד, מ'זאָל לאָזן זיי לעבן;
און ס'האָבן דערויף די נשׂיאים געשוואָוירן.
אין דריי טעג אַרום, נאָכן שליסן דעם בונד,

האָט מען זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען פון נאָנט,
און ס'זיינען די זין פון ישראל געקומען
צו זיי אין די שטעט אריין, גבעון
און כפירה און בארות און קרית ־ יערים
און זיי ניט געשלאָגן, ווייל מ'האָט זיי געשוואוירן.
און ס'האָט יהושע זיי גערופן,
געזאָגט: וואָס האָט איר אונז גענארט,
דערציילט, אַז איר זיינט פונדערווייטנס?
איר זיצט דאָך דאָ גאָר צווישן אונז!
טאָ זייט פארשאָלטן, קנעכט אויף אייביק!
נאָר האָלץ ־ העקערס און וואַסער ־ שעפּערס
צום טעמפּל פון מיין גאָט!
און זיי האָבן געענטפערט אים:
מ'האָט דערציילט צו דיינע קנעכט,
אַז גאָט האָט משה'ן צוגעזאָגט,
די גאַנצע לאַנד אייך אָפּצוגעבן,
איר זאָלט די איינוואוינערס פאַרטיליגן.
איז אונז אַ שרעק באַפאַלן,
און מיר האָבן עס אָפּגעטאָן.
איצט זיינען מיר אין דיינע הענט
און טו מיט אונז וואָס דיר געפעלט.
האָט זיי יהושע יענעם טאָג באַשטימט
פאַר האָלץ ־ העקערס און וואַסער ־ שעפּערס
פאַר דער געמיינדע און פאַרן מזבח.

*

און ס'האָט געהערט אדוני־צדק
דער קיניג פון ירושלים,
אַז גבעון האָט געשלאָסן שלום
און איז געבליבן וואוינען אין ישראל,
האָט אים אַ פחד אָנגעכאַפּט,
ווייל גבעון איז אַ גרויסע שטאָט געווען,
ווי איינע פון די קיניגלעכע שטעט,

אַ שטאָט אַ גרעסערע ווי עי,
און אירע מענער — אַלע העלדן!
האָט ער געשיקט צו פיר מלכים זאָגן:
קומט, העלפט מיר שלאָגן גבעון,
וואָס האָט געשלאָסן שלום מיט ישראל!
און ס'האָבן אַלע פינף מלכים
פאַרזאַמלט זיך מיט זייערע לעגיאָנען,
באַלאַגערט גבעון און אַ שלאַכט געעפנט.
און גבעון האָט געשיקט יהושען
קיין גלגל בעטן אים: פאַרלאָז אונז ניט,
העלף אונז אַנטקעגן די פינף באַרג - מלכים,
און ס'איז יהושע מיט די העלדן זיינע
באַפאַלן פּלוצים יענע אין דער נאַכט,
צוטומלט און געגעבן שטאַרקע קלעפּ.
און נאָכגעיאָגט אַראָפּ באַרג, ביי בית־חורן,
געשלאָגן ביז עזקה און מקדה.
און ווען זיי זיינען אונטן דאָרט געווען
האָט גאָט אויף זיי געוואָרפן גרויסע שטיינער
פון הימל, ביז עזקה, און געטויט זיי.
פון יענע האָגל - שטיינער זיינען מער געשטאָרבן
ווי ס'האָט ישראל מיטן שווערד געהרגעט.

און דאַמאָלס האָט יהושע
פאַר אַלע זין ישראלס
געזאָגט צו גאָט אַזוי:
„די זון זאָל שטיין אין גבעון
און די לבנה אין אילון - טאָל!"
איז באַלד די זון געבליבן שטיל
און די לבנה איז געשטאַנען,
ביז ס'האָט דאָס פאָלק ישראל
זיך אָפּגערעכנט מיט די פיינט;
דאָס איז פאַרשריבן
אין בוך „הישר",

געשטאַנען איז די זון אין האַלבן הימל
און ניט געאײַלט זיך אונטערגיין
אַ גאַנצן טאָג.
און ס'איז אַזוינס נאָך ניט געווען
ניט פֿריער און ניט שפּעטער,
אַז גאָט זאָל פֿאָלגן אַ געבאָט פֿון מענטשן.
*

און עס זײַנען אַלע שטעט און לענדער
פֿאַר די ישׂראל שוין געווען באַצוואונגען,
און ס'איז יהושע אַלט געוואָרן,
האָט ער צו זיך גערופֿן
ראובן, גד און האַלב מנשה
און זיי געזאָגט: איר האָט געפֿאָלגט
וואָס משה האָט באַפֿוילן,
איר האָט די גאַנצע צײַט מאַרשירט
באַוואָפֿנט פֿאַר די ברידער אײַערע;
איצט זיצן שוין די ברידער אײַערע אין רו,
טאָ גייט איר אויך צוריק אין אײַער היימלאַנד,
וואָס משה האָט אײַך אָפּגעגעבן
אין יענער זײַט פֿון ירדן
מיט גיטער גאָר אַ סך גייט אין די היימען,
מיט פֿי און גאָלד און זילבער, קופּער, אײַזן
און קליידער אָן אַ צאָל פֿון די טראָפּייען.
נאָר איר זאָלט היטן גאָטס געבאָטן,
אים ליב האָבן, אין זײַנע וועגן גיין.
און ס'האָט יהושע זיי געזעגנט
און זיי זײַנען אַוועק אין זייער היימלאַנד,
געקומען אינם ירדן - געגנט
און אויפֿגעבויט צו גאָט דאָרט אַ מזבח,
אַ גרויסן אָנזעעוודיקן מזבח.
און אַז ישׂראל האָט געהערט דערציילן
אַז ראובן, גד און האַלב מנשה,

אין יענער זייט פון ירדן, האָבן
געבויט זיך אַ מזבח גאָר אַ גרויסן, —
באַלד האָבן אַלע זיך צונויפגעקליבן
אין שילה, אָנגעהויבן אַ מלחמה
אַנטקעגן די דריטהאַלבן שבטים
און זיי האָבן געשיקט אין גלעד - לאַנד
נשיאים צען פון איטלעכס שבט
און אָן דער שפּיץ פון אַלע פּינחסן דעם כּוהן.
און זיי זיינען געקומען און געפרעגט:
פאַרוואָס האָט איר געפעלשט אין גאָט ישראלס,
געבויט זיך אַ מזבח אַ באַזונדערן?

צי איז אייך קנאַפּ די זינד פון פעור,
וואָס איז פאַר אונז אַ גרויסע פּלאָג געווען
און מיר זיינען פון אים נאָך היינט ניט ריין?
אַז עכן האָט געזינדיגט מיטן חרם,
האָט גאָט געצערנט אויף ישראל אַלע
און ער אַליין איז ניט געשטאָרבן פאַר זיין זינד.
און אָט קערט איר זיך היינט אַוועק פון גאָט,
און מאָרגן וועט ער צערענען אויף אַלע!
אויב אומריין איז די לאַנד פון אייער ארב,
גייט איבער אָט אַהער, וואו ס׳איז דער משכּן,
נאָר ווידערשפּעניגט ניט אין גאָט
און בויט זיך ניט באַזונדער קיין מזבח,
אַחוץ אָט דעם מזבח פון גאָטס משכּן.
און ס׳האָט ראובן, גד און האַלב מנשה
געענטפערט פּינחסן און די נשיאים:
גאָט ווייס עס, אויך ישראל זאָל עס וויסן:
אויב מיט ווידערשפּעניגקייט און פעלשונג
האָבן מיר געבויט זיך דעם מזבח,
אויף אים קרבנות דאָ צו ברענגען, —
זאָל גאָט אונז שטראָפן און ניט העלפן!
מיר האָבן עס געטאָן בלויז צוליב זאָרג,

עס זאָלן נאָך די קינדער אייערע
נים זאָגן שפּעטער צו די קינדער אונזערע:
„וואָס האָט איר עפּעס נאָר מיט גאָט ישׂראלס?״
פאַראַן דאָך צווישן אונז און אייך אַ גרענעץ!
און וועלן אונז ניט לאָזן דינען גאָט.
דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן
דאָ אויפשטעלן זיך אַ מזבח,
ניט אויפצוברענגען דאָ קרבנות,
נאָר ער זאָל זיין אַן עדות צווישן אונז,
מיר זאָלן קענען דינען גאָט צוזאַמען
און אויב דער שפּעטערדיגער דור וועט זאָגן,
אַז מיר האָבן קיין חלק ניט אין גאָט,
וועט קומען אונזער ענטפער:
זעט די געשטאַלט פון אונזער גאָטס מזבח! —
איז פינחסן און די נשיאים צען
געפעלן אָט דער ענטפער זייערער
און זיי זיינען געגאַנגען אין דער מחנה
און האָבן אַלץ דערציילט די בני ישׂראל.
איז אַלעמען געווען געפעלן,
וואָס ס'איז קיין פעלשונג ניט געווען,
און מ'האָט דעם קאַמף ניט אויפגעהויבן
אַנטקעגן יענער זייט פון ירדן,
וואו ס'וואוינען ראובן, גד און האַלב מנשה.

*

און אַז יהושע איז געוואָרן
אַלט הונדערט יאָר און צען
איז ער געשטאָרבן, און מ'האָט אים באַגראָבן
אין גרענעץ פון זיין אַרב, אין באַרג אפרים.
און ס'האָט ישׂראל גאָט געדינט
די גאַנצע יאָרן פון יהושע
און פון די זקנים נאָך יהושען,

וואָס האָבן נאָך געדיינקט גאָטס מעשים מיט ישראל.
און ווי האָבן באַגראָבן יוספס בײנער
אין שכם, אין פעלד, וואָס יעקב האָט געקויפט
פאַר הונדערט קשיטה בײַ חמור, שכמ'ס פאָטער,
און ס'איז געוואָרן יוספס נחלה.

# ירמיהו

און ס'איז געווען גאָטס וואָרט צו מיר אַזוי:
נאָך איידער כ'האָב באַשאַפן דיר,
האָב איך דיך שוין געקענט;
און איידער ביסט פון מוטערס לייב אַרויס
האָב איך דיך שוין געהייליקט —
געמאַכט דיך פאַר אַ נביא צו די פעלקער.
האָב איך געזאָגט: ווײ, גאָט מײַנער,
איך קען דאָך גאָרניט ריידן, כ'בין אַ יונג נאָך!
האָט גאָט געענטפערט: „זאָג ניט, כ'בין אַ יונג!
נאָר וואו איך שיק דיר זאָלסטו גיין
און וואָס איך הייס דיר זאָלסטו ריידן;
האָב ניט קיין פאָרכט פאַר זיי, זאָגט גאָט,
ווייל איך בין דאָ מיט דיר און וועל דיך ראַטעווען.
און גאָט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט
און אָנגערירט מיר אויפן מויל
און האָט צו מיר געזאָגט:
אָט האָב איך דיר אין מויל מיין וואָרט געלעגט!
זע, איך האָב דיך אַצינד באַשטעלט
אויף פעלקער און אויף קיניגרייכן
צום רייסן, שטויסן, שטורימען, פאַרניכטן,
און אויך צום בויען און צום פלאַנצן!
און ס'איז געווען גאָטס וואָרט צו מיר אַזוי:
וואָס זעסטו, ירמיהו?
און כ'האָב געזאָגט: איך זע אַ מאַנדל־שטאָק
האָט גאָט געזאָגט צו מיר: האָסטו גוט געזען,
ווייל כ'האַנדל באַלד אַזוי, ווי כ'האָב געזאָגט!

און ווידער איז געווען צו מיר גאָטס וואָרט:
וואָס זעסטו, ירמיהו?
און כ'האָב געזאָגט: איך זע אַ טאָפּ,
וואָס זידט און קאָכט אַנטקעגן צפון ־ זייט.
האָט גאָט געזאָגט צו מיר: פון צפון ־ זייט
וועט קומען אַלדאָס־בייז אויף אָט דער לאַנד,
ווייל כ'רוף צו אַלע צפון ־ פעלקער
און אַלע וועלן אָנקומען אהערצו
אוועקשטעלן זיך שטולן ביי די טויערן
פון ירושלימס מויערן
און אויך אין אַלע שטעט יהודה'ס
און איך וועל משפטן זיי הארב
פאַר די בייזוויליגקייטן זייערע,
ווייל זיי האָבן געדרויכערט צו די געטער,
געבוקט זיך פאַר די ווערק פון זייער האַנט,
און דו זאָלסט אָנגורטן די לענדן דיינע,
און גיין צו זיי און ריידן אַלץ,
וואָס איך וועל דיר אָט דאָ באַפוילן;
זאָלסט זיך פאַר זיי ניט לאָזן ברעכן,
אַניט וועל איך אַליין פאַר זיי דיך ברעכן!
אַצינד האָב איך געמאַכט דיך ווי אַ פעסטונג,
אַ זייל אַן אייזערנער, אַ וואַנט אַ קופּערנע
אַנטקעגן לאַנד מיט אירע קיניגן,
מיט אירע פירשטן און די כּוהנים
אַנטקעגן פאָלק דעם גאַנצן אין דער לאַנד!
זיי וועלן קעמפן קעגן דיר
און דיר ניט בייקומען,
ווייל איך בין דאָ מיט דיר, זאָגט גאָט,
און וועל דיך ראַטעווען!

א וואָרט פון גאָט צו ירמיהו:
שטעל זיך אין טויער פון גאָטס טעמפּל
און זאָג: הערט צו, איר לייט יהודה'ס,
וואָס קומען אין די טויערן
צו בוקן זיך פאַר גאָט;
אַזוי זאָגט גאָט צבאות:
פאַרבעסערט אייער אויפפירונג
וועל איך אייך לאָזן וואוינען דאָ.
פאַרלאָזט זיך ניט אויף פאַלשע ווערטער,
וואָס יענע שרייען: טעמפּל גאָטס!
און טעמפּל גאָטס און טעמפּל גאָטס!
ווייל אויב איר בעסערט אייער אויפפיר,
איר לעבט מיט יושר צווישן זיך,
אויב איר באַדריקט ניט און באַרויבט ניט
דעם גר, דעם יתום, די אלמנה
און איר פאַרגיסט ניט ריינע בלוט
און גייט ניט נאָך די פרעמדע געטער, —
לאָז איך אייך וואוינען אין דער לאַנד,
וואָס כ'האָב געגעבן אייערע אבות
פון אייביקייט ביז אייביקייט.
נאָר איר פאַרלאָזט זיך אויף די ליגנס,
דערפון וועט איר קיין נוץ ניט האָבן.
צי ווילט איר גנבענען און מאָרדן
און הורן און אויך שווערן פאַלש
און קטורת רויכערן צום בעל
און נאָכלויפן נאָך פרעמדע געטער
וואָס איר האָט קיינמאָל ניט געקענט, —
און נאָכדעם קומען און זיך שטעלן
פאַר מיר אין טעמפּל דאָזיגן
וואָס ווערט גערופן אויף מיין נאָמען
און זאָגן: שוין, געראַטעוועט;
מ'קען שוין ווידער זינדיקן
און טאָן די אַלע שענדלעכקייטן?!
צי איז די הויז די דאָזיגע,
וואָס ווערט גערופן אויף מיין נאָמען,
ביי אייך גאָר א באַנדיטן - הייל?!
אָ, איך האָב עס אַלץ געזען! —
אַזוי זאָגט גאָט.
ווייל גייט נאָר אין מיין אָרט, אין שילה,
וואו ס'האָט אַמאָל געשוועבט מיין נאָמען,
און זעט וואָס איך האָב אים געטאָן
צוליב מיין פאָלק ישראלס זינד.
דעריבער, ווייל איר טוט דאָס אַלץ,
ווייל איך האָב אַלע טאָג גערעדט
צו אייך, און איר האָט ניט געהערט,
ווייל איך האָב אַלץ צו אייך גערופן
און איר האָט ניט געענטפערט מיר,
וועל איך דעם טעמפּל טאָן אַזוי,
ווי כ'האָב אַמאָל געטאָן אין שילה
און אייך וועל איך פון זיך פאַרוואַרפן
ווי כ'האָב פאַרוואָרפן אייערע ברידער,
דעם גאַנצן נאָמען פון אפרים.
און דו זאָלסט פאַרן פאָלק ניט בעטן,
ניט אויפהויבן פאַר אים קיין תפילה,
ווייל איך וועל דיר ניט צוהערן.
צי זעסטו ניט, וואָס יענע טוען
אין אַלע שטעט פון לאַנד יהודה
און אין די גאַסן ירושלימס?
די קינדער קלייבן העלצעלעך,
די טאַטעס צינדן אָן דעם פייער
די מאַמעס קנעטן טייג אויף קוכנס
אַלץ פאַר די הערשאַפטן פון הימל,
און גיסן טראַנק - אָפּער
צו געטער אַנדערע,

מיך צו דערצערענען.
צי מיך דערצערנט איר, ברענט גאָט?
ניין! זיך אליין, צו אייער שאנד!
דעריבער וועט מיין גרימצאָרן
זיך אויסגיסן אויף אַט דעם אָרט,
אויף מענטשן, בהמות, בוים פון פעלד
אויף פרוכט פון ערד —
מיין צאָרן ברענט און לעשט ניט איין.
אזוי זאָגט אייך דער גאָט ישראלס:
די בראנד־אָפּפערס און שלאַכט־אָפּפערס —
איר קענט צונויפלייגן זיי אלע
און מאכן זיך א גוטן מאָלצייט!
ווייל ווען איך האָב די אבות אייערע
ארויסגעפירט פון לאַנד מצרים
האָב איך מיט זיי ניט אָפּגערעדט
פונוועגן בראנד - און שלאַכט - אָפּער,
נאָר דאָס האָב איך באפוילן זיי:
הערט צו מיין שטים!
וועל איך זיין אייער גאָט
און איר וועט גיין אין מיינע וועגן
און אייך וועט גוט זיין!
נאָר זיי האָבן ניט צוגעהערט,
ניט צוגעלייגט די אויערן,
נעפאָלגט גאָר עצות אנדערע,
די אייגענע עקשנותדיגקייט,
צוריקגעגאַנגען, ניט פאָרויס.
פון יענעם טאָג אָן, זינט עס זיינען
די אבות אייערע ארויסגעגאַנגען
פון לאַנד מצרים, ביז אצינד —
האָב איך טאָג - טעגלעך אייך געשיקט
נביאים מיינע, אייך צו וואָרענען,
און זיי האָבן ניט צוגעהערט,
געבליבן ביז אצינד פאַרעקשנט.
און ווען דו וועסט זיי דאָס אלע זאָגן,
זיי וועלן דיך ניט צוהערן;
און ווען דו וועסט זיי רופן הויך,
זיי וועלן דיר ניט ענטפערן.
דעריבער זאָג זיי: אַט א פאָלק!
די שטים פון גאָט ניט צוגעהערט,
קיין וואָרענונג ניט אָנגענומען,
פארלוירן איז דער גלויבן זיינער,
פון זייער האַרצן אויסגעשניטן!
שנייד אָפּ דיין קרוין און וואַרף אַראָפּ,
הויב אויף א קלאָג אויף אלע הויכן,
פארמיאוסט האָט גאָט און פארוואָרפן
דעם דור, וואָס האָט דערצערנט אים.
יהודה'ס זין האָבן אין טעמפּל,
וואָס ווערט גערופן אויף מיין נאָמען,
די שאַנד - בילדער אריינגעשטעלט
און אים דערמיט פאראומווערדיגט;
געבויט די במות אינם תּופת,
וואָס אינם טאָל בן - הינום און
פארברענט אין פייער זין און טעכטער,
וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהייסן,
קיינמאָל ניט געטראַכט דערפון.
דעריבער וועלן קומען טעג,
ווען ס'וועט שוין ניט געזאָגט ווערן:
דער תּופת און דער טאָל בן - הינום,
נאָר „טאָל פון די געהרגעטע"
עס וועט קיין אָרט ניט זיין אין תּופת
פאַר אלע טויטע צו באַגראָבן
און ס'וועלן דאמאָלס טויטע קערפּערס
פון אַט דעם פאָלק צופרעסן ווערן
פון רויב - פויגלען און רויב - חיות

און קיינער וועט זיי ניט פּאַריאָגן
און דאַמאָלס וועל איך אָפּשאַפן
פון שטעט יהודה'ס, גאַסן ירושלימס
דעם קול פון פרייד און לוסטיקייט
דעם קול פון חתן און פון כלה
ווייל ס'וועט די גאַנצע לאַנד זיין חרוב.

---

און ס'האָט געהערט דער כוהן פשחור,
דער אויפזעער אין טעמפּל גאָטס,
וואָס ירמיהו זאָגט נביאות,
האָט ער געשלאָגן ירמיהון
און אים אַריינגעזעצט אין קעלער
פון אויבערשטן בנימין - טויער.
אויף מאָרגן האָט ער אים באַפרייט.
האָט ירמיהו אים געזאָגט:
ניט פשחור וועט שוין זיין דיין נאָמען
נאָר שרעקעניש פון אַלע זייטן.
ווייל דו וועסט זען מיט שרעקעניש,
ווי ס'פאַלן דיינע פריינט פון שווערד,
ווי איך גיב איבער גאַנץ יהודה
דעם קיניג בבל, און ער וועט
פאַרטרייבן זיי און הרגענען.
און כ'וועל די גאַנצע מאַכט פון שטאָט,
איר מאַטערניש, איר פּרעכטיקייט,
יהודה'ס קיניגלעכע אוצרות,
אַלץ איבערגעבן זייער פיינט,
און ער וועט צוראַבירן זיי,
און צונעמען, קיין בבל ברייגנען,
און דו אַליין מיט דיין געזינד
וועסט אויך גיין אין געפאַנגענשאַפט,
קיין בבל קומען, דאָרטן שטאַרבן
דאָרטן אויך צו קבורה-קומען
צוזאַמען מיט די אַלע פריינט,
וואָס האָסט זיי פאַלש געזאָגט נביאות.

*

און אַז דער קיניג צדקיהו
האָט זיינע לייט צו אים געשיקט,
געבעטן: גיי, בעט גאָט פאַר אונז,
ווייל ס'קעמפט מיט אונז נבוכדנצר,
וועט אפשר גאָט אַ נס באַווייזן
און ער וועט אָפּטרעטן פון אונז, —
האָט ירמיהו זיי געזאָגט:
גייט זאָגט דעם קיניג צדקיהו:
אַזוי זאָגט גאָט, דער גאָט ישראלס:
איך קער אַוועק די קאַמף - געווער,
וואָס איר האָט אין דער האַנט גענומען,
צו קעמפן קעגן קיניג בבלס
און קעגן כשדים - פאָלק, וואָס לאַגערט
אַרום דעם מויער ירושלימס;
איך פיר זיי אין דער שטאָט אַריין
און קעמף אַליין אַנטקעגן אייך
מיט אויסגעשטרעקטער האַנט און שטאַרקן
אָרים
און ברענענדיגן גרימצאָרן.
און כ'מאָרדעווע די איינוואוינערס,
די מענטשן און די בהמות גלייך —
זיי וועלן אויסשטאַרבן אין פעסט
נאָכדעם, זאָגט גאָט, וועל איך צדקיהון
און זיינע קנעכט און אויך דעם פאָלק,
וואָס וועט פאַרבלייבן פון דער פעסט
און אויך פון שווערד און פונם הונגער, —
אין האַנט פון שונא איבערגעבן
פון נבוכדנאצר קיניג בבלס,
וועט ער זיי טויטן מיטן שווערד

וועט זיי ניט שוינען, שאַנעווען,
אויף קיינעם ניט רחמנות האָבן.
און זאָג דעם פאָלק דעמדאָזיגן;
אַזוי זאָגט גאָט: איך גיב פאַר אייך
דעם וועג פון לעבן און פון טויט;
ווער ס'בלייבט אין שטאָט דערדאָזיגער,
דער שטאַרבט פון שווערד, פון הונגער,
פעסט;
און אויב ווער גייט אַרויס פונדאַנען
און לויפט אַריבער צו די כשדים,
וועלכע באַלאַגערן די שטאָט,
דער וועט זיין לעבן ראַטעווען.
ווייל איך האָב אויף דער שטאָט געקוקט,
איר שלעכטס צו טאָן און ניט קיין גוטס;
דער קיניג בבלס נעמט איר איין
און וועט פאַרברענען איר אין פייער.
און צו דער הויז פון קיניג יהודה'ס:
הערט גאָטס וואָרט, געזינד פון דוד.
איר זאָלט משפטן גערעכנייג,
דעם באַרויבטן ראַטעווען
פון דער האַנט פון זיין באַדריקער
טאָמער וועט מיין צאָרן ברענען,
ווי א פייער, ניט פאַרלעשן,
מחמת אייערע פאַרברעכנס!

---

באַקלאָגט ניט דעם טויטן,
באַדויערט אים ניט,
באַוויינט דעם פאַריאָגטן,
וואָס קומט ניט צוריק
און זעט שוין ניט קיינמאָל
זיין היימישע לאַנד. -
ווייל נאָט האָט געזאָגט

דעם זון יאשיהו'ס,
וואָס קיניגט אַצינד
אויפן טראָן פון זיין פאָטער:
ווען ער וועט אַוועקגיין!
פון דאָזיגן אָרט
וועט ער שוין מער קיינמאָל
ניט קומען צוריק;
וואו ער ווערט פאַרטריבן,
דאָרט וועט ער שוין שטאַרבן! —

*

וויי!...
ער בויט זיין פּאַלאַץ
אָן גערעכטיגקייט,
און אויבער - שטיבלעך
ניט אויף ערלעכקייט.
ער צווינגט זיין חבר
אַרבעטן אומזיסט
און פאַר זיין מאַטער
גיט ער קיין געצאָלט אים.
ער וויל זיך אויסבויען פּאַלאַצן,
מיט גרויסע אויבער - שטובן,
און וויל זיך פענצטערס לאָזן שניידן,
באַדעקן זיי מיט צעדער - האָלץ,
און אויסמאָליעווען זיי מיט פאַרב;
צי בלייבסטו ביי דיין קיניגשאַפט,
וואָס פאַנצערסט זיך מיט צעדערן?
עס פלעגט דיין פאָטער עסן, טרינקען
און טאָן גערעכטיגקייט און רעכט, —
אָט דאָס איז גוט געווען פאַר אים;
פלעגט משפטן דעם אָרימען
און דעם געדריקטן — דאָס איז גוט!
אָט דאָס הייסט דאָך דערקענען מיך! —

זאָגט גאָט — דו אָבער קוקסט און טראַכטסט
נאָר וואָס מער געלט זיך אָנקלייבן,
נאָר וואָס מער ריינע בלוט פאַרגיסן,
נאָר רויב, באַדריקונג אויסצופירן.
דערום האָט גאָט אַזוי געזאָגט
צו יהויקים קיניג יהודה'ס:
עס וועט אים קיינער ניט באַקלאָגן:
„אוי, ברודער מיינער, שוועסטער מיינע!"
עס וועט אים קיינער ניט באַוויינען:
„אוי, האַר געטרייער, איידעלער!"
ער וועט באַגראָבן ווי אַן אייזל,
געשלעפּט, געוואָרפן הינטער שטאָט,
ווייט פון די טויערן ירושלימס!
און אויב כניהו, זון יהויקימס,
איז אַ שטעמפּל אויף מיין פינגער,
רייס איך אים פון דאָרט אַרונטער.
כ'גיב אים איבער צו זיין שונא,
נבוכדנצר קיניג בבלס
און איך וואַרף דיך מיט דיין מאַמען
אין אַ לאַנד אַ ווייטע פרעמדע;
וואו אייער וויג איז ניט געשטאַנען
וועט מען פאַר אייך אַ קבר גראָבן.
און אין דער לאַנד פון אייער חלום,
אַהינצו נאָך צוריק צו קומען,
וועט איר שוין ניט קומען צוריק.
איז ער אַ בילד אַ שמוציגער,
צובראָכענער, אָט דער כניהו,
אַ כּלי אַ פאַרוואָרפענע
פאַרוואָס איז ער מיט זיינע זאָמען
אוועקגעשליידערט אין אַ לאַנד,
וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקענט?
אוי, לאַנד, לאַנד, לאַנד!
הער צו גאָטס וואָרט:
פאַרשרייבט דעם מאַן אַן עלנטער,
אומגליקלעכער אין זיינע צייטן;
ווייל קיינער וועט ניט פון זיין זאָמען
נאָך זיצן אויפן טראָן פון דוד
און זיין אַ הערשער אין יהודה —

---

און דאָס איז וועגן די נביאים:
צובראָכן איז מיין האַרץ אין מיר,
צוטרייסלט אַלע מיינע ביינער,
איך בין פאַרשיכּורט ווי פון ווין, —
פונוועגן גאָט, זיין הייליג וואָרט.
די לאַנד איז פול מיט זנות - טרייבערס,
פאַרשאָלטן איז זי און פאַרדאָרבן,
פאַרטריקנט לאַנקעס ווי אַ מדבר,
ווייל אַלע לויפן שלעכטס צו מאָן
און זייער מאַכט איז ניט מיט רעכט.
ווייל סיי דער נביא, סיי דער כּוהן —
זיי טרייבן אַלע פאַלשקייטן;
איך האָב באַגעגנט זייער רשעות
אויך אין מיין טעמפּל, — איז גאָטס
וואָרט.
דערום וועט זייער וועג פאַר זיי זיין,
ווי גליטשיגקייטן אין דער פינצטער,
און זיי וועלן זיך אויסגליטשן
און פאַלן, אינם טאָג פון שטראָף.
איך האָב אַ שענדלעכקייט געזען
אין די נביאים וואָס איז שומרון,
זיי האָבן פאַרן בעל געדעדט
פאַרפירט צו שלעכטס מיין פאָלק ישראל.
און כ'האָב אַ ווילדקייט אויך געזען
אין די נביאים ירושלימס:

געטריבן זנות, נעגלויבט אין ליגנס,
געשטיצט רשעים אין ראַט שלעכטס, —
געוואָרן אַלע מיר ווי סדום,
און אירע בירגערס ווי עמורה.
וועל איך זיי געבן עסן ווערמוט
און גאַל — וואַסער זיי געבן טרינקען
און איר, זאָגט גאָט צבאות, הערכט ניט
די ווערטער פון אַט די נביאים,
זיי זאָגן אייך פאַרפירענישן,
פון זייער הארצן אויסגעטראַכטע.
ניט ווערטער פון גאָטס מויל געהערטע, —
זיי זאָגן צו די שענדערס מיינע:
גאָט האָט אייך שלום צוגעזאָגט!
צו איטלעכס אויסגעלאַסענעם:
עס וועט אויף אייך קיין בייז ניט קומען!
ווייל ווער איז אין גאָטס ראַט געשטאַנען
און ווער האָט אויפגעכאַפּט זיין וואָרט?
אַט שטורימט אוים אויף זיי גאָטס צאָרן
און ברויזט אויף די רשעים קעפּ,
און ס'וועט דער כעס ניט איינשטילן,
ביז ער פירט אוים זיין גאַנצן פּלאַן —
איר וועט עס שפּעטער שוין באַגרייפן.
איך האָב די נביאים ניט געשיקט
און זיי זיינען אַליין געלאָפן,
איך האָב קיין וואָרט זיי ניט געזאָגט
און זיי זאָגן אַליין נביאות.
און אויב זיי זיינען אין מיין ראַט
געשטאַנען, זאָלן זיי דערציילן
מיין פאָלק די ווערטער אמתע,
פון שלעכטן וועג אים אָפּפירן
פון אַלע בייזוויליגקייטן!
איך הער, ווי די נביאים זאָגן:
„אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט!"
ווי לאַנג נאָך וועלן זיי געגאַרן?
צי מיינען זיי מיט די חלומות,
וואָס זיי דערציילן זיך אנאנדער,
מיין נאָמען אָפּווישן ביים פאָלק,
ווי ס'האָבן פריער בני ישראל
צוליבן בעל מיך פאַרגעסן? —
דער נביא, וועלכער האָט אַ חלום,
זאָל אַט דעם חלום אויסדערציילן,
און ווער עס האָט געהערט גאָטס וואָרט,
זאָל ריידן ווערטער אמתע;
למאי די שטרוי מיט קאָרן מישן?
מיין וואָרט איז דאָך אַזוי ווי פייער
און ווי אַ האַמער שמעטערט פעלזנס.
וועל איך זיך נעמען צו די נביאים,
וואָס גנבענען מיין וואָרט ביים חבר,
וואָס נעמען ווערטער אייגענע
און זאָגן: אַט אַזוי זאָגט גאָט!...
דערציילן אייגענע חלומות,
פאַרפירן אַלעמען מיט ליגנס,
און איך, גאָט, האָב זיי ניט געשיקט
און האָב זיי קיין זאַך ניט באַפוילן,
און אַז דער פאָלק וועט ביי דיר פרעגן,
צי נאָר אַ נביא, צי אַ כוהן:
וואָס איז דער פאַרטראַג איצט פון גאָט?
זאָלסטו זיי זאָגן: וועלכער פאַרטראַג?
פאַרטראָגן וועט איך גאָט פונדאַנען!...
און איטלעכס נביא, אָדער כוהן,
וואָס וועט איצט זאָגן: פאַרטראָג גאָטס!
וועל איך דערפאַר זיי האַרב באַשטראָפן,
אַזוי זאָלט איר דעם חבר פרעגן:
וואָס האָט געזאָגט גאָט?

וואָס געענטפערט?
איר זאָלט ניט זאָגן: „פאַרטראָג גאָטס״
אַ פאַרטראָג הייסט אַן אייגן וואָרט
און ניט אַ וואָרט פון גאָט דעם לעבעדיגן!
און אויב איר זאָגט אַלץ: פאַרטראָג
גאָטס,
וועל איך פאַרטראָגן אייך גאַנץ ווייט
פון אייער היים, פון אייער שטאָט
און כ׳ברענג אויף אייך אַ שאַנד אויף
אייביג,
וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

———

נאָכדעם ווי ס׳האָט נבוכדראצר
פאַרטריבן יהויכינען
און אַלע פירשטן פון יהודה
און אַלע מייסטערס און די שלאָסערס
און זיי אוועקגעפירט קיין בבל —
האָט גאָט געוויזן מיר צוויי קערב
מיט פייגן שטייען פאַרן טעמפּל
איין קאָרב מיט פייגן זייער שיינע,
ווי פייגן רייף - געוואָרענע
און איין קאָרב פייגן זייער שלעכטע,
וואָס קענען ניט געגעסן ווערן.
און גאָט האָט מיר אַזוי געזאָגט:
די שיינע פייגן — ס׳איז דער גלות,
פאַרשיקט פונדאַנען אין לאַנד כשדים;
איך ווענד אויף זיי מיין בליק צום גוטן
און בריינג זיי ווידער אין דער לאַנד
און וועל זיי אויפבויען
און ניט צושטערן
און וועל זיי איינפלאַנצן
און מער ניט אויסרייסן.
און כ׳גיב פאַרשטאַנד זיי, מיך צו קענען,
זיי וועלן זיין ביי מיר אַ פאָלק
און איך וועל זיין ביי זיי אַ גאָט.
די פייגן די פאַרדאָרבענע,
וואָס קענען ניט געגעסן ווערן,
ס׳איז צדקיהו מיט די פירשטן
און ירושלימס איבערבלייב,
וואָס זיינען אין דער לאַנד פאַרבליבן;
און די, וואָס זיצן אין מצרים,
איך מאַך פון זיי אַ שרעקעניש,
אַ שאַנד, אַ משל און אַ קללה
פאַר אַלע מלוכות פון דער וועלט,
וואוהין איך וועל פאַרטרייבן זיי.
און איך שיק אַן אויף זיי דעם שווערד,
דעם הונגער און אויך די מגפה,
ביז זיי וועלן פאַרטיליגט ווערן
פון אָט דער ערד, וואָס כ׳האָב אַמאָל
געשיינקט די אבות זייערע.

———

אין פערטן יאָר פון יהויקים
האָט ירמיה אַזוי געזאָגט, —
פון יאָר דעם דרייצענטן פון יאשיהו
— ס׳איז שוין דריי און צוואַנציג יאָר —
האָב איך צו אייך גערעדט טאָג־טעגלעך
און איר האָט מיך אַלץ ניט געהאָרכט,
טאָג - טעגלעך האָט גאָט אייך געשיקט
נביאים אַנדערע, חוץ מיר,
און איר האָט קיינעם ניט געפאָלגט,
דערום וועל איך אַראָפּברייגגען
די אַלע צפונדיגע שטאַמען,
און אויך מיין קנעכט נבוכדראצר,
און זיי וועלן די לאַנד פאַרוויסטן,

צו שמאך און שמוצערניש איר מאכן,
און ס'וועט ביי זיי פארשוואונדן ווערן
דער קול פון פרייד און לוסטיגקייט,
דער קול פון חתן און פון כלה
דער קול פון מיל, דער שיין פון ליכט
די גאנצע לאנד וועט זיין איין חורבן,
און אט די פעלקער וועלן דינען
דעם קיניג בבלס זיבעציג יאר.
און אז די זיבעציג יאר וועט פול זיין,
וועל איך באשטראפן בבלס קיניג
און אויך דעם פאלק, די לאנד פון כשדים
און כ'מאך זיי וויסט אין אייביגקייט,
און ס'וועלן פעלקער זיי פארקנעכטן
וועט דאס פאר זיי זיין מיין באצאלונג,
פאר אלע מעשים זייערע.

---

און אז געהערט האבן די כוהנים
און די נביאים און דער פאלק,
ווי ירמיה רעדט די ווערטער גאטס,
און זיי האבן געפאנגען אים,
געזאגט: דו וועסט געטויט ווערן!
פארוואס האסטו געזאגט נביאות:
גאטס טעמפל וועט ווי שילה ווערן!
די גאנצע שטאט וועט חרוב ווערן!
און ס'האט דער פאלק פארקליבן זיך
אויף ירמיה'ן אין טעמפל גאטס.
האט ירמיה אלעמען געענטפערט:
ס'האט גאט געשיקט מיך, אייך צו זאגן
די ווערטער, וואס איר האט געהערט:
אויב איר וועט אלע בעסער ווערן,
וועט גאט זיך אויף דאס בייז באדיינקען.
און איך בין איצט אין אייער האנט
איר קענט מיר טאן אלץ וואס איר ווילט.
נאר ווייסן זאלט איר: אויב איר טויט מיך,
נעמט איר אויף זיך אומשולדיג בלוט.
און ס'האט דער פאלק און זיינע הארן
געזאגט די כוהנים און נביאים:
דער מענטש האט ניט פארדינט
דעם טויט, —
אין נאמען גאטס האט ער גערעדט;
אט האט אויך מיכה דער מורשתי
אין חזקיה'ס צייט געזאגט נביאות:
„ס'ווערט ציון ווי א פעלד צואקערט,
ירושלים ווערט ווי בערגעלעך,
דער טעמפל־בארג — א װאלד־הויכקייט"
צי האט אים חזקיה געטויט?
ניין, ער האט זיך פאר גאט דערשראקן
און אים געבעטן; האט גאט באדיינקט זיך
און ניט געבראכט אויף זיי די שלעכטס.

*

עס האט אויך איינער, אוריהו,
געזאגט נביאות, אין גאטס נאמען,
אלץ ווי די ווערטער ירמיה'ס
און ס'האט דער קיניג יהויקים
און זיינע העלדן און די הארן
געוואלט אים פאר די ווערטער טויטן,
איז ער אנטלאפן קיין מצרים
און ס'האט דער קיניג יהויקים
געשיקט אים נעמען פון מצרים,
געבראכט אין לאנד און טויטגעשלאגן.
נאר ס'האט אחיקם, שפנס זון,
ירמיה'ן געראטעוועט
דער פאלק זאל אים ניט טויט שלאגן.

---

אינאַנהויב מלכות יהויקים
האָט ירמיה אַזוי געזאָגט:
ס'האָט גאָט באַפוילן, איך זאָל מאַכן
אַ יאָך פון שטאַנגען און פון שטריק
ארויפליינען זיך אויפן האַלדז,
נאָכדעם עס שיקן צו די מלכים
פון אדום, מואב, עמון, צור און צידון
דורך די שלוחים וויירע,
געקומענע קיין ירושלים
צו צדקיהו קיניג יהודה'ס,
(אַ בונט צו שליסן קעגן בבל)
און זאָלסט באַפוילן זיי צו זאָגן:
גייט, זאָגט די האַרן אייערע:
ס'האָט גאָט די גאַנצע וועלט באַשאַפן
די מענטשן און די בהמות אַלע,
פאַרטיילט ער איר ווי אים געפעלט.
און גאָט האָט אַט די אַלע לענדער
אַוועקגעגעבן צו זיין קנעכט
נבוכדראצר קיניג בבלס
און אויך די חיות פונם פעלד
אַוועקגעגעבן אים צו דינען
און ס'וועלן אַלע פעלקער מוזן
אים דינען און זיין זון און זונס זון
ביז וואַנען ס'קומט אויף אים די צייט,
און ער וועט אַנדערע פעלקער דינען
און אויב עס וועט אַ פאָלק ניט וועלן
אריינרוקן זיין האַלדז אין יאָך
פון נבוכדראצר קיניג בבלס,
וועל איך באַשטראָפן יענעם פאָלק
מיט שווערד, מיט הונגער און מיט פעסט
ביז ער פאַרטיליגט אים אינגאַנצן.
איר הערט ניט אייערע נביאים,
מכשפים און חלומות - זעערס,
וואָס זאָגן אייך: איר וועט ניט דינען
נבוכדראצר, קיניג בבלס!
זיי זאָגן אייך נבואות פאַלשע,
אייך צו דערווייטערן פון אייער ערד,
און איר זאָלט אַלע אומקומען.
און נאָר דער פאָלק, וואָס וועט זיין האַלדז
אריינברענגען אין בבלס יאָך,
וועט בלייבן זיצן אויף זיין ערד.
אויך צדקיה'ן יהודה'ס קיניג,
האָב איך געזאָגט די זעלבע ווערטער
און אויך די כוהנים, דעם פאָלק:
ניט הערט, וואָס ס'זאָגן די נביאים
די כלים פון גאָטס טעמפל וועלן
שוין באַלד צוריקגעבראַכט פון בבל —
זיי זאָגן אייך נביאות פאַלשע.
איר האָרכט ניט, וואָס זיי זאָגן אייך;
דינט בבלס קיניג וועט איר לעבן!
און אויב נביאים זיינען זיי,
און אויב ביי זיי איז דאָ גאָטס וואָרט,
טאָ זאָלן זיי מתפלל זיין,
אַז אויך די איבעריגע כלים,
געבליבענע אין טעמפל גאָטס,
אין קיניגס פּאַלאַץ פון יהודה,
זאָלן ניט געבראַכט ווערן קיין בבל,
ווייל אַט אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
די זיילן, דער פאַנטאַן און די געשטעלן
און אַלע איבעריגע כלים,
וואָס זיינען דאָ אין שטאָט געבליבן,
ווען נבוכדראצר קיניג בבלס
האָט יהויכינען פאַרטריבן —
מ'וועט זיי אָפפירן קיין בבל

און דאָרטן וועלן זיי פאַרבלייבן,
ביז איך וועל זיי דערמאָנען און
זיי אויפברענגען אַהער צוריק.

---

אין פערטן יאָר פון צדקיהו,
אין פינפטן חודש, האָט חנניה
דער נביא אין גאָטס הויז געזאָגט
פאַר אַלע כּוהנים און פאָלק:
אַזוי זאָגט גאָט: איך האָב צובראָכן
דעם קיניג נבוכנאצרס יאָך!
און איך וועל אין צוויי יאָר אַרום
אַהער ברייגען צוריק פון בבל
די כּלים פונם טעמפּל גאָטס
און אויך דעם קיניג יהויכין
און אויך דעם גאַנצן גלות יהודה
ברענג איך צוריק אין שטאָט אַריין.
און ירמיה דער נביא ענטפערט:
אמן! זאָל גאָט דיין וואָרט דערפילן!
נאָר הער, וואָס איך וועל דיר דאָ זאָגן
פאַר אַלע הארן און דעם פאָלק:
ווען ס'זאָגט אַ נביא אין גאָטס נאָמען,
אַז קומען וועט אין לאַנד דער שלום,
איז ערשט ווען ס'ווערט דאָס וואָרט
מקויים.
פאַרשטייט מען, אַז ס'האָט גאָט געשיקט
אים.
חנניה האָט געכאַפּט דעם שטאַנג
פון ירמיה'ס האַלדז און אים צובראָכן,
דערביי געזאָגט פאַר אַלעמען:
אַזוי זאָגט גאָט: איך וועל אַזוי
צוברעכן נבוכדנאצרס יאָך,
נאָך צוויי יאָר, פון די פעלקערס העלדזער,

זאָגט ירמיה: אַזוי זאָגט גאָט:
האָסט שטאַנגען הילצערנע צובראָכן,
וועסט מאַכן שטאַנגען אייזערנע.
איך לייג אַ יאָך אַן אייזערנעם
אויף העלדזער פון די פעלקער אַלע,
צו דינען נבוכדנאצרן,
און ירמיה זאָגט צו חנניה'ן:
הער צו חנניה! ס'האָט ניט גאָט
געשיקט דיך די נבואה זאָגן;
האָסט צוגעזאָגט דעם פאָלק מיט
פאַלשקייט!
דעריבער וועט דיך גאָט פאַריאָגן
פון אָט דער ערד; דו שטאַרבסט נאָך
היי - יאָר!
און ס'איז חנניה יענעם יאָר
אין חודש זיבעטן געשטאָרבן.

---

יהודה'ס קיניג, צדקיה,
האָט נבוכדנאצרן געשיקט
שילוחים צוויי. האָט ירמיה
דורך זיי אַ בריוו געשיקט צו אַלע
פאַרטריבענע מיט יהויכין,
די כּוהנים און די נביאים
און אויך דעם גאַנצן פאָלק אין גלות,
און האָט אין בריוו אַזוי געשריבן:
גאָט זאָגט: בויט הייזער און באַוואוינט זיי,
פלאַנצט גערטנער און עסט די פרוכט,
נעמט ווייבער און ברענגט זין און
טעכטער,
מאַכט חתונה די זין און טעכטער
און זאָלן זיי אויך קינדער האָבן,
און פרוכפערט זיך און ווערט ניט ווייניג,

און זוכט דעם שלום פון דער שטאָט,
וואוהין איך האָב פארטריבן אייך
און זייט פאר איר צו גאָט מתפּלל,
ווייל איר שלום איז אייער שלום.
און לאָזט זיך ניט פארפירן פון
נביאים און חלומות - זעערס,
ווייל זיי זאָגן נביאות פאַלשע
אין נאָמען גאָטס; גאָט שיקט זיי ניט!
אזוי זאָגט גאָט: ווען ס'וועט אריבער
אין בבל פולע זיבעציג יאָר,
וועל איך דערמאָנען אייך צום גוטן
און אויספירן מיין גוטן אָנזאָג
און ברענגען אייך אהער צוריק.
און אחאבן און צדקיהון,
די צוויי נביאים, וועלכע זאָגן
נבואות פאַלשע אין מיין נאָמען,
וועל איך אין האַנט פון קיניג בבלס
איבערגעבן, זיי צום טויטן,
ווייל זיי האָבן אַ שאַנד געטאָן,
מיט ווייבער פרעמדע דאָרט געזינדיגט.

*

און שמעיה דער נחלמי האָט
געשיקט בריף צו די כּוהנים:
איר זיינט דאָך אויפזעערס אין טעמפּל,
מוזט איר משוגענע נביאים
אין קייטן שמידן
אין תּפיסות ווארפן
פאַרוואָס - זשע האָט איר ניט געשטערט
דעם נביא ירמיה פון ענתות
וואָס האָט געשיקט צו אונז קיין בבל:
עס וועט נאָך לאַנג געדויערן,
בויט הייזער און באַוואוינט זיי,
פלאַנצנט גערטנער און עסט די פרוכט?—
און צפניה פון די כּוהנים
האָט ירמיה'ן דעם בריף געלייענט,
האָט ירמיה געשיקט אין גלות
אין נאָמען גאָטס אזוי צו זאָגן:
ס'האָט שמעיה אייך געזאָגט נביאות
און איך, גאָט, האָב אים ניט געשיקט;
ער האָט מיט ליגנס אייך פארזיכערט.
דערום וועט ער באַשטראָפט ווערן
צוזאַמען מיט די קינדער זיינע:
זיי וועלן צווישן פאָלק ניט זיצן
און קיינער וועט פון זיי ניט זען
דאָס גוטס, וואָס איך וועל טאָן מיין פאָלק,
ווייל ער האָט איצט דעם פאָלק פארפירט.

---

אין צענטן יאָר פון צדקיהו,
ווען ס'האָט דאָס מיליטער פון בבל
געלאַגערט אויף ירושלים,
איז ירמיה געווען פארשלאָסן
אין תּפיסה פונם קיניג יהודה'ס,
ווייל ער האָט אַלץ געזאָגט נביאות,
אַז בבל וועט די לאַנד פאַרצווינגען
און צדקיה וועט ניט אנטרינען —
נבוכדנאצר וועט אים פאַנגען
און אים אַוועקפירן קיין בבל.
און ס'איז חנמאל, ירמיה'ס פעטער,
צו אים געקומען אין דער תּפיסה
און אים געזאָגט: קויף אָפּ מיין פעלד,
וואָס אין ענתות, ווייל דו ביסט אַ גואל.
האָט ירמיה געקויפט די פעלד
און אָפּגעוואויגן אים דאָס געלט
פארשריבן אויף אַ בריף, געחתמעט,

און אויך באַשטעטיגט עס מיט עדות.
ער האָט גענומען אַט דעם קויף־בריוו,
דעם אָפּגענעם און דעם געחתמעטן,
און די געבאָטן און געזעצן,
און אָפּגעגעבן ברוכן,
פאַר עדות די געחתמעטע
און פאַרן גאַנצן פאָלק אַרום
און ברוכן אַזוי באַפוילן:
לייג אַלע בריוו דיראַזיגע
אין אַ געפעס אַן ערדענע
זיי זאָלן שטיין אַ לאַנגע צייט.
ווייל גאָט צבאות האָט געזאָגט:
מ׳וועט נאָך קויפן הייזער, פעלדער
און וויינגערטנער אין אַט דער לאַנד.
אַזוי זאָגט גאָט: ווי כ׳האָב געבראַכט
אויף אַט דעם פאָלק דאָס גרויסע שלעכטס,
וועל איך אויף אים אויך שפּעטער
ברענגען
דאָס גאַנצע צוגעזאָגטע גוטס.
און דאָ אין לאַנד, וואָס איז איצט וויסט,
ניטאָ קיין מענטשן און בהמות,
אַלע איז פאַרנומען דורך די כשדים, —
אַט דאָ האָב איך אַ פעלד געקויפט;
מ׳וועט פאַר געלט נאָך פעלדער קויפן,
אין בריוו פאַרשרייבן, חתמענען,
מיט עדות עס באַשטעטיגן
אין לאַנד בנימין און יהודה
און אין ירושלימס געגנט
און אין די שטעט פון בערג און טאָלן
אויך אין די שטעט פון נגב, — ווייל
איך וועל זייער געפאַנגענשאַפט
צוריק ברענגען! — אַזוי זאָגט גאָט.

און ס׳האָט דער קיניג צדקיהו
אַ בונד געשלאָסן מיטן פאָלק,
אַז פרייהייט זאָל גערופן ווערן:
אַז איטלעכער זאָל פריילאָזן
די קנעכט און דינסטן פונם פאָלק,
אַז איין יהודי זאָל ניט זיין
ביים אַנדערן קיין שקלאַף.
און אַלע הארן און דער פאָלק,
וואָס האָבן אַט דעם בונד געשלאָסן,
האָבן געפאָלגט און פרייגעלאָזט.
און נאָכדעם האָבן זיי צוריק
די קנעכט און דינסטן די באַפרייטע
צו זיך גענומען און פאַרשקלאַפט.
האָט ירמיה צו זיי געזאָגט
אין נאָמען גאָטס: אין יענעם טאָג,
ווען איך האָב איך ארויסגעפירט
פון אייער קנעכטשאַפט אין מצרים,
האָב איך מיט די אבות אייערע
אַ בונד געשלאָסן און געזאָגט:
איר זאָלט צום סוף פון זיבן יאָר
באַפרייען אייער קנעכט דעם עברי,
וואָס האָט פאַרקויפט זיך צו זיין ברודער;
זעקס יאָר זאָל ער דעם ברודער דינען,
דעם זיבעטן ארויסגיין פריי.
און זיי האָבן מיר ניט געפאָלגט
און ניט באַפרייט די ברידער־קנעכט.
אַצינד האָט איר שוין גוטס געטאָן,
גערופן פרייהייט פאַר די ברידער
און אויך דערויף אַ בונד געשלאָסן.
און איצט צוריק פאַרשוועכט מיין נאָמען
גענומען די באַפרייטע ברידער,
און באַצוואונגען זיי

פאַר קנעכט און דינסטן;
טאָ הערט גאָטס וואָרט: איר ווילט ניט פאָלגן
צו לאָזן פריי די ברידער אייערע,
וועל איך אייך פריי מאַכן צום שווערד
צו פעסט, צו הונגער און צו שמאָך
אנטקעגן אַלע קיניגרייכן.
און אָט די אַלע הארן יהודה׳ס,
די כּוהנים און די באַאַמטע
און אויך דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד,
וואָס האָבן דאָ אַ בונד געשלאָסן,
אַ קאַלב צושניטן אויף צוויי טיילן
און צווישןביידע דורכגעגאַנגען,
און נאָכדעם יענעם בונד געבראָכן —
גיב איך זיי איבער צו די פיינט,
צו די, וואָס זוכן זייער נפש,
און זייערע טויטע קערפּערס וועלן
ווערן שפּייז פאַר רויב - פויגלען
און פאַר די חיות אויף דער ערד.
און אויב די מיליטער פון בבל
האָט איצט פון אייך אַוועקמאַרשירט,
וועל איך אַהער צוריק זיי ברענגען
און זיי וועלן די שטאָט באַקעמפן,
באַצווינגען און פאַרברענען איר,
די שטעט יהודה׳ס חרוב מאַכן,
אַז ס׳וועט קיין איינוואוינער ניט בלייבן,
אויך צדקיהו מיט די הארן
וועל איך זיי איבערענטפערן,
זיי אין געפאַנגענשאַפט צו נעמען.

---

און אין דער צייט פון יהויקים
איז ירמיה אַמאָל געגאַנגען
צו דער געזינדל פון רכבים
יאזניה מיט די זין און ברידער,
אַריינגעפירט אין טעמפּל גאָטס,
אין קאַמער פון די זין פון חנן,
און בעכערס וויין פאַר זיי דערלאַנגט,
געזאָגט, זיי זאָלן טרינקען וויין!
זיי ענטפערן: מיר טרינקען ניט,
ווייל ס׳האָט יונדב אונזער פאָטער
אונז אָנגעזאָגט, קיין וויין ניט טרינקען
ניט קינדער און ניט קינדס קינדער,
מיר זאָלן אויך קיין הויז ניט בויען
קיין פעלד ניט זייען און ניט האָבן,
קיין כּרם פלאַנצן און ניט האָבן,
נאָר אין געצעלטן זיצן שטענדיג,
אַזוי די גאַנצע יאָרן לעבן
און מיר האָבן געפאָלגט דעם פאָטער
קיין וויין געטרונקען מיט געזינד,
קיין הויז געבויט, קיין פעלד געזייט
און אויך קיין כּרם ניט געפלאַנצט
געזעסן שטענדיג אין געצעלטן,
און אַז ס׳איז בבלס חיל געקומען
זיינען מיר פון זיי אַנטלאָפן
און זיך באַזעצט אין ירושלים.
האָט ירמיה געזאָגט דעם פאָלק:
איר זעט, עס האָבן די רכבים
געפאָלגט יונדבן, דעם פאָטער,
קיין וויין געטרונקען ביז אַצינד, —
און איך האָב אייך געזאָגט טאָג־טעגלעך,
געשיקט צו אייך נביאים מיינע,
איר זאָלט פאַרלאָזן אייער וועג,
פאַרבעסערן די מעשים אייערע,
און איר האָט ניט געוואָלט מיר פאָלגן.

דערום, זאָגט גאָט, וועל איך אויף אייך
די אַלע שלעכטיגקייטן ברענגען — —
— — — — — — — — — —

———

אין פערטן יאָר פון יהויקים
האָט גאָט געזאָגט צו ירמיהון:
נעם אַ מגילה און פאַרשרייב
אַלץ, וואָס דו האָסט אַמאָל גערעדט
פון יאשיהו׳ס צייט ביז איצט,
וועט אפשר איצט ישראל הערן
די שלעכטס, וואָס איך פאַרטראַכט
אויף זיי
און וועט זיין שלעכטן וועג פאַרלאָזן
וועל איך אים נאָך זיין זינד פאַרגעבן.
האָט ירמיה גערופן ברוכן
און ברוך האָט פון ירמיה׳ס מויל
פאַרשריבן אַלע ווערטער גאָטס
אויף אַ מגילה, אין אַ בריף.
און ירמיה האָט אים געזאָגט:
איך בין פאַרהאַלטן, קען ניט קומען
אין טעמפּל גאָטס, טאָ גיי - זשע דו
און לייען דאָרטן די מגילה,
וואָס דו האָסט פון מיין מויל געשריבן,
פאַר אַלעמען, אין טאָג פון פאַסטונג,
אויך פאַר די מענטשן פון יהודה,
וואָס קומען פון די שטעט אַהער,
און אַלע זאָלן וויסן, אַז
ס׳איז גרוים גאָטס צאָרן אויפן פאָלק
און אפשר וועלן זיי פאַרלאָזן
די שלעכטע מעשים זייערע.
און ברוך האָט אַזוי געטאָן,
ווען ס׳איז געווען אַ גרויסער תענית,

איז ער געקומען אין גאָטס טעמפּל
און האָט געלייענט די מגילה
ביים טיר פון טויער, אינם הויף,
פאַר אַלע דאָרט פאַרזאַמלטע.
און אַז ס׳האָט מיכה, גמריה׳ס זון
געהערט גאָטס ווערטער פונם בריף,
איז ער אַוועק אין קיניגס פּאַלאַץ,
וואו ס׳זיצן אַלע גרויסע הארן,
און האָט דערציילט זיי וואָס געהערט,
און זיי האָבן געשיקט אַ שליח
צו ברוכן אַזוי צו זאָגן:
נעם די מגילה און קום באַלד!
איז ברוך באַלד צו זיי געקומען.
„איצט זעץ זיך, לייען איר אונז פאָר!״
האָט ברוך זיי אַלץ פאָרגעלייענט.
און ווי זיי האָבן אַלץ געהערט,
איז אַלעמען אַ שרעק באַפאַלן,
זיי האָבן ברוכן געפרעגט:
ווי האָסטו עס פון אים געשריבן?
און ברוך האָט אַזוי געענטפערט:
ער האָט מיר מיטן מויל געלייענט
און איך האָב עס מיט טינט פאַרשריבן.
די הארן זאָגן ברוכן:
באַהאַלט זיך דו און ירמיה,
מ׳זאָל ניט וויסן, וואו איר זייט.
געקומען אינם קיניגס הויף,
**דעם בריף באַהאַלטן אין אַ קאַמער**
**און זיי זיינען אַוועק צום קיניג**
און אים דערציילט אַלץ וואָס געשען.
דער קיניג האָט געשיקט יהודי׳ן
פון קאַמער ברענגען די מגילה
און ס׳האָט יהודי איר געלייענט

דעם קיניג און די האַרן אַלע.
דער קיניג זיצט אין ווינטער ־ זאַל
און ס'ברענט פאַר אים דער פייער ־ טאָפּ.
און ווי יהודי האָט געלייענט
אין דער מגילה צוויי ־ דריי זייטן
האָט ער איר מיטן שרייבער ־ מעסער
אַ שניט געטאָן, אין טאָפּ געוואָרפן
און אָט אַזוי פאַרברענט אין פייער.
עס האָבן שרים עטלעכע
דעם קיניג שטאַרק געבעטן, ער
זאָל די מגילה ניט פאַרברענען
ער האָט זיי אָבער ניט געפאָלגט.
ער האָט געשיקט דריי האַרן זיינע
צו פאַנגען ירמיה און ברוכן,
נאָר גאָט האָט זיי פון אים פאַרבאָרגן.
און ירמיה האָט אַ מגילה
גענומען זיך אַן אַנדערע,
געלייענט ברוכן גאָטס רייד
און ער האָט פון זיין מויל פאַרשריבן
ער האָט נאָך צוגעלייגט אַ סך
רייד גייע, ווי דידאָזיגע.

---

ווען נבוכדנאצר קיניג בבלס
האָט יהויכינען פאַרטריבן
און צדקיה'ן געמאַכט פאַר קיניג,
איז פּרעה'ס חייל פון מצרים
אַרויס, האָט בבל זיך דערשראָקן
און איז אַוועק פון ירושלים.
און ירמיה איז ניט געווען
פאַרשפּאַרט אין תּפיסה און פלעגט גיין
צווישן פאָלק אַהין ־ אַהער.
האָט צדקיה געשיקט אים בעטן,
ער זאָל מתפּלל זיין פאַר אים.
האָט ירמיה געשיקט אים זאָגן:
אַט פּרעה'ס מיליטער, וואָס גייט
אייך העלפן, קערט זיך אום צוריק,
די כשדים קומען שוין אַהער.
זיי וועלן קעמפן אויף דער שטאָט,
באַצווינגען איר און איר פאַרברענען.
און זאָל מען זיך ניט איינריידן:
די כשדים וועלן אָפּטרעטן!
אויב איר זאָלט טויטן אַלע כשדים,
וואָס פירן קענען אייך מלחמה,
און ס'וועלן בלייבן מענטשן בלויז
צושטאָכענע אין די געצעלטן, —
זיי וועלן אויפשטיין און פאַרברענען
די שטאָט דידאָזיגע אין פייער! —
און ס'איז געווען, ווען בבלס חייל
האָט פון דער שטאָט זיך אָפּגערוקט, —
בעת פּרעה'ס חייל איז אַרויס, —
האָט ירמיה געלאָזט זיך גיין,
אַרויסגליטשן זיך דורכן פאָלק,
צו קומען אין דער לאַנד בנימין.
און ווען ער איז געווען אין טויער,
האָט אַ באַאַמטער אים געכאַפּט —
„דו גיסט זיך איבער צו די כשדים!"
האָט ירמיה געזאָגט: ס'איז ליגן!
איך גיי ניט איבער צו די כשדים!
נאָר יענער האָט אים אָנגענומען
און צו די האַרן אים געבראַכט.
די האַרן האָבן אים געשלאָגן
און אין געפענגעניש געוואָרפן,
אין הויז פון יונתן דעם שרייבער.
און ירמיה איז דאָרט געזעסן

אַ לאַנגע צייט אין די געוועלבער.
איינמאָל האָט קיניג צדקיהו
געשיקט נאָך ירמיה'ן שטילערהייד,
צו זיך געבראַכט אים און געפרעגט:
האָסטו פאַר מיר אַ וואָרט פון גאָט?
האָט ירמיה געזאָגט: פאַראַן!
דער קיניג בבלס וועט דיך פאַנגען!
נאָכדעם האָט ירמיה געזאָגט:
מיט וואָס האָב איך פאַר דיר געזינדיגט
פאַר דיינע קנעכט און פאַרן פאָלק,
וואָס איר האָט מיך אין גרוב געוואָרפן?
וואו זיינען אייערע נביאים,
וואָס האָבן שטענדיג אייך געזאָגט:
דער קיניג בבלס וועט ניט קומען?
איצינד הער, קיניג, מיין געבעט:
שיק ניט צוריק מיך אין דער גרוב
און לאָז מיך דאָרט ניט שטאַרבן!
האָט קיניג צדקיה באַפוילן,
אריבערזעצן אים אין וואַך
און ברענגען אים אַ לעבל - ברויט
אויף יעדן טאָג פון בעקער - גאַס,
ביז ס'איז אין שטאָט דאָס גאַנצע ברויט
שוין אויסגעגאַנגען.

---

און ירמיה האָט אַלץ גערעדט:
אַזוי זאָגט גאָט:
ווער ס'בלייבט אין שטאָט,
וועט שטאַרבן פונם שווערד,
פון הונגער און פון פעסט,
און ווער ס'וועט צו די כשדים גיין,
וועט ראַטעווען זיין לעבן;
ווייל ס'וועט די שטאָט באַצוואונגען ווערן
דורך קיניג בבלס מיליטער.
די האַרן האָבן עס געהערט,
געזאָגט דעם קיניג צדקיה:
דער מאַן דערדאָזיגער זאָל שטאַרבן,
ווייל ער אַנטמוטיגט דאָך די קעמפערס,
וואָס זיינען נאָך אין שטאָט פאַרבליבן;
דער מאַן איז ניט קיין פריינט דעם פאָלק,
נאָר ווינשט אים בייז! — דער קיניג
זאָגט:
ער איז איצינד אין אייער האַנט;
וואָס קען איך טאָן אַנטקעגן אייך?...
האָט מען גענומען ירמיה'ן,
אַריינגעוואָרפן אים אין גרוב,
אַראָפגעלאָזן אים אויף שטריק;
אין גרוב איז ניט געווען קיין וואַסער,
נאָר ליים; איז ירמיה פאַרזונקען.
און אַ באַדינטער, עבד - מלך,
אַ כושי, האָט געהערט דערציילן,
אַז ירמיה ליגט אין דער גרוב,
איז ער אַוועק צו צדקיהו'ן
און אים געזאָגט: ס'איז אַ פאַרברעך,
צו לאָזן ירמיה'ן אין גרוב,
וואו ער וועט שטאַרבן, ווייל עס איז
קיין ברויט דאָך שוין אין שטאָט ניטאָ.
און ס'האָט דער קיניג אים געזאָגט:
נעם מיט פונדאַנען דרייסיג מאַן,
און זאָל מען ירמיה דעם נביא
שוין באַלד אַרויסנעמען פון גרוב.
און עבד - מלך איז געגאַנגען
מיט דרייסיג מענטשן און גענומען
מיט זיך פאַרפוילטע קליידער - שמאַטעס,
אַראָפגעלאָזט צו ירמיה'ן,

האָט ער די שמאַטעס זיך געלייגט
אונטער די פּאַכוועס, און מ'האָט
אויף שטריק אַרויסגעצויגן אים
און אים געלאָזט אין וואָך פון הויף.
און צדקיה האָט שטילערהייד
געבראַכט אים דורכן דריטן אייַנגאַנג
צו זיך און אים אַזוי געזאָגט:
איך פרעג ביי דיר אַ וואָרט פון גאָט,
זאָלסט נאָר פון מיר ניט לייקענען!
זאָגט ירמיה צו צדקיהון:
אויב כ'זאָג דיר, וועסטו מיך דאָך טויטן,
און ראָט איך דיר, וועסטו ניט פאָלגן!
האָט צדקיה ירמיה'ן געשוואוירן,
אַז ער וועט אים אַליין ניט טויטן
און ניט די האַרן איבערגעבן.
זאָגט ירמיה: אַזוי זאָגט גאָט:
אויב גייסט אַרויס צום קיניג בבלס
וועסטו דיין לעבן ראַטעווען,
די שטאָט וועט ניט פאַרברענט ווערן,
און דו וועסט לעבן מיט דיין הויזגעזינד.
און וועסטו ניט צו אים אַרויסגיין,
וועט די שטאָט פאַר די כשדים פאַלן,
און זיי וועלן פאַרברענען איר,
אויך דו וועסט זיך ניט ראַטעווען.
זאָגט צדקיה צו ירמיה'ן:
איך ציטער נאָר פאַר די יהודים,
וואָס צו די כשדים צוגעפאַלן,
טאָמער גיט מען מיך זיי איבער
— זיי וועלן אָפּשפּאָטן פון מיר.
זאָגט ירמיה צו צדקיה'ן:
מ'גיט דיך ניט אין זייער האַנט,
דו פאָלג גאָטס וואָרט,
און ס'וועט דיר גוט זיין!
און אויב דו ווילסט ניט גיין צו זיי,
טאָ הער וואָס גאָט האָט מיר געוויזן:
עס וועלן דיינע ווייבער, קינדער,
אַרויסגעשלעפּט זיין דורך די כשדים,
אויך דו וועסט ניט אַנטרונען ווערן,
די שטאָט וועט זיין פאַרברענט אין פייער,
און אויך די ווייבער פון די שרים
וועט מען צו בבלס שרים ברענגען
און זיי וועלן פון דיר נאָך לאַכן:
„עס האָבן דיינע גוטע פריינט
דיך איינגערעדט און בייגעקומען;
אַצינד ביסטו אין זומפּ פאַרקראָכן
און זיי זיינען אָוועקגעלאָפן"...
זאָגט צדקיה צו ירמיה'ן:
זאָל קיינער ניט געוואויר ווערן,
וואָס מיר האָבן אַצינד גערעדט,
און דו וועסט ניט געטויט ווערן.
און אויב די האַרן וועלן קומען
דיך פרעגן, וואָס איך האָב גערעדט,
זאָלסטו זיי זאָגן, אַז דו האָסט
ביי מיר געבעטן, כ'זאָל דיך ניט
צוריק אין גרוב אַריינוואַרפן.
איז ירמיה איז וואָך געזעסן
און דאָרט געבליבן ביזן טאָג,
ווען ירושלים איז געפאַלן.

---

אין עלפטן יאָר פון צדקיהו
אין ניינטן טאָג פון פערטן חודש
ווערט ירושלים אויפגעבראָכן
און ס'קומען שרים נבוכדנאצרס,
באַזעצן זיך אין מיטל - טויער.

און אז דער קיניג און די שרים
דערזעען עס, אנטלויפן זיי
ביינאַכט פון שטאָט דורכן קיניגס גאָרטן
און ס'יאָגן זיי די כּשׂדים נאָך
און פאַנגען צדקיה'ן אין סטעפּ
און ברענגען אים צו נבוכדנאצר.
האָט ער געזאָגט אים הארבע ווערטער,
פאַר אים געשאָכטן זיינע זין,
געשאָכטן אויך יהודהס פירשטן
און צדקיהון בלינד געמאַכט
און אים געשמידט אין שווערע קייטן,
אוועקצופירן אים קיין בבל.
פאַרברענט דעם פּאַלאַץ פונם קיניג,
די מויערן פון שטאָט צושמעטערט,
און די געבליבענע אין שטאָט
און אויך די צוגעפאַלענע צו אים
האָט ער אוועקגעפירט קיין בבל,
און בלויז דעם פאָלק דעם אָרימען,
וואָס האָט שוין קיין זאַך ניט פאַרמאָגט,
האָט נבוזראדן שעכטמייסטער
געלאָזן אין דער לאַנד יהודה,
גענעבן פעלדער, וויינגערטנער.
און וועגן ירמיה דעם נביא
האָט נבוכדנאצר אָנגעזאָגט
דעם שעכטמייסטער נבוזראדן:
דו נעם אים, האַלט אים אויף דיין אויג,
טו אים קיין בייז ניט, נאָר דערפיל
אַלץ, וואָס ער וועט באַפוילן דיר.
האָט נבוזראדן שעכטמייסטער
ארויסגענומען ירמיה'ן
פון הויף - וואַך און אים אָפּגעגעבן
צו גדליה, זון אחיקם'ס, ער
זאָל אָפּפירן אים אין זיין הויז.
איז ער געזעסן צווישן פאָלק.

---

און ס'האָט דער שעכטמייסטער געזאָגט
צו ירמיה'ן: גאָט האָט אַפריער
געזאָגט דיר אַלץ, וואָס ער וועט ברענגען
אויף אָט דעם אָרט, פאַר אייער זינד.
אַצינד, ווען אַלץ איז שוין געשען,
מאַך איך דיר פריי פון דיינע קייטן.
און דו קענסט טאָן אַלץ, וואָס דו ווילסט:
געפעלט דיר גיין מיט אונז קיין בבל,
וועל איך מיין אויפמערק שיינקען דיר,
און אויב דו ווילסט ניט גיין קיין בבל,
ליגט פריי פאַר דיר די גאַנצע לאַנד,
וואו דיר געפעלט, דאָרט קענסטו גיין.
אַז ירמיה איז ניט געגאַנגען,
האָט אים דער שעכטמייסטער געזאָגט:
טאָ גיי צו גדליהן, זון אחיקמס
און זיץ מיט אים אינמיטן פאָלק,
קענסט אויך אוועקגיין ערגעץ אנדערש.
האָט אים דער שעכטמייסטער געגעבן
אַ מאָלצייט און אַ סך מתּנות
און ירמיה איז אוועק קיין מצפּה,
וואו ס'זיצט גדליה, זון אחיקמ'ס,
און איז געזעסן צווישן פאָלק,
וואָס איז געבליבן אין דער לאַנד.

*

און ס'האָבן מיליטער - באַאַמטע,
וואָס אויפן פעלד מיט זייערע לייט,
געהערט, אַז קיניג בבל האָט
באַשטימט גדליה'ן, זון אחיקמס,
פאַר פירער אין דער לאַנד יהודה

און אויך געלאָזט אונטער זיין האַנט
די מענער, פרויען, קליינע קינדער,
אַלע פון די אָרימסטע פון פאָלק,
די ניט־פאַרטריבענע קיין בבל —
און ס'זיינען עטלעכע פון זיי,
ישמעאל, זון פון נתניהו,
יוחנן און יונתן, זין קרח'ס
און אַנדערע, מיט זייערע לייט,
געקומען צו גדליה'ן דאָרט אין מצפה.
און ס'האָט גדליה זיי געשוואוירן:
איר פאָרכט ניט דינען צו די כשדים!
זיצט דאָ אין לאַנד און דינט דעם קיניג
פון בבל, און עס וועט אייך גוט זיין.
איך וועל אין מצפה בלייבן וואוינען,
דער אָנגעשטעלטער פאַר די כשדים,
וואָס וועלן דאָ אַראָפּקומען,
און איר קלייבט ווייַן און פרוכט און אייל
און לייגט אין כלים אייערע
און זיצט אין שטעטלעך פון אַרום,
וואָס איר האָט זיי אַצינד פאַרנומען.
אויך די יהודים, וואָס אין מואב,
אין עמון, אדום, און די לענדער
די אַנדערע אַרום יהודה, —
דערהערט, אַז ס'האָט דער קיניג בבלס
געלאָזט אַן איבערבלייב אין לאַנד
און איבער זיי באַשטימט גדליה'ן, —
זיינען זיך באַלד צונויפגעקומען
פון די פאַרוואָגלענישן אַלע,
אַוועק קיין מצפה, צו גדליה'ן,
געזאַמלט ווייַן און פרוכט אַ סך.
און צו גדליה'ן איז געקומען
יוחנן זון קרחס און
די שרים אַנדערע פון פעלד
און זיי האָבן צו אים געזאָגט:
זיי ווייסן, אַז דער קיניג עמונס,
בעלים, שיקט אָן ישמעאלן,
דעם זון נתניה'ס, דיך צו טויטן.
האָט זיי גדליה ניט געגלויבט.
יוחנן האָט געזאָגט גדליה'ן
אין מצפה, אין דער שטיל, אַזוי:
כ'וועל גיין און טויטן דעם ישמעאל
און קיינער וועט דערפון ניט ווייסן;
צו וואָס זאָל ער דיך טויטשלאָגן
און גאַנץ יהודה, וואָס איז דאָ
פאַרזאַמלט אַרום דיר אין מצפה,
זאָל זיך פאַנאַנדערשפּרייטן, און
דאָס לעצטע רעשטל ווערט פאַרלאָרן?
גדליה אָבער האָט געזאָגט:
ניין, זאָלסט ניט טאָן די זאַך דיראָזיגע,
ווייל זאָגסט אַ ליגן אויף ישמעאלן! —

---

און אַט אין חודש זיבעטן
איז צו גדליה, זון אחיקמ'ס,
דער פרינץ ישמעאל מיט זיין סוויטע
געקומען און ביי אים געגעסן.
אינמיטן מאָלצייט האָבן זיי
גדליה'ן מיטן שווערד דערשלאָגן
און אַלע יהודים, וואָס ביי אים
און אויך די כשדים, מיליטער־לייט,
זיי אַלע האָט ער טויטגעשלאָגן.
און קיינער האָט עס ניט געוואוסט.
און ס'זיינען אויפן צווייטן טאָג
פון שכם, פון שילה און פון שומרון
אַהערגעקומען אַכציק מאַן,

געגאָלטע בערד, צופליקטע קליידער,
און לייבער איינגעשניטענע,
און שפּייז און ווייַרויך מיטגעבראַכט,
צו מקריב זיין צו גאָט קרבנות.
ישמעאל איז אַרויס אַנטקעגן,
געגאַנגען און געגאָסן טרערן.
באַגעגנט זיי, האָט ער געזאָגט:
„קומט צו גדליה'ן, זון אחיקמ'ס!"
נאָר קומענדיק אינמיטן שטאָט,
האָט ער זיי אַלע אויסגעשאָכטן
און אין אַ גרוב אַרייַנגעוואָרפן.
נאָר ס'האָבן צען פון זיי געזאָגט:
ניט שלאָג אונז טויט! מיר האָבן דאָרט
אין פעלד באַהאַלטן אוצרות גאַנצע
ווייץ און גערשטן, אייל און האָניק.
האָט זיי ישמעאל ניט געטויט.
נאָכדעם האָט ער דעם גאַנצן פאָלק,
אין מצפה די פאַרבליבענע,
און אויך די טעכטער פונעם קיניג,
פאַרנומען און אַוועק קיין עמון.
און אַז יוחנן, זון קרחס,
און אַלע מיליטער - באַאַמטע
האָבן דערהערט, וואָס ס'האָט ישמעאל
אין מצפה אַלע טויטגעשלאָגן,
האָט ער זיין פאָלק צונויפגעקליבן
אויף אַ מלחמה מיט ישמעאלן,
און דאַמאָלס איז דאָס גאַנצע פאָלק,
וואָס ס'האָט ישמעאל מיטגעשלעפּט,
אַריבער אין יוחנן'ס מחנה,
ישמעאל בלויז מיט אַכט פאַרשוין
האָט זיך געראַטעוועט קיין עמון.
יוחנן ווידער האָט זיין פאָלק
צונויפגעקליבן ביי בית - לחם,
געוואָלט אַנטלויפן קיין מצרים,
ווייל פאַר די כשדים זיך געפאָרכט
זיי זאָלן ניט נקמה נעמען
צוליב דער מאָרדונג פון גדליהן.

---

און אַלע מיליטער - באַאַמטע,
וואָס ביי יוחנן, זון קרח'ס,
און אויך דאָס פאָלק פון קליין ביז גרויס,
האָבן געבעטן ירמיהון,
ער זאָל מתפּלל זיין פאַר גאָט
פאַר אָט דעם רעשט געבליבענעם,
גאָט זאָל זיי זאָגן, וואו צו גיין
און וואָס צו טאָן — זיי וועלן פאָלגן!
האָט ירמיה געוואַרט צען טעג,
נאָכדעם געזאָגט אין נאָמען גאָטס:
אויב איר וועט זיצן אין דער לאַנד,
וועל איך אייך בויען און ניט שטערן,
וועל איך אייך פלאַנצן און ניט פליקן.
פאָרכט ניט פאַרן קיניג בבלס,
איך וועל אייך ראַטעווען פון אים,
איך וועק אין אים דערבאַרימונג,
ברענגט ער צוריק אייך אויף דער ערד.
נאָר אויב איר זאָגט: מיר ווילן ניט
פאַרבלייבן ווייטער דאָ אין לאַנד,
מיר ווילן גיין נאָר אין מצרים,
דאָרט זעען מיר ניט קיין מלחמה,
מיר הערן ניט קיין שופר - קלאַנג,
דאָרט פעלט אונז ניט קיין ברויט צום עסן,
— מיר ווילן אין מצרים זיצן! —
זייט וויסן, אַז דערזעלבער שווערד
וועט דאָרט אייך טרעפן, אין מצרים,

דערזעלבער הונגער וועט אייך גרייכן,
און דאָרטן וועט איר אויסשטאַרבן
און ס'וועט קיין רעשט פון אייך ניט בלייבן!
עס האָט אייך גאָט אַצינד געוואָרנט,
איר זאָלט ניט גיין אין לאַנד מצרים!

---

און ס'האָט יוחנן מיט די האַרן
און אַלע שלעכטע לייט געזאָגט:
דו זאָגסט אַ ליגן, ירמיהו!
ניט גאָט האָט דיר געשיקט דאָס זאָגן,
נאָר ברוך האָט דיך אָנגערייצט
אונז אָפּצוגעבן צו די כשדים
צו טויטן און פאַרטרייבן אונז!
זיי האָבן ניט געפאָלגט גאָטס וואָרט,
דעם גאַנצן פאָלק מיט זיך פאַרנומען
און אָפּגעגאַנגען קיין מצרים,
אַזוי געגאַנגען ביז תחפנחס.
און ירמיה האָט אין תחפנחס
אין האַנט גענומען גרויסע שטיינער,
געלייגט אין ליים, אין ציגל - אויוון,
וואָס פאַרן טיר פון פרעה'ס פּאַלאַץ,
פאַר מענטשן - יהודים אין די אויגן
און האָט געזאָגט: אַזוי זאָגט גאָט:
איך ברענג נבוכדראצרן,
מיין קנעכט, דעם קיניג בבלס,
איך שטעל זיין טראָן דאָ אויף די שטיינער,
ער שפּרייט אויף זיי זיין באַלדאַכין,
און ער וועט שלאָגן גאַנץ מצרים,
די געטער - טעמפּלען אונטערצינדן,
דעם פאָלק אַ טייל דערהרגענען,
אַ טייל מיט זיך אין גלות נעמען.
ער וועט אַרומוויקלען מצרים,
ווי ס'וויקלט זיך אַ פּאַסטוך אין זיין קלייד.

---

צו די יהודים אין מצרים,
אין מגדול, נוף, תחפנחס, פּתרוס,
האָט ירמיה אַזוי געזאָגט
אין נאָמען גאָטס: איר האָט געזען
דאָס בייז, וואָס איך האָב אויף יהודה
געבראַכט, און איצט איז זי פּאַרוויסט,
אין אירע שטעט קיין איינוואוינער.
ווייל זיי האָבן דערצערנט מיך,
געדינט צו פרעמדע פאַלשע געטער.
איך האָב צו זיי געשיקט נביאים,
טאָג - טעגלעך מיינע קנעכט געטרייע,
זיי האָבן זיי געשטראָפט, געוואָרנט,
די שענדלעכקייטן ניט צו טאָן.
זיי האָבן אָבער ניט געפאָלגט,
אַלץ ווייטער און אַלץ מער געזינדיגט.
האָט אויסגעגאָסן זיך מיין כעס
אויף שטעט און גאַסן פון יהודה
און כ'האָב זיי וויסט און לער געמאַכט
אָן איינוואוינער, ווי היינט צו טאָג.
פאַרוואָס־זשע טוט איר אויך דאָס בייז,
דערצערנט מיך מיט אייער ווערק,
איר רויכערט צו די פרעמדע געטער
אין אייער וואוינשאַפט אין מצרים?
צי ווילט איר נאָכאַמאָל דאָ ווערן
צו שאַנד און פּלוך ביי אַלע פעלקער?
און ס'האָבן אַלע לייט, וואָס ווייסן,
אַז ס'רויכערן די ווייבער זייערע
צו פרעמדע געטער, אויך די ווייבער,
וואָס זיינען דאָרט אַליין געשטאַנען,
געענטפערט ירמיה'ן, געזאָגט:

מיר פֿאָלגן ניט די ווערטער דיינע,
נאָר צו דער קיניגין פֿון הימל
ווען מיר אויך ווייטער רויכערן,
געטראַנקען גיסן, בּוקן זיך.
עס האָבּן אונזערע מלכים
און שׂרים אין יהודה'ס שטאָט
אַזוי געטאָן פֿון דורות לאַנג
און ס'איז אונז דאַמאָלס גוט געווען,
מיר האָבּן ניט געזען קיין בּייז;
און זינט מיר האָבּן אויפגעהערט
דער קיניגין פֿון הימל דינען,
איר רויכערן, געטראַנקען גיסן,
איז בּאַלד פֿאַרשוואונדן אונזער
וואוילשטאַנד,
פֿאַרטיליגט האָט אונז שווערד און הונגער!
און ירמיה האָט זיי געזאָגט:

דאָס האָט דאָך גאָט געזען, פֿאַר די זינד,
פֿאַר רויכערן און גיסן טראַנקען,
פֿאַר אַלע יענע שענדלעכקייטן
געשלאָגן און פֿון לאַנד פֿאַרטריבּן!
אַצינד ווילט איר די זינד פֿאַרשטאַרקן
און ווידער גאָט דערצערענען?
שווער איך אייך בּיי מיין גרויסן נאָמען,
אַז איך וועל בּאַלד דאָס בּייז אייך בּרענגען!
דעם שווערד, דעם הונגער, בּיז
פֿאַרלענדונג!
און דאָס וועט אייך אַ צייכן זיין
אַזוי זאָגט גאָט: ס'וועט פּרעה חפרע
אַריינפֿאַלן צו זיינע פֿיינט,
ווי צדקיה, דער קיניג יהודה'ס,
צו נבוכדנאצרן זיין פֿיינט! —

# ע מ ו ס

הערט מײַן וואָרט, מײַן קלאָג
אויף הויז ישׂראלס!
געפֿאַלן, וועט ניט אויפֿשטיין מער
די טאָכטער פֿון ישׂראל:
ליגט אויסגעצויגן אויף איר ערד
און קיינער הייבט איר אויף:
אַזוי זאָגט גאָט:
די שטאָט, וואָס שיקט
אין שלאַכטפֿעלד טויזנט,
וועט איבערבלײַבן בלויז בײַ הונדערט,
און די, וואָס שיקט
אין שלאַכטפֿעלד הונדערט,
וועט איבערבלײַבן בלויז בײַ צען —
אין הויז ישׂראלס.
אזוי זאָגט גאָט דער הויז ישׂראלס:
איר זוכט מיך, וועט איר בלײַבן לעבן!
ניט בית־אל זוכט! ניט גייט קיין גלגל!
ניט גייט אַריבער קיין באר־ שבֿע!
ווײַל גלגל וועט אין גלות גיין
און אויסגעהוילט וועט בית־אל ווערן:

נאָר גאָט זוכט, וועט איר בלײַבן לעבן,
אַניט וועט אויסברעכן אַ פֿײַער,
פֿאַרברענען בית־אל, קיינער לעשט ניט.
איר פֿאַרוואַנדלט רעכט אין ווערמוט,
וואַרפֿט גערעכטיגקייט אין דרערד,
ער באַשאַפֿט דאָך די פּלאַנעטן
מאַכט פֿון פֿינצטערניש פֿרימאָרגן
און פֿאַרוואַנדלט טאָג אין נאַכט
רופֿט פֿון ים אַרויס דאָס וואַסער
און פֿאַרגיסט עס אויף דער ערד
ברענגט אויף העלדן — אונטערדריקערס
און אויף פֿעסטונגען — צושטערערס.
איר האָט פֿײַנט אין טויער שטראָפֿערס,
ווער ס'רעדט אמת, איז אײַך מיאוס,
איר באַרויבט דעם אָרימאַן,
נעמט אַוועק בײַ אים זײַן תּבֿואה;
האָט איר שטיין־ הײַזער געבויט
און איר וועט אין זיי ניט זיצן,
שיינע ווײַנגערטנער געפֿלאַנצט
און דעם ווײַן פֿון זיי ניט טרינקען,
ווײַל צו גרויס איז אײַער זינד
און צו שטאַרק אײַער פֿאַרברעך,
ווײַל דעם צדיק אונטערדריקט איר,
אויסלייז־ געלט בײַם רשע נעמט איר,
און דעם אָרימאַן באַשטראָפֿט איר!

מוז דער קלוגער דאַמאָלס שווײַגן,
ווײַל עס איז אַ צײַט אַ שלעכטע.
איר פֿאָרשט גוטס און ניט קיין שלעכטס,
וועט איר לעבן, ווי איר ווילט,
און מיט אײַך וועט אויך זײַן גאָט.
שלעכטס האָט פֿײַנט און גוטס האָט ליב
און אין טויער משפּט ערלעך

וועט גאָט דאַמאָלס אפשר שווינען
די פֿאַרבליבענע פֿון יוסף.
און אַצינד, זאָגט גאָט צבאות,
איז אַ קלאָג אין אַלע גאַסן,
אוי און ווײ אין אַלע געסלעך
און דער פֿויער יאָמערט, טרויערט,
און דער גערטנער קלאָגט און וויינט,
און מ׳רופֿט אויך די באַקלאָגערס,
ווײל איך גײ אַדורך בײ דיר.
ווײ צו־יענע, וועלכע זאָגן,
אַז זײ גאַרן נאָך גאָטס טאָג.
וואָס טויג אײַך דער טאָג פֿון גאָט, —
איז פֿול פֿינצטערניש, ניט ליכט!
ווי אײנער, וואָס אַנטלויפֿט פֿון לײב
און עס באַגעגנט אים אַ בער,
און ער קומט שוין אין שטוב אַרײַן,
שפּאַרט אָן זײַן האַנט
אויפֿן וואַנט
און אַ שלאַנג טוט אים אַ ביס, —
גאָטס טאָג איז פֿינצטער און ניט ליכטיק,
און טונקל איז ער, אָן אַ שײַן.
עס זײַנען מיר פֿאַרהאַסט, פֿאַרמיאוסט
די פֿײַערונגען אײַערע
איך קען דעם ריח ניט פֿאַרטראָגן

פֿון די קרבנות אײַערע!
צי גאַנץ אָפּער, צי שפּײַז־קרבן, —
איך וועל זײ ניט באַווילינן;
צי פֿריד־אָפּער פֿון שטאָפּ־קעלבער,
איך וועל אויף זײ קײן בליק ניט וואַרפֿן.
נעם צו פֿון מיר
דײַן טומל פֿון געזאַנגען,
איך וויל ניט הערן
דײַן שפּילן אויף די האַרפֿן.
זאָל גיסן זיך
גערעכטיגקייט ווי וואַסער
און ערלעכקייט
ווי טײַכן שטראָמיגע.
האָט איר קרבנות מיר דערלאַנגט
אין מדבר פֿערציק יאָר, ישׂראל?
טראָגט ־ זשע אַוועק
דעם בילד פֿון אײַער מולך,
דעם שטעל פֿון אײַער אָפּגאָט,
דעם שטערן — אײַער גאָט —
וואָס איר האָט זיך געמאַכט!
און איך וועל אײַך פֿאַרטרײַבן
ווײַטער פֿון דמשק, —
אַזוי זאָגט גאָט צבאות.

# איוב

געווען אַ מאַן אין עוץ, געהייסן איוב,
גאָטפאָרכטיק, ערלעך און באַשיידן,
געווען איז די פאַמיליע זיינע
זיבן זין און טעכטער דריי
זיין פי: שאָף זיבן טויזנט,
דריי טויזנט קעמלען,
פינפהונדערט רינדער - פּאָרן,
פינפהונדערט אייזעלעך,
און קנעכטשאַפט גאָר אַ סך,
געווען דער רייכסטער מאַן אין מזרח.
און ס'פלעגן זיינע זין די זיבן
פאַררופן איטלעכער די ברידער זיינע
איעדערער איין טאָג אין וואָך
און רופן אויך די שוועסטערס דריי
און מאַכן מאָלצייטן ביי זיך,
צוזאַמען עסן, טרינקען, לוסטיג זיין.
און אַז די מאָלצייטן אַריבער,
פלעגט איוב רופן זיי צו זיך
און פונדערפרי קרבנות ברענגען
פאַר איטלעכן פון זיינע קינדער
ווייל טאָמער האָבן זיי געזינדיגט
געלעסטערט גאָט ביי זיך אין האַרצן,
זאָל עס פאַרגעבן ווערן זיי.
אַזוי פלעגט איוב שטענדיג טאָן.

*

און איינמאָל האָבן די מלאכים
פאַר גאָט אַרומגעשטעלט זיך אַלע,
איז אויך דער שטן צווישן זיי געווען,
און גאָט פרעגט אים: פונוואַנען קומסטו?
זאָגט ער: געשוועבט אין גאָר דער וועלט.
פרעגט גאָט דעם שטן: צי האָסטו
באַטראַכט דאָרט איובן מיין קנעכט,
וואָס ס'איז ניטאָ אויף גאָר דער וועלט,
ווי ער, גאָטפאָרכטיג און באַשיידן?
דער שטן ענטפערט גאָט און זאָגט:
צי איוב איז אומזיסט גאָטפאָרכטיג?
דו שיצסט דאָך אים און זיין געזינד
און אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט אַרום;
אַלץ, וואָס ער טוט, האָסטו געבענטשט,
זיין פי האָט זיך פאַרשפּרייט אין לאַנד;
דו פּרוב נאָר אָנרירן דאָס זייניגס,
צי וועט ער דיך ניט לעסטערן?
זאָגט גאָט צום שטן:
איך גיב דיר אָפּ זיין גאַנץ פאַרמעגן,
נאָר אים אַליין זאָלסטו ניט רירן.
דער שטן איז אוועק פון גאָט.
און איינמאָל זיינען איובס קינדער
ביים עלצטן ברודער זייערן געזעסן
געגעסן און געטרונקען וויין.
און ס'איז אַן אָנזאָגער געקומען
צו איובן און אים דערציילט:
געאַקערט האָבן דיינע רינדער,

די אייזלען זיך דערביי געפּאַשעט,
איז שבֿאַ באַפאַלן זיי, פאַרנומען,
די יונגען מיטן שווערד געטויט,
בלויז איך האָב זיך געראַטעוועט,
געקומען אָנצוזאָגן דיר.

און ס׳רעדט נאָך דער, קומט איינער אָן

און זאָגט: אַ פייער איז אַראָפּ פון הימל,
פאַרברענט די שעפּסן און די יונגען
בלויז איך האָב זיך געראַטעוועט,
געקומען אָנצוזאָגן דיר.

און ס׳רעדט נאָך דער, קומט איינער אָן
און זאָגט: געקומען כּשדים אין דריי
מחנות,

די קעמלען האָבן זיי פאַרכאַפּט,
די יונגען מיטן שווערד געטויט,
בלויז איך האָב זיך געראַטעוועט,
געקומען אָנצוזאָגן דיר.

און ס׳רעדט נאָך דער, קומט אָן אַ פרישער

און זאָגט: עס האָבן דיינע קינדער
ביים עלצטן ברודער זייערן

געגעסן און געטרונקען וויין,
און אָט איז פון דער מדבר - זייט
אַ גרויסער שטורים אָנגעקומען,
און האָט אין אַלע ווינקלען פיר
די שטוב צוטרייסלט, איינגעוואָרפן
און ס׳זיינען אַלע זיין געשטאָרבן,
בלויז איך האָב זיך געראַטעוועט,
געקומען אָנצוזאָגן דיר.

איז איוב אויפגעשטאַנען באַלד,
זיין העמד צוריסן, אויסגעפליקט די האָר
געפאַלן אויף דער ערד, געבוקט זיך,

געזאָגט: איך בין אַ נאַקעטער
געקומען אויף דער וועלט —
אַ נאַקעטער וועל איך אַוועק.
גאָט גיט און גאָט נעמט אויך צוריק,
זאָל זיין דער נאָמען גאָטס געבענטשט!
ביי די געשעענישן אַלע
האָט איוב אַלץ נאָך ניט געזינדיגט,
אין גאָט קיין אומרעכט ניט געזוכט.

---

און ווידער האָבן די מלאָכים
פאַר גאָט אַרומגעשטעלט זיך אַלע
איז אויך דער שטן צווישן זיי געווען.
און גאָט פרעגט אים: פונוואַנען קומסטו?
זאָגט ער: געשוועבט אין גאָר דער וועלט.
פרעגט גאָט דעם שטן: צי האָסטו
באַטראַכט דאָרט איובן מיין קנעכט
וואָס ס׳איז ניטאָ אויף גאָר דער וועלט
ווי ער גאָטספאָרכטיג און באַשיידן,
ער האַלט נאָך פעסט זיין גלויביגקייט,
דו האָסט אומזיסט מיך אָנגערעדט,
אים אומצוברענגען. זאָגט דער שטן:
ס׳איז הויט פאַר הויט; אַלץ, וואָס דער
מענטש

פאַרמאָגט, גיט ער דאָך פאַר זיין לעבן.
דו פּרוב נאָר רירן אים אַליין.
אויב ער וועט דיר ניט לעסטערן!
זאָגט גאָט: איך גיב אים אין דיין האַנט,
נאָר בלויז זיין לעבן מוזטו היטן.
דער שטן איז אַוועק פון גאָט,
און ער האָט איובן געפּלאָגט
מיט הויט - אָנטצינדונג

פון פוס ־ טריט ביזן קאָפּ ־ שייטל.
האָט ער אין אַש אַריינגעזעצט זיך
און מיט אַ שערבל זיך געקראַצט
און ס'האָט זיין ווייב צו אים געזאָגט:
צי האַלסטו זיך נאָך ביי דיין גלויבן?
דו לעסטער איינמאָל גאָט און שטאַרב!
זאָגט ער צו איר: דו רעדסט אַצינד,
ווי ס'רעדט אַ נידערטרעכטיגע;
מיר האָבן גוטס פון גאָט באַקומען,
פאַרוואָס ניט נעמען אויך דאָס שלעכטס?
און ער האָט אַלץ נאָך ניט געזינדיגט.
און ס'האָבן זיינע דריי חברים
געהערט, וואָס ס'איז מיט אים געשען,
און זיי זיינען אַהער געקומען,
אליפז, בלדד און אויך צופר,
באַדויערן און טרייסטן אים,
אַ בליק אויף אים פון ווייט געוואָרפן,
אים ניט דערקענט און זיך צעוויינט,
די קליידער זייערע צוריסן,
און שטויב געשאָטן אויף די קעפּ
אַנטקעגן הימל און געזעסן
זיבן טעג און זיבן נעכט
מיט אים אויף ערד און ניט גערעדט
קיין וואָרט, ווייל זיי האָבן געזען,
אַז ס'איז דער ווייטאָג זייער גרויס.
נאָכדעם האָט ער זיין מויל געעפנט
און האָט פאַרשאָלטן זיין געבוירן־טאָג.

*

און איוב האָט געענטפערט גאָט:
איך ווייס, דו קענסט טאָן וואָס דו ווילסט,
און קיינער קען דיין וועג ניט וויסן
איך האָב עס פריער שוין געהערט,
אַצינד האָט עס מיין אויג געזען,
דערום זיץ איך אין שטויב און אַש
אין קרענקלעכער באַדענקעניש.
און גאָט זאָגט צו אליפזן:
איך בין אין צאָרן אויף אייך דריי,
פאַרוואָס האָט איר ניט, פּונקט ווי איוב,
גערעדט אויך אויפריכטיג און ערלעך?
איצט נעמט צו זיבן אָקסן און באַראַנעס
און גייט אַוועק צו מיין קנעכט איוב
און שעכט דאָרט בראַנד ־ אָפּפער פאַר זיך
און איוב זאָל מתפלל זיין
און איך וועל אים נאָר טאָן צוליב,
אויף אייך ניט ברענגען שווערע שטראָף
דערפאַר, וואָס איר האָט ניט, ווי איוב,
גערעדט אויך אויפריכטיג און ערלעך,
און ס'זיינען אַלע דריי חברים
צו איובן אַוועקגעגאַנגען
געבראַכט אַ קרבן פאַר די זינד
און גאָט האָט איובן צוליב געטאָן.
און אַז ס'האָט איוב פאַר ד' פריינט געבעטן
האָט אים גאָט אַליין געהאָלפן,
זיין פאַרמעגן אָפּגעגעבן טאָפּל:
עס זיינען ווידער פריינט, באַקאַנטע
צו אים אין הויז אַריינגעקומען
און האָבן ברויט ביי אים געגעסן,
און אים באַדויערט און געטרייסט
אויף אַל דאָס שלעכטס, וואָס ס'איז געשען
און איטלעכער האָט אים געשיינקט
וועך געלט, וועך צירונג גאָלדענע.
אַזוי איז ער געבענטשט געוואָרן
אַצינד נאָכמער ווי גאָר אַמאָל,

פֿאַרמאָגט שוין פּערצן טויזנט שאָף
און זעקסטויזנט קעמלען, טויזנט רינדער־פּאָר

און טויזנט אייזלען, און געהאַט
אויך זיבן זין און טעכטער דריי,
און ניט געווען אין גאַנצער לאַנד
ווי זיינע טעכטער שיינע ברויען,

און ס'האָט דער פֿאָטער זיי געגעבן
אַ נחלה צווישן זייערע ברידער.

ער האָט געלעבט
נאָך הונדערט פּערציג יאָר ־
דערלעבט אור ־ אייניקלעך פֿיר דורות,
געשטאָרבן אַלט און זאַט מיט יאָרן.

# א י כ ה

## א.

אוי, איינזאַם זיצט אַצינד די שטאָט
די פֿיל - באַפֿעלקערטע.
ווי אַן אלמנה איז געוואָרן,
די רייך - באַבירגערטע!
און די געביטערין אויף לענדער —
אַן אונטערטעניקע!
זי וויינט און קלאָגט די גאַנצע נעכט,
פֿון אַלע פֿריינט ניטאָ קיין טרייסטער,
די ליבהאָבערס פֿאַרלאָזן איר,
געוואָרן אירע פֿיינט!
אַנגעפֿייניקט און פֿאַרקנעכטיקט,
גייט יהודה אין געפֿאַנגענשאַפֿט
צווישן פֿעלקער זיך געזעצט,
דאָרט קיין רו - פֿלאַץ ניט געפֿונען,
אין די גרענעצן פֿאַרשטויסן,
פֿון די נאָכיאָגערס געכאַפּט.
טרויערן די וועגן ציונס,
קיינער פּילגערט ניט אויף זיי,
אירע טויערן פֿאַרוויסטע,
איר כּוהנים צוזיפֿצטע,
אירע יונגפֿרויען פֿאַרטרויערט
און אַליין איז זי פֿאַרביטערט.
אירע פֿיינט געוואָרן גרויס,
אירע דריקערס לעבן רואיק,
גאָט האָט איר פֿאַרזעצט אין טרויער
איבער אירע גרויסע זינד,
קינדער גייען אויך אין גלות,
פֿאַרן נאָכיאָגער געטריבן.
ציון האָט איר גלאַנץ פֿאַרלאָרן,
אירע פֿירשטן — ווי די הינדן,
וואָס געפֿינען ניט קיין פּאַשע,
לויפֿן זיי אָנמעכטיקע
און הינטער זיי דער נאָכיאָגער.
אין טעג פֿון עלנט און פֿון פּיין
דערמאָנט זיך ירושלים
די אַלע ליבלעכקייטן אירע
פֿון פֿריערדיקע צייטן;
ווען ס'פֿאַלט אַריין דער פֿאָלק צום שונא
און קיינער העלפֿט אים ניט,
ווען ס'האָבן דריקערס צוגעקוקט,
געשפּאָט פֿון די פֿאַרוויסטונגען.
געזינדיקט האָט ירושלים,
איז זי געוואָרן ווי אַ נידה;
פֿאַרערערס אירע שענדן איר,
ווען זי שטייט נאַקעט - הויל פֿאַר זיי,
אויך זי, געבראָכן, קרעכצנדיק,
רוקט זיך אויף הינטן אַלץ צוריק
מיט שמוציקייט אויף צודעק - זוים —
האָט ניט געטראַכט וואָס שפּעטער **קומט**,
דערפֿאַר געפֿאַלן וואונדערלעך,
און קיינער קומט ניט טרייסטן איר, —

זע, גאָט, ווי שווער איך בין געפייניגט!
דער פיינט האָט אויסגעשפּרייט זיין האַנט
אויף אַלע אירע לוסטבאַרקייטן,
און פעלקער, וועמען ס'איז פאַרבאָטן
אַריינקומען אין דיין פאַרזאַמלונג,
פאַרקריכן איצט אין טעמפּל אירן!
עס זיפצט דער פאָלק און בעטלט ברויט,
פאַרקויפט דאָס טייערסטע פאַר עסן,
די נשמה צו דערקוויקן.
זע זשע גאָט און קוק זיך צו,
ווי כ'בין אַצינד אַ פּרעסערקע!...
זאָל אייך אַזוינס ניט טרעפן,
איר וואַנדערערס אין וועגן!
צי איז פאַראַן אין גאָר דער וועלט
אַ ווייטאָג ווי דער ווייטאָג מיינער,
וואָס גאָט האָט מיר געלאָזט באַשערן
אין טאָג פון ברענענדיגן צאָרן?
פון הויך אַראָפּגעשיקט אַ פייער
אין מיינע ביינער און צומורשט זיי
פאַרשפּרייט אַ נעץ פאַר מיינע פיס
אויף הינטן אָפּגעשטויסן מיך,
אין וויסטעניש פאַרוואַנדלט מיך,
אַ גאַנצן טאָג צווייטאָגט,
עס דריקט דער יאָך פון מיינע זינד,
צונויפגעפלאָכטן אויף מיין האַלדז,
האָט עס מיין כוח אָפּגעשוואַכט,
בין אָן אַ ווידערשטאַנד געפאַלן
אין האַנט פון מיינע נאָכיאָגערס.
די העלדן מיינע מעכטיגסטע
זיי ליגן דאָ צוטראָטענע;
עס האָבן זיך די פיינט פאַרזאַמלט
און מיינע יינגסטע לייט צושמעטערט.

און ווי אַ קעלטער דאָ געטראָטן
ביי אָט דער יונגפרוי טאָכטער יהודה.
דערויף, אָ, וויין איך, גיס מיט טרערן,
ווייל כ'האָב קיין טרייסטער,
קיין דערקוויקער,
פאַרוואָגלט זיינען מיינע קינדער,
ווען ס'האָט דער שונא זיך געשטאַרקט.
האָט ציון מיט די הענט פאַרבראָכן:
גערעכט איז גאָט, כ'האָב ניט
געפאָלגט אים.
טאָ הערט־זשע פעלקער, זעט מיין ווייטאָג:
עס זיינען מיינע יונגען, מוידן
געגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט.
איך האָב גערופן מיינע פריינט,
זיי האָבן אַלע מיך גענאַרט,
די כוהנים און זקנים מיינע
אינמיטן שטאָט פאַרגאַנגען אַלע,
ווייל ניט געהאַט קיין ברויט צום עסן,
די נשמה צו דערקוויקן.
און ענג איז מיר, מיין לייב געשרומפּן,
מיין האַרץ אַנטשטומט פאַר מיין פאַרראַט.
אין דרויסן האָט דער שווערד געשניטן,
ווי די מגפה אין דער הויז.
זיי הערן, אַז איך האָב געזיפצט,
נאָר קיינער קומט ניט טרייסטן מיך,
און מיינע שונאים פרייען זיך
אויף אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געטאָן
אוי, ברענג שוין דעם באַשטימטן טאָג,
און זאָלן זיי אויך זיין ווי איך.
זאָל קומען זייער בייז פאַר דיר,
און טו זיי, ווי האָסט מיר געטאָן,
ווייל מיינע זיפצן זיינען טיף

און אַנגעוויטאַגט איז מיין הארץ.

---

## ב.

אוי, גאָט האָט פאַרטונקלט בת־ציון
געוואָרפן פון הימל צו ערד
די פּראַכט פון ישראל,
און האָט אינם טאָג פון זיין צאָרן
זיין פוס־בּיינקעלע ניט דערמאָנט.
פאַרדאָרבן די וואוינונגען יעקבס,
די פעסטונגען יהודהס צושטערט,
געוואָרפן צו דרערד און פאַרשוועכט
די קיניגרייך און אירע פירשטן.
פאַרשניטן דעם האָרן ישראלס,
געשטויסן אויף הינטן זיין האַנט
אנטקעגן דעם פיינט,
א פלאַקער האָט יעקב געצונדן,
געברענט און געפרעסן ארום.
געטראָטן דעם בויגן מיט פיינטשאַפט,
מיט שנאה געהויבן זיין האַנט,
געטויט אַלע ליבסטע פון אויג,
מיט צאָרן געפייערט
אויף ציונס געצעלט.

געוואָרן איז גאָט ווי א פּיינט,
פאַרדאָרבן ישראל,
די פעסטונגען און די פּאַלאַצן;
פאַרשפּרייט אין יהודה
געוויינען און קלאָגן.

צובראָכן דעם צוים, ווי פון גאָרטן,
פאַרדאָרבן דעם זאַמל־פּלאַץ דאָרטן,
דעם שבת, דעם יום־טוב פאַרשוועכט
דעם מלך, דעם כּוהן פאַרשמאַכט.
פאַרלאָזן האָט גאָט זיין מזבח,
זיין טעמפּל צושטערט,
די מויערן און די פּאַלאַצן
געגעבן דעם שונא אין האַנט;
זיי האָבן אין טעמפּל געליאַרעמט,
ווי ס'הוליען שכּורים אין מאַרק־טאָג.
ס'האָט גאָט שוין אַפריער געפּלאַנט
די מויערן ציונס פאַרדאַרבן
און ער האָט פאַרצויגן א שנור,
זיין האַנט שוין צוריק ניט גענומען,
ליגט וואַנט מיט מויער אין טרויער —
צוזאַמען פאַרשניטן געוואָרן.
אין דרערד איז פאַרזונקען דער טויער
צובראָכן צושמעטערט די ריגלען,
דער קיניג, די פירשטן אין גלות,
ניטאָ ווער ס'זאָל תּורה אונז לערנען,
ניטאָ אויך ביים נביא קיין זעונג.

אויף דרערד זיצן זקנים און שווייגן
ארויפגעלייגט שטויב אויף די קעפּ,
די לענדן פאַרגאַרטלט מיט זעק,
די קעפּ צו דער ערד טיף גענידערט —
די יונג־פרויען פון ירושלים.
עס שמאַכטן די אויגן פון טרערן,
פאַרשרומפּן פון הונגער דער לייב,
מיין לעבער צוגאָסן אויף דרערד
ביים בראָך פון מיין פאָלק,
ווען ס'חלשן עופּהלעך קליינע
אין גאַסן פון שטאָט.
זיי פרעגן ביי זייערע מאַמעס:

וואו זיינען דער קאָרן, דער וויין?
און ליגן פאַרשמאַכט אין די גאַסן
ווי טויטע פון שלאַכט אין די מאַסן
און לאָזן דעם אָטעם דעם לעצטן

אין שוים פֿון די מאַמעס געטרייע.
וואָס קען איך דיר שטעלן אַנטקעגן
און וועמען מיט דיר היינט פֿאַרגלייכן,
די טאָכטער פֿון ירושלים?
וואו קען איך אַ טרייסט דיר געפֿינען?
דיין בראָך איז דאָך גרויס ווי דער ים!
און ווער קען דיר היילן?! —
עס האָבן דיר דיינע נביאים
פֿאַרויסגעזען שווינדל און פּוסטקייט,
ניט אויפֿגעדעקט דיינע פֿאַרברעכנס,
דיין חורבן און שאַנד צו פֿאַרמיידן,
זיי האָבן אַלץ בילדער געזען דיר
פֿול פֿאַלשקייט, פֿאַרפֿירערישקייט.
און ווער עס גייט דורך אין די וועגן,
פֿאַרברעכט מיט די הענט איבער דיר,
זיי שמוצערן, שאָקלען די קעפּ:
צי דאָס איז די שטאָט,
וואָס מ'פֿלעגט אויף איר זאָגן:
„די קרוין פֿון דער פּראַכט
די פֿרייד פֿון דער וועלט?!" —
און ס'האָבן די שונאים אַרום
געעפֿנט די מיילער אויף דיר,
געשמוצערט, געקריצט מיט די ציין.
מיר האָבן געפֿרעסן, פֿאַרשלונגען!
אָך, אָט איז דער טאָג, וואָס געוואַרט, —
אַצינד שוין געפֿונען, געזען! —
געטאָן האָט גאָט אַלץ, וואָס געטראַכט,
זיין צוזאָג דעם אַלטן דערפֿילט
צושטערט אָן רחמנות,
דעם שונא דערפֿרייט,
זיין האָרן דערהויבן! —
זיי שרייען אין האַרצן צו גאָט.

ניין, מויער פֿון ציון!
לאָז רינען דיין טרער ווי אַ טייך,
בייטאָג און ביינאַכט אָן אַן אויפֿהער,
זאָל קיינמאָל ניט שווייגן דיין אויג!
שטיי אויף, זינג געבעטן ביינאַכט,
ביים אָנהויב פֿון איטלעכער וואַך — ביים
פֿאַרגיס ווי אַ וואַסער דיין האַרץ
אַנטקעגן דעם פּנים פֿון גאָט,
הויב אויף דיינע הענט אין געבעט
פֿונוועגן די עופֿהלעך דיינע,
וואָס שמאַכטן אין הונגער אין גאַסן.
זע גאָט און קוק צו:
האָט וועמען געטראָפֿן אַזוינס?
וואו האָבן שוין פֿרויען געגעסן
די אייגענע פּרוכט פֿונם לייב,
אויף שפּאַנען געמאָסטענע עופֿהלעך?
וואו האָט מען אין טעמפּל געטויט
דעם כּוהן און נביא צוגלייך?
זיי ליגן אויף דרערד אין די גאַסן
די יונגע און אַלטע צוזאַמען
די מוידן און יונגען
געפֿאַלן פֿון שווערד
האָסט אַלע אין צאָרן געטויט,
געשאָכטן זיי גאָר אָן רחמנות.
אַזוי ווי אויף יום־טוב געקומען
צוזאַמען די טויט־שרעקנס אַלע
איז קיינער פֿון פֿאָלק ניט אַנטרונען
און קיינער אין לאַנד ניט געבליבן;
איך האָב זיי דערצויגן, געוואויגן, —
דער פֿיינט האָט זיי אַלע פֿאַרטיליקט.

---

ג.

איך בין דער מאן, וואס איז געווען
מיט רוט פון זיין געשמיסן.
געיאגט אין פינצטערניש, און שיין,
געטריבן און געשלאגן.
מיין לייב און הויט צוריסן,
צובראכן מיינע ביינער,
מיט גיפט און גאליגקייט,
פארמויערט און פאררינגלט.
פארזעצט אין פינצטערניש,
ווי טויטע אין די קברים.
פארצאמט ארום, געשמידט אין קייטן,
איך רוף, איך שריי, מיין קול פארשטיקט,
מיין וועג פארליינט מיט שטיינער,
פארדרייט, ניט צו דערקענען.
ער איז מיר ווי א בער אין לויער
א לייב אין דער באהעלטעניש.
מיין וועג צוגראבן, מיך צומורשט,
געלאזט מיך ווי אין מדבר.
זיין שיס־בויגן געטראטן,
געשטעלט מיך ווי א ציל צום פייל,
געלעכערט מיינע איינגעווייד.
די פעלקער שפאטן אפ פון מיר
און זינגען לידעלעך פון מיר
און איך בין זאט מיט ביטערקייט
און אנגעשטאפט מיט ווערמוט.
מיט זשוויר צובראכן מיינע ציין,
מיט אש איינגאנצן מיך באשאטן.
מיין שלום און מיין גוטן שטאנד
פארגעסן און פארווארלאזט.
געמיינט: פארלארן שוין אויף אייביג
מיין כוח און מיין האפענונג;

אין מיין גערעכעניש —
נאר פיין און וויטאגן,
נאר גיפטיגקייט און ווערמוט —
דערפון איז מיין געמיט געדריקט.
נאר איינס ווען איך דערמאן,
דורכדרינג איך זיך מיט האפענונג:
ס'איז גאטס גענאד נאך ניט פארביי
און זיין דערבארימונג נאך גרויס
און איטלעכן פרימארגן
ווערט זיין געטריישאפט אלץ באנייט.
איז גוט צו ווארטן שווייגנדיג,
דעם יאך צו טראגן מענעריש,
די מויל מיט זאמד און שטויב פארשטאפן
די באק דעם שלעגער אונטערטראגן,
ווייל גאט פארלאזט אונז ניט אויף אייביג.
נאר פייניגט און דערבארימט גנעדיג
ווייל אלע וויטאגן און פיינען,
געפאנגענשאפט, באדריקונגען,
גערעכטיגקייט - בארויבונגען —
איז קעגן אויבערשטנס פארלאנג;
באגיין און אומרעכט קעגן מענטשן
איז ניט פארויסגעזען פון גאט.
טא ווער־זשע גיט עס די באפעלן,
אויב ס'איז ניט דער געבאט פון גאט?
צי קומען ניט פון אויבערשטן
די בייזקייטן און גוטסקייטן?
דער מענטש דער לעבעדיגער דארף
אויף זיינע זינד בלויז זיך באקלאגן!
טא לאמיר אונזער וועג באטראכטן,
צוריק צו גאט זיך אומקערן,
די הערצער מיט די הענט צוזאמען
צו גאט אין הימל אויפהויבן;

געזינדיגט האָבן מיר און ווידערשפעניגט
און דו, גאָט, האָסט אונז ניט פאַרגעבן,
אַרומגעוויקלט זיך מיט צאָרן
און אומדערבאַרעמדיג געשלאָגן,
אַרומגעוויקלט זיך מיט וואָלקן,
ס'זאָל דער געבעט ניט צוקומען
און אונז געמאַכט צו עקל, שאַנד,
די פעלקער לאַכן אָפּ פון אונז,
אַרומגערינגלט זיינען מיר
מיט וויי און אָך און אַנגסט און בראָך.

דערפאַר פאַרגיס איך טייכן טרערן,
עס רינט מיין אויג און ווערט ניט שטיל,
ביז גאָט וועט עס דערזען פון הימל,
איך וויין, ווייל ס'וויטאָגט מיין נשמה
אַנטקעגן אַלע שכנטעס,
עס האָט מיין שונא מיך געפאַנגען,
ווי עמיץ פאַנגט אַ פויגעלע,
מיין לעבן אין דער גרוב פאַרשניטן,
און שטיינער נאָך אין מיר געוואָרפן,
דער וואַסער שווימט מיר איבער קאָפּ,
איך מיין, ס'איז שוין מיין סוף געקומען,
רוף איך פון טיפער גרוב גאָטס נאָמען,
און דו האָסט דאָך מיין שטים געהערט,
טאָ קום מיך ראַטעווען און העלפן.

דו הערסט דאָך שטענדיג, ווען איך רוף,
באַרואיגסט מיך: ניט האָב קיין פאָרכט!
דו קריגסט זיך, נעמסט זיך אָן פאַר מיר,
לייזט אויס מיין לעבן פון סכנות,
דו זעעסט אויך איצט מיין דריקעניש,
טאָ שאַף ישע מיר גערעכטיגקייט!

דו זעסט דאָך זייערע נקמות,
די פּלענער בייזע וועגן מיר,
דו הערסט די לעסטערונגען זייערע,
די טראַכטעניש גאַנצע טעג,
אַז וואו זיי זיצן, וואו זיי שטייען,
בין איך נאָר זייער שפּאָט-געזאַנג,
טאָ שטראָף זיי גאָט, ווי זיי פאַרדינען,
גיב זיי דיין פלוך און האַרצוויטאָג,
און יאָג זיי אין דיין גרימצאָרן,
פאַרטיליג זיי פון אונטערן הימל! —

---

ד.

גאָלד פאַרטונקלט, גינגאָלד מיאוס,
דימענטן איז גאָס צושאָטן;
קינדער ציונס טייערע,
געוואויגן אויף בריליאַנט און גינגאָלד
איצט צובראָכן ווי די שערבלעך,
כלים ליימענע פון טעפּער.

היענעס שטרעקן אויס די ברוסטן,
צום אָנזויגן די יונגע;
מיין פאָלק איז איצט אכזריותפול,
ווי די שטרויס - פויגלען אין מדבר.

עס קלעפּן זיך ביי זויג - קינדער
פון דאָרשט די צונגען צו די גומענס;
און ס'פרעגן עופהלעך נאָך ברויט ——
ניטאָ ווער ס'זאָל זיי אָפּברעכן.

געגעסן פריער נאַשוואַרגן ——
איצינד אין גאַסן שמאַכטן זיי;
אויף זיידנס איידעלע דערצויגן ——
זיי האַלדזן איצט די מיסט - קאַסטנס.

צי האָט מיין פאָלק געזינדיגט מער,
ווי ס'האָט אַמאָל געזינדיגט סדום,
וואָס איז אין אויגנבליק צושטערט
געוואָרן.

ניט אַנגערירט פון מענטשן - הענט?
די פרינצן לויטערע פון שניי
און בלאַנקער נאָך פון מילך
פון קרעלן רויטער זייער פאַרב
און ווי פון סאַפיר אויסגעשניצט, —
אַצינד איז פינצטערער פון שוואַרץ זייער
געשטאַלט,
אויף הוילן ביין די הויט פאַרצויגן
און אויסגעטריקנט ווי אַ האָלץ,
אין גאַס דערקענט זיי קיינער ניט.
בעסער זיינען די געשלאָגענע פון שווערד
ווי די קרבנות פונם הונגער;
דערשטאָכענע, וואָס גייען אָפּ מיט בלוט,
בעסער איידער די גענגעסענע ווי פרוכט
פון פעלד.
דערבאַרימדיגע ווייבער האָבן
די קינדער זייערע געקאָכט און
אויפגעגעסן,
בלינדע שלעפּן זיך אין גאַסן,
אין בלוט פאַרטונקט;
ניט אָנצורירן זיי ביים קלייד.
אַוועק, ס'איז אומריין! שרייט מען זיי —
אַוועק, אַוועק, ניט רירט אונז אָן!
זיי שלעפּן זיך און וואַנדערווען
און פעלקער זאָגן שוין אויף זיי:
זיי וועלן מער ניט אויפקעבן!
ווי אָדלערס זיינען גרינג געווען
די פיינט, די יאָגערס אונזערע
זיי האָבן אונז אויף בערג געיאָגט
אין וויסטעניש אויף אונז געלויערט,
עס איז דער אָטעם אונזערער,
דער גאָט - געזאַלבטער קיניג,
אין זייער נעץ געפאַנגען.
אַז אונז האָט זיך געדוכט אַמאָל,
מיר וועלן אין זיין שאָטן לעבן
אַרומגערינגלט פון די פעלקער!
פריי זיך, יובל, טאָכטער אדומס,
איינגעזעסענע אין עוץ,
ס'קומט נאָך אויך אויף דיר דער בעכער
וועסט אַ שכורע זיך טרייסלען;
אוים דיין שטראָף, דו ציונס טאָכטער,
וועסט ניט מער פאַרוואָגלט ווערן! — —
— — — — — — — — — — — —

## ה.

געדיינק, גאָט, וואָס ס'איז אונז געשען,
קוק צו און זע איצט אונזער שאַנד.
די נחלה אונזערע פאַרפרעמדט,
די הייזער —אַנדערע פאַרנומען.
יתומים זיינען מיר, אָן פאָטערס,
די מאַמעס אונזערע — אלמנות.
פאַר אונזער וואַסער צאָלן מיר,
פאַר אונזער האָלץ — אַ פרייז אַ גרויסן.
מ'יאָגט און טרייבט אונז איבערן האַלדז,
מ'מאַטערט אונז, מ'לאָזט ניט רוען.
מיר האָבן צו מצרים, אשור
די האַנט געשטרעקט נאָך ברויט אַ שטיקל;
די פאָטערס זינדיגן — ניטאָ זיי;
מיר מוזן טראָגן זייער שולד.
עס האָבן קנעכט אויף אונז געהערשט
און ווער וועט אונז פון זיי באַפרייען?
מיר שאַפן ברויט זיך מיטן לעבן,
ווייל אין דער מדבר הערשט דער שווערד,
די הויט אויף אונז פאַרסמאַליעט ווי אין
אויוון

פון ברענענדיגן הונגער - פיבער,
אין ציון און אין שטעט יהודה'ס
האט מען געפייניגט פרויען, מיידלעך,
זיי האבן אויפגעהאנגען פירשטן
און ניט געשוינט קיין אלטע לייט,
געצוואונגען יונגען טראגן מעל
און קינדער — שלעפן העלצער - משא.
ניטא קיין זקנים אינם טויער,
מ'הערט ניט קיין געזאנג פון יונגע,
פארשטערט די פרייד פון אונזער הארצן,
אין טרויער איז דער טאנץ פארוואנדלט.
געפאלן אונזער קרוין פון קאפ —
אוי וויי אונז! — צוליב אונזער זינד.
דערויף איז אונזער הארץ צווייטאגט
דערויף פארטונקלט אונזער אויג, —
וואס ס'איז דער ציון - בארג פארוויסט,
שאקאלן גייען פריי ארום!
דו, גאט, וועסט דאך רעגירן אייביג,
דיין טראן בלייבט דאך אויף לאנגע
דורות, —
פארוואס - זשע זאלסטו אונז פארגעסן,
פארלאזן אונז אויף לאנגע יארן?
ברענג אונז צוריק צו זיך, א גאט,
און מיר וועלן זיך אומקערן;
באנייַ צוריק פאר אונז די טעג,
ווי ס'איז געווען אין אלטער צייט.
צי האסטו אונז שוין גאר פארמיאוסט,
צי איז גאר שטארק אויף אונז דיין צארן?
ברענג אונז צוריק צו זיך, א גאט,
און מיר וועלן זיך אומקערן;
באנייַ צוריק די צייט פאר אונז,
ווי ס'איז געווען אין אלטער צייט.

# קוהלת

א.

נאַריש, נאַריש, זאָגט קוהלת,
נאַריש, נאַריש, אַלץ איז נאַריש.
וואָרום וואָס פאַרבלייבט דעם מענטשן
פון די אַלע מאַטערנישן
אויף דער וועלט דער ליכטיגער?
גייט אַ דור און קומט אַ דור,
און די ערד בלייבט אייביג שטיין.
און די זון גייט אויף, גייט אונטער,
שטרעבט צוריק צו יענעם אָרט,
וואו האָט פריער אויפגעשיינט.
אויך דער ווינט דרייט זיך אַרום
אָט צו דרום, אָט צו צפון,
דרייט זיך, דרייט זיך, קומט צוריק.
אויך די טייכן אַלע גייען,
גייען, שווימען נאָר צום ים,
און דער ים ווערט אַלץ ניט פול,
און די טייכן גייען ווידער
אַלץ צוריק צום אויסגאַנג - אָרט.
אַלע זאַכן — פיין און מאַטער,
ניט מ'קען עס אויסדערציילן,
ניט די אויג ווערט זאַט פון זען,
ניט דער אויער פול פון הערן.
וואָס געווען, דאָס וועט נאָך זיין,
וואָס געשען, וועט נאָך געשען. —
אויף דער וועלט ניטאָ קיין נייס.
טרעפט אַמאָל, דו וועסט אַ זאַך,
זאָגסטו: זע, דאָס איז אַ נייס! —
לאַנג געווען שוין אויף דער וועלט
אין די פריערדיגע צייטן.
די פאַרגאַנגענע פאַרגעסט מען,
אויך פון די, וואָס וועלן קומען,
וועט קיין אָנדענק ניט פאַרבלייבן
ביי די שפּעטער - קומענדיגע.

*

איך קוהלת בין געווען אַ קיניג
אויף ישראל אין ירושלים,
האָב איך אַלץ געפאָרשט מיט חכמה,
וואָס ס'פּאַסירט אונטערן הימל;
דאָס איז אויך אַ שלעכטער ענין,
וואָס ס'האָט גאָט דעם מענטש געגעבן,
זיך דערמיט צו פּייניגן.
כ'האָב געזען די אַלע מעשים,
וואָס פאַרלויפן אויף דער וועלט, —
אָבער אַלץ איז נאַרישקייט,
גייסטיגע געבראָכנקייט.
קרומקייט ווערט ניט אויסגעגליכן,
פעלערדינקייט ניט דערגאַנצט.
כ'האָב געטראַכט ביי זיך אין האַרצן:
אָט האָב איך זיך איינגעשאַפט
חכמה מער, ווי אַלע פאַר מיר,
כ'בין שוין פול מיט וויסנשאַפטן,

כ'קען אויך אַלע אייטלקייטן;
און אַצינד האָב איך דערזען,
אַז אויך דער געדאַנק איז נישטיג:
וואָס מער חכמה, אַלץ מער כעס;
וואָס מער וויסן, אַלץ מער ווייטאָג.

---

## ב.

כ'האָב געטראַכט בײַ זיך אין האַרצן:
לאָמיר לוסטיג גיסן ווייַנען
און אין פרייַלעכקייט זיך באָדן —
דאָס איז אויך אַ נאַרישקייט:
שפּילערייַ איז משוגעת
און די פרייד וואָס קען מיר געבן?
כ'האָב מייַן לייַב מיט ווייַן געשמירט,
האָב געפּרובט אַמאָל די חכמה
און אַמאָל די נאַרישקייט,
ביז איך וועל געוואָר ווערן,
וואָס ס'איז בעסער פאַרן מענטשן
אין זייַן צאָל פון לעבן טעג.
איך האָב גרויסקייטן געטאָן,
הייזער אויסגעבויט פאַר זיך,
ווייַנגערטנער פאַר זיך געמאַכט,
גרינס - גערטנער און אויך פּרדסים,
פּרוכט - בוימער אין זיי געפלאַנצט,
אויסגעגראָבן סאַזשעלקעס,
פון די וואַסער אָנצוטרינקען
בוימער אינם וואַלד צוּוואַקסן,
כ'האָב געקויפט זיך קנעכט און דינסטן
און געהאַט מייַן הויז - געזינד,
גרויסע סטאַדעס שאָף און רינדער
מער ווי ווער געהאַט האָט פאַר מיר.
זילבער, גאָלד זיך אייַנגעזאַמלט,
אוצרות גרויסע פון מלכים
און פון פלערלייַ מדינות,
זינגערס, זינגערקעס געבראַכט זיך,
אַלע מענטשלאַכע תענוגים;
בין געווען פון אַלע גרעסער,
האָב געהאַט פון אַלע מער,
אויך מייַן חכמה שטייט מיר בײַ,
און וואָס ס'האָט מייַן אויג פאַרלאַנגט,
האָב איך איר ניט אָפּגעזאָגט
און וואָס ס'האָט מייַן האַרץ געגאַרט
האָב איך איר באַלד צוגעשטעלט
און געמיינט, דאָס איז מייַן חלק
פאַר מייַן גאַנצער מאַטערניש;
האָב איך אָבער זיך געווענדט
צו די מאַטערנישן מייַנע
צו די אויפטועונישן, —
קיין זאַך נוצט ניט אויף דער וועלט.
יע, די חכמה איז אוודאי
בעסער פון דער נאַרישקייט,
פּונקט ווי ליכט אַנטקעגן טונקל;
ס'האָט דער חכם אויגן אין זייַן קאָפּ,
און דער נאַר גייט אין דער פינצטער.
כ'ווייס אָבער, אַז נאַר איין טראַף
טרעפט זיי אַלעמען צוגלייַך.
האָב איך מיר געטראַכט אין האַרצן:
ס'וועט מיר טרעפן, ווי דעם נאַר,
וואָס - זשע דאַרף איך קליגער זייַן?
ס'ווערט דער חכם, ווי דער נאַר,
ניט דערמאָנט אין אייביגקייט.
אַז דער לעבן גייט פאַרבײַ,
ווערט דאָך סיי - ווי אַלץ פאַרגעסן
און צי אַנדערש שטאַרבט דער חכם,

ווי עס איז דער נאַר געשטאָרבן?

האָב איך אויך דעם לעבן פיינט,
ווייל מיר עקלט פון די מעשים,
וועלכע ווערן דאָ געטאָן;

כ'האָב אויך פיינט מיין מאַטערניש,
וואָס געמאַטערט אויף דער וועלט
און געלאָזט דעם מענטשן נאָך מיר;
ווייל ווער ווייס, וואָס ער וועט זיין,
צי אַ קלוגער, צי אַ נאַר,
און געוועלטיגן וועט ער
איבער מיינע מאַטערנישן,
איבער מיינע קלוגשאַפטן.
וואָס זשע בלייבט דעם מענטשן פאַרט
פון זיין מאַטער אויף דער וועלט?

אָפּגעלעבט אַ גאַנצן לעבן
פול מיט ווייטאָגן און כעס,
ניט געשלאָפן אויך די נעכט, —
איז דאָס בעסטע פאַרן מענטשן
ער זאָל עסן נאַר און טרינקען
און זען נחת פון זיין מאַטער,
און איך האָב זיך צוגעקוקט,
אַז אויך דאָס איז פון גאָטס האַנט.

ווייל ווער נאָך, אַזוי ווי איך,
קען גוט לעבן און גוט עסן?

אַז אַ מענטש איז גוט פאַר גאָט,
האָט ער חכמה, וויסן, פרייד;
און דער זינדיקער ווייס נאָר
זיין פאַרהאַוועט, קלייבן, זאַמלען
און עס אָפּגעבן צו יענעם,
וואָס איז גוט פאַר גאָט געווען —
דאָס איז אויך אַ נאַרישקייט,

גייסטיקע געבראָכנקייט! —

---

### ג.

**איטלעכס זאַך אויף אונזער וועלט**
האָט זיך איר באַזונדער צייט
צייט געבוירן, צייט צו שטאַרבן
צייט צו פלאַנצן, צייט צו רייסן,
צייט צו טויטן, צייט צו היילן,
צייט צו ברעכן, צייט צו בויען,
צייט צו וויינען, צייט צו לאַכן,
צייט צו קלאָגן, צייט צו טאַנצן,
צייט אַרויסצוּוואַרפן שטיינער,
צייט אַריינצוברענגען שטיינער,
צייט צו האַלדזן, צייט צו טרייבן,
צייט צו זוכן, צייט — פאַרלירן
צייט צו היטן, צייט צו וואַרפן,
צייט צו רייסן, צייט צו נייען,
צייט צו שווייגן, צייט צו ריידן,
צייט צו ליבן, צייט צו האַסן,
צייט אויף קריג און צייט אויף שלום.
וואָס פאַרבלייבט דעם אַרבעטער
פון די מאַטערנישן זיינע?
דאָס האָט גאָט אים בלויז געגעבן,
זיך צו פייניקן דערמיט,
גאָט האָט אַלץ אַליין געמאַכט
ווי ס'איז פּאַסיק פאַר דער צייט;
האָט אָבער אַ וועלט אַ גאַנצע
אים געגעבן אין זיין האַרצן:
זאָל דער מענטש ניט אויסגעפינען,
אַז ס'האָט גאָט די ווערק געשאַפן
פונעם אָנהויב ביזן סוף.
איז קיין זאַך פאַר אים ניט בעסער,

נאָר זיך פרייען אין זיין לעבן
און טאָן גוטס דעם אַנדערן;
איטלעך מענטש, וואָס עסט און טרינקט,
לאָזט זיך וואוילגיין אין זיין מי —
דאָס איז אויך אַ גאָב פון גאָט.

וואָרום אַלץ, וואָס גאָט געשאַפן,
וועט אין אייבינקייט פאַרבלייבן,
ניט אַ האָר דערצו פאַרמערן
ניט פאַרמינערן דערפון,
און דאָס אַלץ האָט גאָט געשאַפן,
מען זאָל ציטערן פאַר אים.

וואָס געווען, דאָס איז אַצינד.
וואָס ס'וועט זיין, דאָס איז געווען —
גאָט זוכט אויף, וואָס ס'איז פאַריאָגט.
און נאָר דאָס האָב איך געזען:
וואו ס'איז משפט, דאָרט איז שלעכטס
וואו גערעכטיגקייט, איז שלעכטס.

ווייל דעם צדיק און דעם רשע
— מיין איך — וועט גאָט משפטן,
און ס'איז בלויז אַ צייט פאַר זיי,
אַלע מעשים אָפּצוטאָן,
גאָט וויל זיי בלויז אויפקלערן,
זיי זאָלן אַליין דערזען,
אַז זיי זיינען ווי די בהמה,
ווייל דער טראַף פון מענטשן - קינדער
און דער טראַף פון די בהמות —
איין טראַף איז ביי אַלעמען,
ווי ס'שטאַרבט דער,אַזוי שטאַרבט יענער,
איין גייסט איז ביי אַלעמען
מענטש האָט גאָרניט מער פון בהמה —
ווייל דאָס אַלץ איז נאַרישקייט.

אַלץ באַוועגט זיך צו איין אָרט,
אַלץ איז פונם שטויב געוואָרן
און צום שטויב גייט אַלץ צוריק.
ווער - זשע קען דעם גייסט פון מענטשן,
וועלכער שטייגט אַלץ העכער, העכער,
און דעם גייסט פון דער בהמה,
וועלכער נידערט צו דער ערד?
איז דערום קיין זאַך ניט בעסער,
נאָר ס'זאָל פרייען זיך דער מענטש
מיט זיין ווערק, וואָס איז זיין חלק,
ווייל ווער קען אים פירן ווייזן
וואָס ס'וועט שפּעטער זיין נאָך אים? —

---

## ד.

נאָכאַמאָל האָב איך באַטראַכט
אַלע אומגערעכטיגקייטן
אויף דער וועלט דער ליכטיגער.
אָט - דאָ — טרערן פון באַדריקטע,
און ניטאָ ווער ס'זאָל זיי טרייסטן
קעגן די געוואַלד - באַדריקערס
האָב איך שוין געלויבט די טויטע,
יענע לאַנג - פאַרשטאָרבענע,
קעגן מענטשן לעבעדיגע,
וועלכע לעבן נאָך אַצינד,
און פוןביידע גליקלעכער איז
דער, וואָס איז נאָך ניט געווען,
וואָס האָט ניט געזען דאָס שלעכטס
אויף דער וועלט דער ליכטיגער.
כ'האָב באַטראַכט די מאַטערנישן,
אַלע ווערק געשאַפענע —
נאָר פון מענטשן - קנאה קומט עס.
דאָס איז אויך אַ נאַרישקייט,

גייסטיגע געבראָכנקייט.
נאַריש איז דער מענטש דער פוילער,
וועלכער פרעסט זיין אייגן לייב?
בעסער איין לעפעלע נחת,
ווי צוויי הויפנס מאַטערניש,
גייסטיגע געבראָכנקייט.
און אַט נאָך אַ נאַרישקייט
אויף דער וועלט דער ליכטיגער:
איז אַ מענטש אַן עלנטער,
ניט קיין זון און ניט קיין ברודער,
און ער אַרבעט אָן אַן עק,
ווערט ניט זאַט צו זאַמלען רייכקייט.
און פאַר וועמען מאַטער איך זיך
און פאַרגין זיך ניט קיין גוטס?
דאָס איז אויך אַ נאַרישקייט
און אַ בייזע פייניגונג.
צוויי איז בעסער, איידער איינער,
האָבן לוין פאַר זייער מאַטער,
אויב זיי פאַלן, קען דער איינער
אויפהייבן דעם אַנדערן,
אָבער איינער אַז ער פאַלט,
ווער וועט העלפן אויפשטיין אים?
אַז צוויי ליגן, איז זיי וואַרים;
ווי קען איינעם וואַרים ווערן?
און ווען איינער אַטאַקירט,
קענען צוויי זיך קעגנשטעלן.
און דער פאָדים וואָס אין דרייען
וועט ניט גיך צוריסן ווערן.
אַן אָרים קינד אַ קלוגס איז בעסער,
כאָטש ער קען זיך נאָך ניט היטן,
ווי אַן אַלטער נאַר אַ קיניג,
וואָס פון תפיסה קומט צום טראָן,
וואָס איז קיניג און אויך בעטלער
און די מענטשן לעבעדיגע
פירן זיך שוין מיטן קינד,
וואָס וועט קומען אָנשטאָט אים.
גרויסע מאַסן גייען פאַר אים,
גרויסע מאַסן קומען נאָך אים —
קיינער פרייט זיך ניט מיט אים.
היט זיך, ווען דו גייסט אין טעמפל;
בעסער נענטער שטיין און הערן,
איידער שעכטונגען דערלאַנגען,
אַט ווי די נאַראָנים, וועלכע
זינדיגן און ווייסן ניט.

---

## ה.

אייל זיך ניט, אַ וואָרט צו זאָגן,
ווען דו שטייסט פאַר גאָט אין טעמפל;
וואָרום גאָט זיצט אויפן הימל
און דו שטייסט דאָך דאָ, אויף ערד;
זאָלסטו בעסער ווייניג ריידן.
ווייל דער חלום פלאָנטערט זאַכן
און דער שוטה פלאָנטערט ווערטער.
האָסטו שוין געטאָן אַ נדר,
זאָלסטו תכף אים באַצאָלן;
קיינער דאַרף ניט די נאַראָנים —
האָסטו צוגעזאָגט — באַצאָל!
גלייכער גאָרניט צוזאָגן,
איידער זאָגן און ניט האַלטן.
לאָז ניט זינדיגן דיין מויל;
מיין ניט, אַז וועסט שפעטער זאָגן:
ס'איז אַ טעות בלויז געווען!
גאָט וועט בייז זיין פאַר דיין וואָרט,
וועט פאַרדאַרבן גאָר דיין ווערק.

זואָרום ווערטער איבעריגע
זיינען נאַריש, ווי חלומות —
האָב ־ זשע תמיד פאָרכט פאַר גאָט!
וואונדער זיך ניט, אויב דו זעסט
ווי מען רויבט דעם אָרימאַן,
ווי גערעכטיגקייט און רעכט
ווערן אָפּגעשאַפט אין לאַנד, —
ווייל דער וועכטער איז צו הויך,
וועכטערס אַנדערע — נאָך העכער.
אָבער סיי ־ ווי גיט די ערד
אַלעמען איר איבערפלוס,
אויך דער קיניג איז אַ קנעכט
פון דער פעלד דער פרוכפּערדיגער.
ווער עס איז פאַרליבט אין געלט,
וועט מיט געלט ניט זאַט ווערן;
און ווער ס'ליבט אַ סך געניס
וועט ניט האָבן וואָס צו עסן.
וואָס מער גוטס, אַלץ מערער עסערס;
און וואָס בלייבט דעם באַלעבאָס?
מיט די אויגן נאָר צו קוקן!

זיס איז שלאָף פאַרן אַרבעטער,
צי ער עסט אַ סך, צי קנאַפּ;
און וואָס טויג די זעט דעם גביר?
שלאָפן לאָזט זי אים דאָך ניט!

כ'האָב געזען אַ שלעכטע קרענק
אויף דער וועלט דער ליכטיגער:
זיצט אַ מענטש, היט זיין עשירות,
און עס איז פאַר אים אַ צרה;
ווערט פאַרלוירן די עשירות
אין געשעפט שלימזלדיגן,
און עס בלייבט נאָך אים אַ זון,
ער פאַרמאָגט שוין אָבער גאָרניט.
ווי אַרויס פון מאַמעס בויך,
נאַקעט גייט ער, ווי געקומען,
גאָרניט קריגט ער פאַר זיין מאַטער
מיט זיך מיטצונעמען דאָרטן!
דאָס איז אויך אַ שלעכטע קרענק:
ווי געקומען, אַזוי געגאַנגען
וואָס ־ זשע קומט אַרויס דעם מענטשן
פון דער מאַטערניש אויף ווינט?
עסט אויף זיינע טעג אין פינצטער,
רק אין ערגער, קרענק און צאָרן,
אָט דערפאַר האָב איך געזען:
בעסער שוין צו עסן, טרינקען,
נחת האָבן פון זיין מאַטער,
וואָס געמאַטערט אויף דער וועלט,
אין דער ביסל יאָרן זיינע,
וואָס ס'האָט גאָט אים איינגעטיילט,
ווייל דאָס איז דאָך בלויז זיין חלק.
און אַזוי איעדער מענטש,
וועמען גאָט האָט רייך געמאַכט,
גרויסע גיטער אים געגעבן,
און געגעבן אויך די שליטה
פון פאַרמעגן צו געניסן
און זיך פרייען פון זיין מאַטער
און זיין חלק אָפּצונעמען —
דאָס איז אויך אַ גאָב פון גאָט,
ווייל ניט לאַנג נאָך וועט ער קענען
זיך דערמאָנען אָן זיין לעבן,
אָן זיין פרייד, פון גאָט געגעבן,

---

ו.

און אַ שלעכטס האָב איך געזען
אויף דער וועלט דער ליכטיגער,

וועלכע פייניגט שטארק דעם מענטשן:
טרעפט אז גאט באשערט דעם מענטשן,
רייכקייט, גיטער און אויך כבוד,
ס'פעלט אים ניט אלץ, וואס אים
גלוסט זיך,
ער האט אבער ניט קיין שליטה
צו געניסן פון דאס אלץ —
קומט א פרעמדער און געניסט עס.
מעג ער האבן הונדערט קינדער,
מעג ער לעבן לאנגע יארן,
אויב זיין לוסט ווערט ניט געזעטיגט
פון די אלע גוטסקייטן,
האט אויך ניט קיין רייכע קבורה —
איז א מפל - טויט שוין בעסער!
איז פון נישטיגקייט געקומען,
גייט אין פינצטערניש אוועק —
פינצטערניש באדעקט זיין נאמען.
האט די זון ניט אנגעזען,
ניט געוואוסט איר ליכטיגקייט,
האט ער נחת מער פון יענעם.
און זאל ער אפילו האבן
צוויי מאל טויזנט יאר געלעבט
און קיין גוטס אלץ ניט געזען —
גייט דאך אלץ אוועק אין איין ארט!
מאטערט מענטש זיך פאר דער מויל,
און דער גייסט ווערט ניט געזעטיגט.
ווארום וואס האט מער דער חכם
פארן נאר?
וואס האט מער דער ארימאן,
וואס קען גיין אנטקעגן לעבן?
בעסער וואס מ'זעט מיט אויגן,
איידער וואס דער גייסט באגרייפט.

וואס געווען, האט שוין א נאמען
און איז אלעמען באקאנט:
יענער איז א מענטש און קען ניט
מיטן שטארקערן זיך לאדן;
וואס־זשע האט דער מענטש פון זאכן,
וועלכע מערן נארישקייטן?
און ווער ווייס, וואס פארן מענטשן
בעסער איז אין קורצן לעבן,
וואס פארשווינדט פונקט ווי א שאטן?
און ווער קען דעם מענטשן זאגן
וואס ס'וועט קומען נאך זיין טויט
אויף דער וועלט דער ליכטיגער?

---

ז,

בעסער איז א גוטער נאמען,
איידער שמעקעדיגער בוימל;
און דער טאג פון טויט איז בעסער
ווי דער טאג פון זיין געבוירן.
בעסער גיין אין טרויער - הויז,
איידער גיין אין הויז פון מאלצייט,
ווייל דארט איז דער סוף פון מענטשן,
און דער לעבעדיגער מערקט עס.
כעס איז בעסער ווי געלעכטער,
ווייל ווען אומעטיג דער פנים,
דאמאלס ווערט דאס הארץ גראד גוט.
קלוגע טראכטן וועגן טרויער
און נאראנים — וועגן פרייד.
בעסער א געשריי פון חכם
איידער א געזאנג פון שוטה,
ווארום ווי עס קנאקן דערנער,
פלאקערנדיג אונטערן טאפ,
אזוי קלינגט דעם נארס געלעכטער,

און דאָס אַלץ איז נאַרישקייט.
רויב מאַכט נאַריש יעדן חכם,
אונטערקויף נעמט צו דאָס האַרץ.
בעסער איז אַ זאַך צום סוף,
ווי דיזעלבע זאַך צום אָנהויב.
בעסער זיין אַ לאַנגמוטיגער,
איידער זיין אַ הויכמוטיגער.
איַל זיך ניט, אין כּעס צו ווערן,
ווייל דער כּעסן איז אַ נאַר.
זוך ניט דאָס, וואָס שוין פאַרביי!
זאָג ניט: וואָס געוועזן איז גוט! —
ס'איז ניט קלוג, אַזוי צו טראַכטן!
גוט איז חכמה צו אַ נחלה —
נוציג פאַר די לעבעדיגע;
ווייל ווער ס'איז אין שוץ פון חכמה,
דער איז אויך אין שוץ פון געלט;
וויסנשאַפט איז בעסער נאָך,
זי דערקוויקט איר אייגנטימער.
לערן קענען גאָטס באַשאַף,
וואָרום ווער קען בעסער מאַכן
וואָס ער האָט איינמאָל פאַרקרימט?
אין אַ גוטן טאָג לעב גוט
און אין שלעכטן טאָג דערקען
אַז דאָס אַלץ האָט גאָט געמאַכט,
איינעם קעגן אַנדערן —
זאָל דער מענטש שוין ניט געפינען,
נאָך אים עפּעס אויפצוטאָן.
אין מיין צייט דער נישטיגער
האָב איך אַלץ שוין צוגעזען:
טרעפט אַ צדיק ווערט פאַרלוירן
אין זיין צדקות,
און אַ רשע בלייבט לאַנג לעבן
אין זיין רשעות.
זיי ניט קיין צו גרויסער צדיק,
האַלט זיך אויך ניט צופיל קלוג,
ווייל צו וואָס צוטומלט ווערן?
זאָלסט אויך ניט זיין צופיל רשע,
און זאָלסט אויך ניט זיין קיין שוטה,
פאַרוואָס שטאַרבן פאַר דער צייט?
גוט זיך אָנהאַלטן אָן איינס,
אויך דאָס צווייטע ניט פאַרלאָזן,
וואָרום ווער ס'האָט פאָרכט פאַר גאָט
וועט פון אַלץ אַרויסקומען.
חכמה שיצט דעם חכם מער,
ווי צען געוועלטיגערס אין שטאָט.
ווייל ניטאָ אין לאַנד אַ צדיק,
וואָס זאָל תּמיד טאָן נאָר גוטס
און קיינמאָל ניט זינדיקן.
זאָלסט צום האַרצן זיך ניט נעמען,
ווען דו הערסט מ'רעדט אויף דיר,
ווען דו הערסט, דיין דינער שילט דיך.
ווייל דו ווייסט דאָך, אַז אַ סך מאָל
האָסטו אַנדערע געשאָלטן.
כ'האָב אַלץ אויסגעפּרובט אין חכמה,
און געמיינט, איך בין שוין קלוג, —
אָבער ס'איז נאָך ווייט פון מיר.
ווייט איז דאָס, וואָס ס'איז פאַרגאַנגען,
טיף, גאַנץ טיף, און ווער געפינט עס?

*

כ'האָב מיין האַרץ געווענדט צו פאָרשן
די וויסנשאַפט און רעכנשאַפט
פון רשעות נאַרישע און ווילדע;
האָב איך געפונען, אַז די פרוי
איז ביטערער פון טויט,

ווייל איר האַרץ איז נעצן, פאַסטקעס,
אירע הענט ווי שטריק און קייטן,
ווער עס פירט זיך גוט פאַר גאָט,
דער קען נאָך פון איר אַנטרינען,
און דער מענטש דער זינדיקער
וועט דורך איר געפאַנגען ווערן.
אָט אַ דאָס האָב איך, קוהלת,
אויסגעפונען, רעכענענדיק
איינע נאָך דער אַנדערער:
אַלץ געזוכט און ניט געפונען;
יאָ, געפונען צווישן טויזנט
מענטשן איין מענטשן אַ גוטן, —
אָבער צווישן אַלע יענע
האָב איך קיין פרוי ניט געפונען.
חוצדעם האָב איך נאָך געפונען,
אז ס'האָט גאָט דעם מענטש באַשאַפן גלייך,
נאָר זיי האָבן אין חשבונות
זיך פאַרפּלאָנטערט.

---

## ח.

ווער קען גלייכן זיך צום חכם?
ווער קען אויפקלערן די זאַכן?
חכמה גיט דעם פּנים שיינקייט
און דעם וועזן מעכטיגקייט.

כ'מיין, דו מוזט דעם קיניג פאָלגן,
שוין דערפאַר, ווייל האָסט געשוואוירן;
מיין ניט, וועסט פון אים אַנטלויפן,
אָדער אין פאַרברעך זיך האַלטן, —
ער וועט טאָן, וואָס אים געפעלט
ווייל דעם קיניגס וואָרט איז מאַכט,
ווער קען זאָגן אים: וואָס טוסטו?
אָבער ווער ס'היט דעם געבאָט,
וועט ניט וויסן פון קיין שלעכטס;
און וואָס ס'פּאַסט אין יעדער צייט,
דאָס ווייס נאָר די האַרץ פון חכם,
ווייל ס'האָט יעדער זאַך איר צייט,
יעדער זאַך איר פּאַסיגקייט,
און ס'איז גרויס די שלעכטס פון מענטשן,
ווייל ער ווייס ניט וואָס ס'וועט זיין,
און ווער זאָגט עס אים פאָרויס?
קיינער קען דעם גייסט באַהערשן,
קיינער קען דעם גייסט פאַרהאַלטן,
און אַז ס'קומט דער טאָג פון טויט,
איז קיין הערשאַפט שוין ניטאָ;
און אַז ס'ברויזט אַרום מלחמה
איז דער וועלט - סדר פאַרביי,
און ס'וועט קיינער מיט זיין רשעות
דאַמאָלס זיך ניט ראַטעווען
אָט דאָס אַלץ האָב איך דערזען
און באַמערקט ביי זיך אין האַרצן,
ווען ס'האָט מענטש אויף מענטש געהערשט
און געטאָן אים אַלדאָס בייז.

און אַזוי האָב איך געזען,
ווי מ'האָט געבראַכט צו קבורה
אויפן אָרט דעם הייליגן
מענטשן שלעכטע, זינדיקע,
און באַלד זיינען די באַלייטערס
פונם קבר אָפּגעגאַנגען —
יענע זיינען גיך אין שטאָט
גאָר פאַרגעסן שוין געוואָרן
מיט די מעשים זייערע.

נאָר ווייל ס'ווערט די שטראָף פאַר רשעות
ניט אַזוי גיך אויסגעפירט,
איז די האַרץ פון מענטשן גרייט

אַלעמאָל רק שלעכטס צו טאָן.
מעג דער שלעכטער מענטש אפילו
זינדיגן כאָטש הונדערט מאָל
און די שטראָף זאָל אים געשיינקט זיין;
ווייס איך פאָרט, אַז גוט וועט זיין
נאָר די גאָטספאָרכטיגע לייט,
און דעם רשע וועט ניט גוט זיין;
קורץ זיין לעבן ווי אַ שאָטן,
ווייל ער האָט פאַר גאָט ניט מורא.
אָט איז אייטלקייט פון לעבן:
טרעפט צדיקים, וואָס עס גייט זיי
ווי פאַר מעשים פון רשעים;
טרעפט רשעים, וואָס עס גייט זיי
ווי פאַר מעשים פון צדיקים, —
זאָג איך, אַז אויך דאָס איז נאַריש.
און געלויבט האָב איך די פרייד,
ווייל דאָס בעסטע פאַרן מענטשן
אויף דער וועלט דער ליכטיגער —
עסן, טרינקען, פריילעך זיין,
ווייל נאָר דאָס בלייבט זיין באַגלייטער
נאָך זיין מאַטערניש אין לעבן
אויף דער וועלט דער ליכטיגער.
ווען איך האָב מיין האַרץ געלעגט
וויסנשאַפטן אויסצופאָרשן,
און פאַרשטיין די זאַכן אַלע,
וואָס געשעען אויף דער ערד,
וואָס דער מענטש קען איבער זיי
טעג און נעכט קיין אויג ניט צוטאָן, —
האָב איך איינגעזען גאָטס ווערק,
אַז דער מענטש קען ניט באַגרייפן
די געשעענישן אַלע
אויף דער וועלט דער ליכטיגער,
כאָטש ער מאַטערן זיך, זוכן —
ער וועט קיינמאָל ניט געפינען;
אויב דער חכם מיינט, ער ווייס שוין —
קיינמאָל וועט ער׳ס ניט געפינען.

---

### ט.

און איך האָב עס אַלץ באַטראַכט
און געזוכט עס אויסצופאָרשן:
די צדיקים, די חכמים,
אַלע מעשים זייערע
זיינען אַלץ אין האַנט פון גאָט;
סיי די ליבשאַפט, סיי די שנאה,
קיין זאַך ווייס דער מענטש אַליין ניט,
כאָטש ס׳איז אַלץ ביי אים, פאַר אים.
אַלץ קען טרעפן אַלעמען,
דעם גערעכטן און דעם שלעכטן,
סיי דעם ריינעם, סיי דעם טמא,
סיי דעם גוטן, סיי דעם זינדער,
דעם, וואָס שעכט צו גאָט אַ קרבן
און דעם, וואָס שעכט ניט קיין קרבן,
דעם וואָס גיט אויף אַלץ אַ שבועה,
אויך דעם, וואָס האָט פאָרכט צו שווערן.
דאָס איז שלעכט, וואָס עס פּאַסירט
אויף דער וועלט דער ליכטיגער:
אַלץ טרעפט אַלעמען צוגלייך.
איז דעם מענטשנס האַרץ פול שלעכטס,
ווילדקייט פול דעם גאַנצן לעבן,
הערט ניט אויף אַזש ביזן טויט.
וועמען ס׳איז באַשערט צו לעבן,
דער קען האָפענונג נאָך האָבן;
ס׳איז אַ הונט אַ לעבעדיקן
בעסער פון אַ טויטן לייב.

זוייל די לעבעדיגע ווייסן,
אַז זיי ווילן שפּעטער שטאַרבן —
טויטע אָבער ווייסן גאָרניט,
האָבן אויך שוין ניט קיין לוין,
ס׳ווערט פאַרגעסן זייער אָנדענק,
זייער ליבשאַפט, זייער שנאה,
זייער קנאה — אַלץ פאַרשוואונדן,
האָבן שוין קיין חלק מער ניט
אין די מעשים וואָס געשעען
אויף דער וועלט דער ליכטיגער.
גיי - זשע עס מיט פרייד דיין ברויט,
טרינק מיט לוסטיגקייט דיין וויין,
אויב ס׳האָט גאָט דיין ווערק באַוויליגט.
זאָלן די מלבושים דיינע
אַלעמאָל זיין ווייס;
און קיין בוימל זאָל ניט פעלן
קיינמאָל אויף דיין קאָפּ.
לעב מיט דיין געליבטער ווייב
דורך דיין נישטיג לעבן - צייט,
וואָס איז דיר געשיינקט געוואָרן
אויף דער וועלט דער ליכטיגער.
ווייל דאָס איז דיין גאַנצער חלק
אין דיין לעבן אין דיין מאַטער,
וואָס דו לעבסט און מאַטערסט זיך
אויף דער וועלט דער ליכטיגער.
אַלץ, וואָס ס׳קען דיין האַנט דערגרייכן,
זאָלסטו מיט דיין כּוח טאָן,
ווייל קיין טעטיגקייט און חשבון
און קיין ווויסן און קיין חכמה
איז ניטאָ דאָרט אין דער גרוב,
וואָס דו גייסט אין איר אַראָפּ.
און כ׳האָב ווידער צוגעזען
אויף דער וועלט דער ליכטיגער,
אַז ניט גרינגע קענען לויפן,
ניט גבורים מוזן זיגן,
ניט חכמים האָבן ברויט,
ניט פאַרשטענדיגע — עשירות,
ניט די וויסנשאַפטלערס — חן, —
צייטן און באַגעגענישן
טרעפן אַלעמען צוגלייך,
און דער מענטש קען גאָרניט ווייסן,
ווען די צייט וועט אויף אים קומען,
פּונקט ווי פיש, געכאַפּט אין נעץ,
ווי די פויגל אין דער פּאַסטקע,
ווערן מענטשן אויך געפאַנגען,
ווען די צייט די ביטערע
אַטאַקירט זיי אומגעריכט.
און אויך דאָס האָב איך געזען,
קלוג און גרויס איז מיינע אויגן:
איז געווען אַ שטעטעלע,
איינוואוינערס אין איר גאָר קנאַפּ,
איז אַמאָל אַ גרויסער קיניג
אָנגעקומען קעגן איר
און האָט איר אַרומגערינגלט,
גרויסע פעסטונגען געבויט,
נאָר געווען אין שטעטעלע
איין מענטש, אָרים אָבער קלוג,
און ער האָט געראַטעוועט
מיט זיין קלוגשאַפט יענע שטעטל,
און ס׳האָט קיינער ניט דערמאָנט
יענעם מענטש דעם אָרימען.
און געזאָגט האָב איך דערביי:
בעסער קלוגשאַפט איידער שטאַרקייט,
נאָר דעם קבצנס חכמה — בזוייש,

קיינער האָרכט ניט זיינע ווערטער.
שטילע ווערטער פון חכמים
ווערן בעסער אויסגעהערט,
ווי געביטעריש געשריי
פון די הערשערס די נאַראָנים.
בעסער חכמה ווי געווער
און איין מענטש אַ זינדיגער
קען פאַרדאַרבן איטלעכס גוטסקייט.

---

י.

טויטע פליגן מאַכן שטינקען,
מאַכן יוירן זאַלב - בוימל;
און ס'קאָסט טייערער פון חכמה
און אויך טייערער פון כּבוד
אַפּטמאָל נאַרישקייט אַביסל.
שטרעבט דעם חכמס האַרץ אויף רעכטס
און דעם נאַרס האַרץ שטרעבט אויף לינקס.
און אַז ס'גייט דער נאַר אין וועג
האָט ער ס'האַרץ ניט מיטגענומען
זאָגט ער יעדן: כ'בין אַ נאַר!...
און ווען ס'הויבט זיך קעגן דיר
דער געמיט פונם געביטער,
זאָלסטו דיין אָרט ניט פאַרלאָזן,
ווייל ער קען די גרעסטע זינד
דיר נאָך שיינקען און פאַרקוקן...
און איך האָב אַ שלעכטס געזען
אויף דער וועלט דער ליכטיגער.
ווי אַ טעות פון געביטער:
זיצט די נאַרישקייט גאָר אויבן
און די רייכע זיצן אונטן;
כ'האָב געזען קנעכט רייטנדיג,
הערן גייען אויף דער ערד ווי קנעכט.

ווער עס גראָבט אַ גרוב,
פאַלט אין איר אַריין;
ווער עס ברעכט אַ צוים
דער ווערט פון אַ שלאַנג געביסן.
ווער עס קייקלט שטיינער,
ווערט אָן זיי צושלאָגן;
ווער עס טשעשעט העלצער,
ווערט פון זיי פאַרוואונדעט;
איז דער אייזן טעמפּ
און ער קען ניט שניידן,
מאַטערט זיך דער מייסטער;
אָבער שטענדיג איז אַלץ בעסער,
אויב ער גרייט זיך צו מיט חכמה.
ווען אַ שלאַנג בייסט, העלפט קיין
שפּרוך ניט,
אויך ניט פון אַ גרויסשפּרעכער.
ווערטער פון אַ חכמ'ס מויל
זיינען דורכגעזאַפּט מיט חן,
אָבער לעפצן פון אַ נאַר
קענען אים אַליין פאַרדאַרבן;
הויבט אָן ריידן נאַרישקייט
און לאָזט אויס מיט בייזער ווילדקייט.
אַזוי רעדט דער נאַר אָן אויפהער,
אָבער קיינמאָל וויים דער מענטש ניט
וואָס מיט אים וועט נאָך פּאַסירן
און וואָס ס'וועט פּאַסירן נאָך אים,
ווער קען אים עס מאַכן וויסן?
מאַטערט זיך דער נאַר אומזיסט,
לאָזט זיך גיין און וויים ניט ווי.
ווינד און ווי איז יענער לאַנד,
וואו דער קיניג איז אַ יינגל
און די האַרן עסן פאַרטאָג, —

זוייל דער לאַנד, וואו ס'איז דער קיניג
פון אַ פירשטלעכער משפחה
און די האַרן עסן דאַמאַלס
ווען זיי דאַרפן קרעפטיגונג
און זיי שפייזן אַן געטראַנקען...
ביסטו פויל, פאַלט איין דער באַלקן,
אַפּהענטיג — רינט דיר אין שטוב אַריין.
אויף פאַרווייַלונג מאַכט מען סעודות,
וויין ברענגט פרייליעכקייט אין לעבן, —
אָבער געלט פאַרשאַפט עס אַלץ.
אויך אין האַרץ שילט ניט קיין קיניג
און אין שלאָף - קאַמער קיין גביר,
ווייל אַ פויגעלע אין לופטן
קען דיין קול אַריבערטראָגן.
די באַשעפעניש מיט פליגלען
קען דערציילן יעדער וואָרט...

---

י"א.

שיק דיין ברויט איבערן וואַסער,
וועסט געפינען אים צוריק;
קומען זיבן, אַכט דיר בעטן
גיב צו יעדערן זיין חלק,
ווייל דו קענסט אַצינד ניט וויסן
וואָסער שלעכטס קומט אויף דער ערד.
איז דער וואָלקן פול מיט רעגן,
גיסט ער אויס אים אויף דער ערד;
פאַלט אַ בוים אויף דרום, צפון.
וואו ער פאַ'לט, דאָרט בלייבט ער ליגן.
ווער עס היט דעם ווינט, דער זייט ניט;
ווער עס קוקט אין וואָלקן, שניידט ניט.
ווי עס בלאָזט אַ ווינט אין לופטן
און דו ווייסט ניט זיין מאַרשרוט,
ווי עס וואַקסט אַ קינד אין בויך,
און דו קענסט עס ניט פאַרשטיין. —
אַט אַזוי פאַרשטייסטו אויך ניט
אַלע ווערק, וואָס גאָט באַשאַפט.
זיי דיין זאָמען אינדערפרי
אויך אינאָוונט לאָז ניט אָפּ
ווייל דו קענסט דאָך איצט ניט וויסן
וועלכער וועט געראָטן בעסער,
צי דער ערשטער, צי דער צווייטער,
אָדער אפשר ביידע גלייך.
און די ליכטיגקייט איז זיס,
און די זוניגקייט — געזונט.
וויפל יאָר דער מענטש וועט לעבן
און מיט ליכטיגקייט זיך פרייען,
זאָל ער שטענדיג דאָך געדיינקען,
אַז עס קומען טעג פון פינצטער
און אַז אַלץ, וואָס קומט, איז נישטיג.
פריי זיך, בחור, מיט דיין קינדהייט
מאַך זיך לוסטיג אין דיין יוגנט
לויף וואוהין די האַרץ פירט דיך
און עס טראָגן דיך די אויגן —
אָבער ווייס, אַז פאַר דאָס אַלץ
וועט דיך גאָט צום משפט שטעלן
לאָז זיך ניט פון כעס באַהערשן
און פאַרטרייב פון זיך די בייזקייט,
ווייל דיין יוגנט, דיין פרימאָרגן —
אַלץ איז נישטיג!

---

י"ב.

זאָלסט געדיינקען דיין באַשאַפער
אין די טעג פון יונגשאַפט דיינער,
איידער ס'קומט די שלעכטע צייט,

יאָרן, וואָס דו ווילסט זיי ניט;
איידער ס'ווערט די זון דיר טונקל,
די לבנה און די שטערנס,
איידער ס'קלייבן זיך די וואָלקנס
און פאַרכמאַרען דיר דעם הימל.
שטייען שטוב־ וועכטערס פאַרציטערט,
העלדן קרימען זיך אין קרעמפּן,
און די מאָלערקעס די קנאַפּע
שטייען ליידיגע אָן אַרבעט
און די קוקערקעס אין לעבער
וועלן שוין פאַרפינצטערט זיין,
טירן אין דער גאַס — פאַרקלאַפּט,
און די מיל האַלט איין איר רויש,
שרעקסט זיך פאַר אַ פויגל־ פּישטש,
די געזאַנגען אונטערדריקט,
ציטערסט פאַר אַ קלאַנג פון אויבן,
פול מיט שטרויכלעניש דער וועג,
שטייט דער מאַנדלבוים אין בליאונג,
נאָר באַדעקט מיט היישעריקן,
גלוסטיגקייט איז שוין פאַרגאַנגען,
ווייל דער מענטש גייט צום בית־עלמין
און די קלאָגערס שטייען גרייט שוין.
איידער ס'וועט דער זילבער־ שנירל
זיך צורייסן;
איידער ס'וועט דער גאָלדן לעמפּל
זיך צוברעכן,
איידער ס'ווערט דער קרוג צושפּאָלטן
אויפן קוואַל,
איידער ס'ווערט דער ראָד צושמעטערט
אויפן ברונים
און דער שטויב קומט צו דער ערד,
ווי געווען,
און דער גייסט שטייגט אויף צו גאָט,
זיין באַשאַפער.
נאַריש, נאַריש, זאָגט קוהלת,
אַלץ איז נאַריש!

*

חוץ זיין קלוגשאַפט, האָט קוהלת
וויסנשאַפט דעם פאָלק געלערנט,
און פאַרנומען און געפאָרשט
און געמאַכט אַ סך משלים;
האָט געזוכט רק זאַכן נוצבאַרע
און פאַרשריבן ווערטער אמתע.
זיינען ווערטער פון חכמים
ווי די ווייז־ שטעקלעך פאַר סטאַדעס,
די פאַרפעסטיגטע מיט טשוועקעס,
פון איין פאַסטוך אויסגעשטעלט.
זיי־ זשע קינד מיינער געוואָרנט:
זאָלסט ניט מאַכן צופיל ביכער
און ניט פלוידערן אָן שעור
ווייל ס'פאַרמאַטערט נאָר דעם לייב.
און צולעצט — ס'איז דאָך באַקאַנט:
פאָרכט פאַר גאָט!
היט זיין געבאָט!
ווייל דאָס איז דער ציל פון מענטשן
און אויף אַלע זיינע מעשים
וועט אים גאָט צום משפט ברענגען,
אויך אויף די פאַרבאָרגנסטע,
סיי די שלעכטע, סיי די גוטע.

# באמיצן

זייט 2, שורה 14 רעכטס

אין אנדערע שפּראַכן זיינען די ווערטער „מאַן" און „פרוי" פון באַזונדערע שטאַמען (אויך „יינגל" און „מיידל"); אין העברייאיש ווער איז די באַצייכענונג פון דער פרוי בלויז דורך אַ צוליג פון אַ הא - המין; אַזוי אויך ילד - ילדה, נער - נערה. דאָס איז זייער שיינע דיכטערישע אונטערשטיצונג פאַר דער אַלטער דערציילונג, אַז די פרוי איז ביין און פלייש פונם מאַן.

דאָרט, שורה 8 פון אונטן רעכטס:

דער שלאַנג האָט געוואָלט באַלד אויספירן: „פונדעסטוועגן וועט איר ניט שטאַרבן", נאָר די פרוי האָט אים איבערגעריסן מיט איר רעפּליק. דברה תורה כלשון בני אדם...

זייט 4, שורה 17 רעכטס:

קין האָט געבראַכט סתם ערד - פּרוכט, ניט פון די בעסטע, ווי הבל; דערפון האָט מען געקענט דרינגען, אַז בריינגענדיג דעם קרבן האָט ער זיך ניט געבעסערט, ניט תשובה געטאָן.

דערמיט לערנט מען אונז, אַז ניט דער קרבן איז דער עיקר, נאָר די תשובה דערביי.

זייט 5, שורה 7—17.

דער גאַנצער פערז ווערט געבראַכט, כדי צו ווייזן, אַז לֶמך איז געווען דער ערשטער דיכטער, פערזן - פלעכטער.

ס'איז דעריבער ניט וויכטיג, צו וויסן, ביי וואָסער געלעגנהייט די ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן.

דאָס זיינען אַלץ אָפּקלאַנגען פון „בראשית", געשיכטע פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג לויט די באַגריפן פון דער ביבל, עלעהיי: „פאָטער פון געצעלטן - זיצערס", „ערשטער שפּילער אויף האַרף", „שלייפער און שמידער".

למך איז געווען, הייסט עס, דער ערשטער דיכטער.

זייט 5, לעצטע שורה רעכטס:

חנוך איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס איז געשטאָרבן מיטן נאַטירלעכן טויט (לויטן חשבון פון חומש), האָט מען נאָך ניט געוואוסט, אַז דאָס הייסט טויט. דעריבער שטייט: ער איז ניט געוואָרן, גאָט האָט אים צוגענומען,

זייט 8, שורה 7 פון אונטן רעכטס און ווייטער:

דאָס געהערט אויך צו די אָפּקלאַנגען פון „בראשית": אַז אָנוויז, פונוואַנען ס'נעמט זיך דער רעגנבויגן.

זייט 9, שורה 5 רעכטס:

ווי פריער.

זייט 9, דור הפלגה:

אַ וויכטיגער „בראשית" - אָפּקלאַנג. אַן ענטפער אויף דער פראַגע: „פונוואַנען נעמט זיך די פילשפראַכיגקייט ביי מענטשן, וויבאַלד אַז אַלע שטאַמען פון איין פאָטער"?

דער ענטפער איז, אַז בשעת זיי זיינען שוין געווען גענוג אַנטוויקלט, אַזש צו בויען אַ טורים און פאַרזיכערן זיך אויפן פאַל פון „פּן נפוץ", דאַמאָלס האָט שוין גאָט געפונען פאַר מעגלאַך, צו פאַר - שפרייטן זיי און פאַרמישן זייער שפּראַך, ווייל סיי - ווי וועלן זיי שוין קענען אויספירן אַלץ, וואָס זיי פאַרלאַנגען; ס'הייסט: שוין דערגרייכט אַ העכערע קולטור - מדרגה.

ס'איז גאָר פון ערגעץ ניט געדרונגען, אַז גאָט איז געווען ניט צו - פרידן מיטן בויען דעם טורים און אַז די צומישונג פון דער שפּראַך און די צושפּרייטונג איז אַ שטראָף פאַר עפּעס.

זייט 11, לינקס.

די מעשה פון שרה'ן ביי פרעהן איז אדורכגעלאָזט געוואָרן. אויך די מעשה פון שרהן ביי אבימלכן שפּעטער בר. כ'.

זייט 12, שורה 7 רעכטס:

הירדן משקה את כל הככר.

זייט 13, שורה 16 רעכטס:

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון ריטערלעכקייט.

ענלעך איז אויך: צווייטער בוך „ביבלישע געזאַנגען", זייט 1, שורה

4 לינקס, אויך דאָרט זייט 17, לעצטע שורה רעכטס. אויך דאָרט, זייט 90, שורה 10 רעכטס.

זייט 14, שורה 14 רעכטס:

אַט דער דורכגאַנג צווישן די שטיקער איז געווען דער אַקט פון שליסן דעם בונד. עד היום איז אין אָריענט אַזאַ מנהג; אָדער מ'צושניידט אַ פרוכט אויף צוויי און איטלעכער פון די צדדים עסט אויף אַ האַלבע.

זייט 19, אונטן רעכטס:

די געשיכטע מיט לוט און ביידע טעכטער איז אַדורכגעלאָזן.

זייט 21, אונטן לינקס:

אחר נאחז ־ אחרי שנאחז.

זייט 22: מערת המכפלה.

דער גאַנצער בילד צייכנט זיך אויס מיט וואונדערלעכער לעבעדיג־קייט און קינסטלערישער עכטקייט. דערביי איז אָבער פאַראַן אויך אַ טיפע טענדענץ: צו באַווייזן, אַז אברהם האָט געקויפט דעם פּלאַץ פאַר געלט. עפרון האָט געוואָלט בלויז לאָזן באַגראָבן דעם מת, אָבער ניט געבן קיין אחוזת ־ קבר. שפּעטער האָט ער שוין, אפילו געוואָלט געבן אַ שטיקל ערד, אָבער ניט נעמען קיין געלט, כדי ניט צו דאַרפן אַדורכפירן פאָרמאַליטעטן. דערביי האָט ער געזאָגט, אַז אַ שטיקל ערד פון פיר הונדערט שקלים שפּילט ביי אים קיין ראָליע ניט, ער קען עס געבן אויך אומזיסט. אברהם האָט אָבער דוקא געוואָלט באַצאָלן און אַדורכפירן די קניה פאַר די אויגן פון אַלע טויער־זיצערס. פאַרגלייך זייט 41, לעצטע שורה רעכטס, וואו מיר זעען, אַז אויך יעקב האָט געקויפט פּלאַץ און באַצאָלט.

זייט 23, שורה 9 און ווייטער רעכטס:

צוויי אָנזאָגן: 1) מ'זאָל ניט חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון כנען, 2) מ'זאָל ניט פאַרלאָזן די לאַנד.

זייט 26, שורה 4 פון אונטן רעכטס:

אַראַקל ־ מעסיג, מ'ווייס ניט גענוי, ווער ווערט אַזוי אויך אין אָריגינאַל.

זייט 29—30.

נאָך ווען די קינדער זיינען געווען ביי דער מאַמען אין בויך האָט מען

פון דער נבואה ניט געוואוסט, ווער וועמען ס'וועט דינען, דער ייִנגע־רער דעם עלטערן, אָדער פאַרקערט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ'ווייס בכלל ניט, ווער ייִנגער, ווער עלטער, ווייל כאָטש פון געבורט איז עשו געווען דער עלטערער, האָט ער דאָך אָבער די בכורה פאַרקויפט. לסוף האָט יצחק געגעבן די ברכה יעקבן און געמיינט עשון.

דערמיט זאָל אָפּנים פאַרענטפערט ווערן, פאַרוואָס די ברכות זיינען אויף יעקבן ניט מקויים געוואָרן...

זייט 30, שורה 20 לינקס:

פונוואַנען ווייס מען, וואָס עשו האָט געטראַכט אין האַרצן? ווייל ער האָט עס עמיצן מסתּם דערציילט. דערפון טאַקי איז עס רבקה געוואָר געוואָרן.

און פונוואַנען ווייס מען (בוך II, זייט 221, שורה 21 רעכטס), וואָס המן האָט געטראַכט אין האַרצן? ווייל שפּעטער, בשעת ער איז געקומען אהיים, האָט ער עס מסתּם דערציילט דער ווייב און זיינע פריינט.

זייט 31, לעצטע שורה רעכטס:

ויקח (אבן) מאבני המקום.

זייט 34 שורה 6 פון אונטן לינקס:

יששכר — יש שכר (פאַראַן אַ באַלוינונג).

זייט 34, שורה 13—14 לינקס.

זע אין אָריגינאַל (בר', ל', ט"ו): ולקחת - ולקחת (עבר מהופך לעתיד). פאַרגלייך בר' כ', ט"ז: ונוכחת - ונוכחת (וועסטו זיך פאַר־ענטפערן).

זייט 35, שורה פאַר - לעצטע רעכטס:

זע נאָטיץ אין בוך I צו 205,

זייט 45, שורה 7 לינקס:

„ועל דבריו".

די חלומות גופא באַווייזן, אַז ער טראַכט שטענדיג וועגן דעם, און זיין דערציילן עס איז ווי אַ מין באַרימעריי קעגן די ברידער.

זייט 46, לינקס אויבן:

ס'זעט אויס, אַז טויטן אים האָבן געוואָלט די בני - השפחות, ווייל זיי האָבן געטראָגן אויף אים אַ באַזונדער כעס (זע אויבן זייט 45

און די זין פון לאה האָבן אים געוואָלט ראטעווען. א באזונדער ברי־
דערלעכע ראָליע שפּילן דאָ ראובן, שמעון (ארעסטירט אין מצרים),
יהודה און נאָר באזונדער רחלס זון בנימין.

זייט 50, שורה 7 רעכטס:

פונוואנען האָט יוסף געוואוסט אויסצולייגן דעם שר האופים׳ס חלום
צו שלעכטס? אפשר ווייל אין ערשטן חלום האָט פּרעה געגעסן און
אין צווייטן האָבן די פויגעלעך געגעסן און אפשר טאקי, ווייל יוסף
האָט געקענט ביידנס זינד און האָט פאַרויסגעזען דעם פּסק, ווי דער
תּלמוד זאָגט: דאָ א פליג און דאָ א שפּענדל...

דאָרט, לינקס, שורה 3 פון אונטן:

פאַרוואָס האָט דער שר המשקים פריער פאַרגעסן און איצט זיך דער־
מאָנט? אפשר האָט פּרעה געוואָלט אַלע זיינע חרטומים אויסהרגענען.
פאַרגלייך בוך 2, זייט 206, לינקס, שורה 10 פון אונטן.

זייט 52, שורה פאַר לעצטע רעכטס:

„הנמצא” — באציט זיך אויף יוספס פּלאַן, אז פּרעה זאָל באשטי־
מען א מענטשן.

זייט 56, לינקס שורה 11: לאָטוס. און פריער (זייט 46,
לינקס, שורה 4 פון אונטן: לוט. אויך: לאָטאָס. א מזרח - געוויקס.

זייט 59, שורה 9 רעכטס:

דער קנעכט זאָגט: „גוט, זאָל זיין אזוי” און באשטימט באלד אנ־
דערש, ווי זיי האָבן געזאָגט.
אויך ביי עפרון און אברהם געפינען מיר, אז עפרון האָט געזאָגט
(זייט 22, שורה 7—5 פון אונטן לינקס) איינס און געטאָן באלד
אנדערש.
אזוי איז דער אופן פון אונטערהאנדלונגען אין אָריענט.

זייט 59, שורה 20 לינקס:

די איבערזעצונג זעט אוים ניט צו שטימען מיטן אָריגינאַל, וואו
ס׳איז געשריבן „אדוני שאל” ניט אין דער פאָרם פון א פראגע.
אָבער אויבן (זייט 54, שורה 11 רעכטס) זעען מיר, אז יוסף האָט זיי
באמת ניט געפרעגט, נאָר זיי האָבן אים אליין געזאָגט. שפּעטער
(זייט 56, שורה 18 רעכטס) האָבן די זין דעם פאָטער געזאָגט, אז

דער מאַן האָט געפּרעגט; איז דאָך קלאָר, אַז דאָס האָבּן זיי, מחמת נויט, פאַרן טאַטן זיך פאַרענטפערט. דערפאַר האָב איך דאָ געגעבּן די פאָרם פון אַ פּראַגע, אַזוי טייטשט אויך דער מלבי"ם.

זייט 65, שורה 6—5 פון אונטן:

זע נאָטיץ אין בוך I צו זייט 71.

זייט 66, שורה 18 און ווייטער:

זע די נאָטיץ אין בוך I צו זייט 72.

זייט 68, רעכטס, שורה 6 פון אונטן. אפשר האָט דער פאָטער טאַקי עס געזאָגט, נאָר אין חומש שטייט עס ניט, און אפשר האָבּן זיי, פון מורא, עס אויסגעטראַכט.

פאַרגלייך: זייט 46, לינקס, שורה 5, אויך נאָטיץ פון זייט 59, שורה 10, לינקס.

זייט 74, שורה 8 פון אונטן לינקס:

„אָט דער לוי".

אין דידאָזיגע דערציילונגען ווערט לוי גערעכנט פאַר גאָר אַ גרויסן יחוס. דערפאַר ווערט דערציילט (זייט 71, שורה 20—22 רעכטס) אַז משה האָט געשטאַמט פון הויז לוי אי פון פאָטערס צד אי פון מוטערס צד. און ס'זעט אויס ווי אַן אָנצוהערעניש, אַז משה'ס צוריקגעהאַלטנקייט פּאַסט ניט פאַר אַ לוי. אָט אהרן, דער ווירדיגער לוי, וועט זיך ניט אָפּהאַלטן, ער וועט גיין און ריידן.

שפּעטער, ביים מעשה עגל, האָט דער שבט לוי זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדער העלדישקייט...

זייט 75 רעכטס, שורה 6 און ווייטער. זע נאָטיץ צו זייט 68, רעכטס, שורה 6 פון אונטן, און אַנד.

זייט 76, לינקס, שורה 10 פון אונטן און ווייטער.

זע אָריגינאַל (שמות וואָוו א'): „ביד חזקה" מיינט די שטאַרקע האַנט פון גאָט.

זייט 77 און ווייטער.

אין אָריגינאַל ווערט איטלעכס מכה איבערגעחזרט אי ביים באַפעל, אי ביים אויספיר. דאָ ווערט די שילדערונג געגעבּן נאָר צו איין מאָל, אָבער די פאַרבּן און בילדער זיינען גענומען אינגאַנצן פון אָריגינאַל.

זייט 94, שורה 8 לינקס.

דער אָרט איז פון די שווערסטע אין חומש. איך האָב פאַרשטאַנען אַזוי: דאָס שפּריצן די בלוט איז געווען דער אויסדרוק פונם בונד שלימען. איטלעכער, וואָס אויף אים איז געפאַלן אַ שפּריץ בלוט, איז דורכדעם אַריין אין בונד. די אצילים אָבער (זייט 93 אונטן לינקס), וואָס זיינען געווען אויפן באַרג און האָבן אַליין געזען גאָט, האָט מען ניט געדאַרפט באַשפּריצן. דער „ויאכלו וישתו" באַציט זיך אויפן גאַנצן פאָלק.

פאַרשטייט זיך, אַז איך זאָג ניט: קבלו דעתי.

זייט 97, שורה 4 רעכטס:

אַ מענטש קען ניט זיין פאַר אונז קיין פירער, ווייל אַט ווערט ער גאָר פאַרפאַלן; מיר מוזן האָבן אַ גאָט.

זייט 98, שורה 12 רעכטס:

ווייטער אונטן (שורה 4) שטייט: דו אָבער זעסט מיין פנים ניט. אויף זייט 112 (שורה 5 רעכטס) שטייט: ער קוקט אַריין אין בילד פון גאָט (ותמונת ה' יביט) — דאָס זיינען אַלץ פיגוראַלע סימבאָלישע בילדער, וועלכע מ'קען פאַרשיידן אויסטייטשן.

זייט 109, שורה 2 רעכטס און ווייטער:

זע אָריגינאַל, במדבר י', י"ג און ווייטער:

דער וואָרט „בראשונה" אין פסוק י"ג איז אומפאַרשטענדלעך, אין אַנדערע ווילן האָבן, אַז ער איז טאַקי איבעריג און ס'איז דורך אַ טעות פונם שרייבער דאָ אַריינגעפאַלן אַן איבערחזרונג פונם זעלביגן וואָרט אין פסוק ט"ו.

ווי ס'ווייזט אָבער אויס האָט דערדאָזיגער וואָרט גאָר אַ גרויסן באַטייט, וועלכן איך וויל דאָ דערקלערן.

אויבן אין קאַפּ. ב' איז אָנגעגעבן דער פּלאַן פון די דגלים, ווי זיי דאַרפן לאַגערן און אויך ציען (כאשר יחנו כן יסעו): אין שפּיץ יהודה מיט זיינע שבטים, רעכטס ראובן מיט זיינע שבטים, הינטן אפרים מיט זיינע שבטים, לינקס דן מיט זיינע שבטים און אינמיטן, אַרומגערינגלט פון אַלע, דער אוהל מועד מיטן ארון פון בונד. ס'איז אויך נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז די הייליגקייט דאַרף זיין געשיצט דורך די לעגיאָנען. און אַז מ'האָט געדאַרפט ציען, פלעגט צוערשט זיך רירן יהודה, נאָכדעם ראובן, נאָכדעם דער אוהל מועד

און שפּעטער די איבעריגע,
איצט אַז ס'איז שוין אַלץ פאַרטיג געווען, האָט מען צוערשט (בראשונה) געצויגן, לויט דער פריערדיגער אָרדענונג, ווי נאָט האָט געהייסן משהן: יהודה דער ערשטער און דער משכּן אינמיטן. דער־ווייל האָט זיך אָבער געטראָפן (פסוק כ"ט), אַז חובב האָט געמאָלדן, אַז ער וויל אוועקגיין צוריק אין זיין לאַנד. משה האָט אים געבעטן, ער זאָל ניט גיין, ווייל ער ווייס דאָ די וועגן, וועט ער זיין אַ פירער. יענער האָט אָבער דווקא געוואָלט אַוועקגיין, און הגם ס'שטייט ניט בפירוש (און אין דער גמרא איז פאַראַן וועגן דעם אַ קלער), איז אָבער פון דער מעשה גופא קענטיג, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען. איז דאָך משה געבליבן אָן אַ וועג - ווייזער, און ווי ס'ווייזט אויס, האָט ער דער עיקר מורא געהאַט פאַרן פאָלק, זיי זאָלן ניט זאָגן, אַז מ'בלאָנ־דזשעט אַרום, ניט וויסנדיג דעם וועג. האָט ער דעריבער געמוזט האָבן אַן אויטאָריטעטן פירער און האָט באַפוילן (פסוק ל"ג), מ'זאָל דעם ארון אַרויספירן אויף פאָרנט אויסצוזוכן אַ רו - אָרט. און ערשט דאַמאָלס פלעגט מען זאָגן ביים ציען: „קומה!" און ביים רוען: „שובה!"
אָט דאָס אַלץ איז איבערגעגעבן געוואָרן אין מיין יידישן טעקסט.
זייט 111, אויבן רעכטס:
גאָטס גייסט האָט גערוט אויף די זקנים און זיי האָבן נביאות גע - זאָגט אין גאָטס גייסט. ס'הייסט: זיי האָבן גערעדט צום פאָלק אינם זעלביגן גייסט, ווי משה האָט זיי געלערנט. אלדד און מידד זיינען אויך געווען פאַרשריבן צווישן די זיבעציג, זיי זיינען אָבער ניט גע־גאַנגען צו משהן, נאָר געבליבן אין דער מחנה און געזאָגט נביאות קעגן משהן. יהושע, אויך אַן אויסדערוויילטער, רעגיסטרירטער, האָט זיי געוואָלט איינשליסן פאַר העצן דעם פאָלק, נאָר משה האָט ניט געוואָלט, מ'זאָל זיך אָננעמען פאַר אים. זאָלן זיי ריידן: דער לעבן וועט זיי פאַרמאַכן די מיילער!...
דאָרט אונטן לינקס:
זע אין אָריגינאַל: במדבר י"ב, ו': במראה אליו אתודע? בחלום אדבר בו! צווישן סגול און קמץ אין וואָרט „מראה" איז קיין חילוק ניט, לויט מיין מיינונג; דער עיקר איז די אינטאָנאַציע פונם וואָרט.

זייט 115, ערשטע שורה לינקס:

זע אין אָריגינאַל: במדבר ט״ז, א׳. אינם וואָרט „ודתן״ איז דער וואָו איבעריג, קורח האָט גענומען דתנען.

זייט 116 שורה 4 פון אונטן רעכטס:

אלוהי הרוחות לכל בשר = אלוהי־רוחות־כל־בשר; לכל = של כל,

זייט 118. שורה 7 פון אונטן לינקס:

זע אין אָריגינאַל (במדבר כ׳, ז׳ און ווייטער). גאָט האָט געהייסן משהן, ער זאָל ריידן צום פעלזן, ער זאָל אים זאָגן: „גיב וואַסער!״ וועט ער געבן וואַסער. משה אָבער האָט אפּנים מורא געהאַט, טאָמער וועט דער פעלזן קיין וואַסער ניט געבן, וועט ער בלייבן אַ ליגנער, האָט ער גערעדט ניט צום פעלזן, נאָר צום פאָלק, און געזאָגט האָט ער פּונקט פאַרקערט: וואָס ווילט איר, צי זאָלן מיר פון פעלז אַרויס־ברייגנען וואַסער? און דערביי, ווי ניט ווילנדיג, צוויי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן דעם פעלז, — דער פאָלק האָט גאַרניט געוואוסט, אַז ער קלייבט זיך באַווייזן אַ וואונדער. דערפאַר איז גאָט אין כעס געוואָרן און געזאָגט צו משהן און צו אהרנען: „ווייל איר האָט ניט געגלויבט אין מיר״.

די באַקאַנטע אָנשטרענגונגען פונם רמב״ם, איינצוזעצן דידאָזיגע שורות, זיינען אַזוי אַרום אומזיסט.

זייט 135, שורה 14 פון אונטן לינקס און ווייטער:

זע אין אָריגינאַל (דברים ל״ב, ה׳). די ווערטער „לו״ און „לא״ זיי־נען ניט פאַרשטענדלעך, ס׳ווערט געלייענט אָן זיי: שחת בניו מומם; המום של בניו שחת אותם.

זייט 137, לעצטע שורה פון „האזינו״:

זע אָריגינאַל (דברינ ל״ב, מ״ג). דאַרף זיין „וכפר אדמתו ועמו״.

זייט 138, שורה 18 רעכטס:

זע אָריגינאַל (דברים ל״ג, ה׳). ויהי - כשהיה.

זייט 139, שורה 5—4 פון אונטן רעכטס:

זע אָריגינאַל (דברים ל״ג, כ״א). „וירא ראשית לו״ — מיינט וואָס גד האָט זיך אויסגעקליבן זיין נחלה באַלד אין אָנהויב, אין עבר הירדן.

דאָרט, לינקס, שורה 8—9:

המנעולים (שלעסער) של ברזל ונחושת (ישמרו) כימיך (לעולם) את דבאך (השבע שלך).

זייט 145, שורה 5—4 פון אונטן:

זע אָריגינאַל (יהושע ד׳, ה׳). ושתים - עשרה - ווייל צוועלף. פריער האָט יהושע אונטערגעלייגט שטיינער, כדי די כוהנים זאָל זיין באַ - קוועם צו שטיין. אָט די שטיינער האָט מען עס אַרויסגענומען, גע־שטעלט צום אָנדענק אויף דער יבשה. „ויהיו שם״ — און דאָרט, אויף דער יבשה, ניט אין ירדן, זיינען זיי פאַרבליבן עד היום הזה.

זייט 147, שורה 6 פון אונטן.

זע אָריגינאַל (יהושע ו׳, ח׳), יריחו סוגרת (את הדרך) והיא עצמה מסוגרת. דער יידישער ווערטל „סגור ומסוגר״ (שטאַרק פאַרשלאָסן), וועלכער שטאַמט פונדאַנען, איז אייגנטלעך געבויט אויף אַ טעותדיגן פשט.

זייט 157, שורה 1:

ווייל דער חרם אין יריחו איז געווען ניט אויסהאַלטבאַר, האָט גע־קאָסט דעם לעבן פון אַ מענטשן און געבראַכט דעמאָראַליזאַציע, דערפאַר האָט מען שוין איצט, ביי עי, דעם חרם אַראָפּגענומען.

זייט 162, שורה 4. זע זייט 41, אונטן רעכטס:

יענע אינפאָרמאַציע באַקומט ערשט איצט איר ריכטיגן באַטייט.

זייט 163.

ירמיהו. דאָ איז צונויפגעקליבן דער עפּאָס פון ירמיה; דערביי איז צוליב דער קאָנדענסירונג פון די בילדער געמאַכט געוואָרן אַ סך קיצורים און השמטות.

זייט 163, לעצטע שורה:

וואָרט - שפּיל (וואנדל - האַנדל). זע אין אָריגינאַל (ירמיה א׳, י״א—י״ב): שקד - שוקד).

זייט 165:

ירמיה קאַפּ. ז׳. ווי ס׳זעט אויס באַציט זיך דער קאַפּיטל צו יאשיהו׳ס רעפאָרם (זע בוך II, ז. 197 און ווייטער), נאָכן געפינען די ספר־תורה.

זייט 170, שורה 7—6 פון אונטן לינקס:

וואָרט - שפּיל (פּאָרטראָג - פּאַרטראָגן). זע אָריגינאַל (ירמיה כ״ג,

ל״ג—ל״ט) משא - ונשיתי; אַן אַנדער וואָרט - שפּיל.

זייט 187 עמוס—קאַפּיטל 5, וואָס איז ניט אַרייַן אין בּוך I.

זייט 187, שורה 8 פון אונטן רעכטס:

גלגל - גלות — וואָרט - שפּיל. אין אָריגינאַל (עמוס ה׳, ה׳) הגלגל גלה יגלה.

זייט 189:

איוב. דאָ קומט דער עפּישער פּראָלאָג (קאַפּ. א׳—ב׳) און עפּילאָג (קאַפּ. מ״ב) פון איוב. זע בּוך I, ז״ז 7—15 און 231—258.

זייט 193, לינקס, שורה 8:

זע אָרגינאַל (איכה א׳, ז׳): ימי - בּימי.

זייט 193, לינקס אונטן:

זע אָריגינאַל (איכה א׳ ח—ט) לנידה היתה; טומאתה בּשוליה — ס׳איז אַלץ איין בּילד.

זייט 194, שורה 10, רעכטס.

ווייל זי פאַרקויפט דאָס טייערסטע פאַרן עסן.

זייט 194, לינקס, שורה 20.

זע אָריגינאַל (איכה א׳, כ׳): - כּמות בּבית.

זייט 195 לינקס, שורה 2.

זע אָריגינאַל (איכה ב׳, ז׳): כּיום מועד. דער מקונן האָט ניט גע־קענט פאַרגלייכן דעם ליאַרים פון שונא צום תּפילה - געשריי אום יום טוב.

זייט 197, לינקס, שורה 21,

זע אָריגינאַל (איכה ג׳, ל״ד—מ׳). די אַלע פּסוקים זיינען געבּונדן צוזאַמען; נאָך „והטוב״ דאַרף שטיין אַ פּרעג - צייכן.

זייט 199, רעכטס, שורה 10 און ווייטער. זע נאָטיץ צום בּוך I, זייט 99, שורה 7—10.

זייט 201.

אין קוהלת זיינען פאַראַן אַ סך פּסוקים אומפאַרשטענדלעכע. איך האָב אין מיין איבּערדיכטונג געמוזט נעמען צו הילף מיין אייגענע אינטואיציע און ניט שטענדיג האָב איך די זיכערקייט, אַז איך האָב צוגעטראָפן די כּוונה פונם אָריגינאַל.

זייט 202, לינקס, שורה 2:

זע אָריגינאַל (קוהלת ב׳, ח׳). שדה ושדות — ווייס איך ניט וואָס ס׳באַטייט און האָב עס אַדורכגעלאָזט.

זייט 203, לינקס, שורה 17—27.

זע אָריגינאַל (קוהלת ג׳, ט׳—י״א), דער זינען פונם טעקסט קען אויך זיין אַ גאַנץ אַנדערער, ווי אין דער איבערדיכטונג.

זייט 204, לינקס, שורה 4—3 פון אונטן.

זע אָריגינאַל (קוהלת ד׳, ה׳): דאָרט זעט עס ניט אויס, צו זיין אַ פראַגע; אָבער אַזוי בינדט זיך בעסער.

זייט 206, רעכטס, שורה 1.

זע אָריגינאַל (קוהלת ה׳, ז׳) גבוה מעל גבוה — געמיינט די ביוראָקראַטיע אין לאַנד.

זייט 208, לינקס, לעצטע שורה:

די פרויען. זע אָריגינאַל (קוהלת ז׳, כ״ז) אחת לאחת.

# צוגאָב באַמערקונגען

## ערשטער בוך.

זייט 31 אויבן. זע זייט 34 אונטן און זייט 35 אינגאַנצן.

דאָס זיינען צוויי געזאַנגען מיטן זעלביגן אינהאַלט. דער ערשטער איז פאַרשריבן אין פאָלק - נוסח, אָן דיכטערישער אָרנאַמענטיק, און דער צווייטער איז שוין אַ פּראָדוקט פון דיכטערישער באַאַרבעטונג. דאָ: „אין די נעכט אויף מיין געלעגער״ און דאָרט: „איך שלאָף, עס וואַכט מיין האַרץ״ און אַזוי כסדר. אויך דער רעפריין: „איך באַשווער אייך״ א. אַז. וו. איז אַנדערש.

אין דער איבערזעצונג קומט עס אַרויס בולט און דערפון איז אויך קענטיק, אַז דער גאַנצער שיר - השירים איז אַ זאַמלונג פון פאָלקסטימלעכע ליבע - לידער.

## צווייטער בוך.

זייט 3, שורה 6 פון אונטן רעכטס. זע אָריגינאַל. מדין = מדים; מערצאָל פון מד. די דריי ווערטער „רוכבי, יושבי, הולכי״ זיינען דריי בילדער פון איין מין רייטערס.

זייט 77, רעכטס. זע ענלעכע שילדערונג אויף זייט 168 —
169. אין אן אנדער נוסח: זייט 34 לינקס.

זייט 78 רעכטס אונטן. דער אָריגינאַל איז דאָ זייער אומ-
קלאָר. זע שמ' א', כ', י"ב—י"ד.

זייט 80, שורה 6 פון אונטן לינקס. דער אָריגינאַל איז דאָ
אומקלאָר.

ז. 83, לינקס, ש, 9 פון אונטן. זע אויף דער זעלביגער זייט
רעכטס, ש. 7. ווייזט אויס, אז ס'זיינען געווען צוויי מינים אפודס
און בלויז איין אפוד האָט געהאַט דעם כּוח פון נביאות. אין אן אַנ-
דער אָרט (שופטים י"ח) ווערט אפוד דערמאָנט אין אן אנדער זינען.

זייט 85, ש, 16 לינקס. אין אָריגינאַל שטייט איינמאָל „וידי
לא תהיה בך" איבעריג.

זייט 86, ש. 14. אויף זייט 119—120 ווערט דערציילט, ווי
דוד איז געצוואונגען געווען צו ברעכן די שבועה און ווי אזוי ער
האָט עס אדורכגעפירט.

זייט 87, לינקס ש, 10. הקורא אין אקוזאטיוו.

זייט 91, לעצטע 2 שורות. „ללמד בני יהודה קשת" געהערט
ניט צו דער קינה.

זייט 92. אויבן (זייט 90) ווערט דערציילט, אז שאול האָט
זיך אַליין דערהרגעט און ס'ווערט ניט דערמאָנט וועגן אן עמלקי,
אויך ווייטער, זייט 96 אונטן, זעט אויס, אז געהרגעט האָט דוד דעם
עמלקי נאָר פאַר דער שלעכטער בשורה. ווייזט אויס, אז דער יינגל
האָט זיך גלאַט באַרימט און דוד האָט עס פאַרשטאַנען און פאַר דער
באַרימעריי אים געלאָזט טויטן. זע די לעצטע צוויי שורות אויף דער
זעלביגער זייט.

זייט 95, רעכטס, ש. 10. אויבן (זייט 75) ווערט דערציילט,
אז דוד האָט געבראַכט 200 ערלות...

זייט 138 ש. 13—14. אין דברים (ל"א, כ"ו) שטייט, אז
מ'האָט די ספר - תורה אוועקגעלייגט ביי דער זייט פון ארון, וואו
ס'איז פאַרבליבן פאַר אן עדות. און אין מלכים ווערט דערציילט
(זע בוך II זייט 97), אז מ'האָט אין בית - המדרש, בעת א רעמאָנט
געפונען א ספר - תורה.

זייט 143, ש. 8 פון אונטן און ווייטער. יהושע האָט געמאַכט די גבעונים פאַר האָלץ־העקערס און וואַסער־שעפּערס (III בוך, ז. 157). שאול האָט די גבעונים אויסגעהרגעט (II. בוך, ז. 120), האָט מען איצט געמאַכט אַנדערע ניט־יידישע לייב־קנעכט.

זייט 148, ש. 3 פון אונטן. כאַראַקטעריסטיש, אַז אין עטלעכע נבואות געפינען מיר דאַסזעלביגס: אַן אָנזאָג פון אַ צרה, נאָר ניט אין דער איצטיגער צייט, נייערט שפּעטער. זע II. בוך, זייט 167, שורה 17—20 רעכטס; זייט 198 רעכטס אונטן און אנד. אינטערעסאַנט פאַר דער מענטאַליטעט פון די הויף־נביאים.,.

זייט 173, ש. 16 רעכטס. „נושה" איז אַ באַאַמטער אויף מאָנען הובות, עלעהיי ביי אונז אַ קאָמאָרניק. זע אין משפטים: „לא תהיה לו כנושה"—זאָלסט זיך ניט פירן מיט אים ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער מאָנער.

זייט 176, לינקס, ש. 6. זע זייט 172, רעכטס, שורה 15. די נביאי השקר זיינען געוועז אָנגענומען, פאַררעכנט פאַר אמתע נביאים; די נביאים, וואָס מיר האַלטן פאַר אמתע, האָט מען אין זייער צייט געהאַלטן פאַר פאַלשע, מ'האָט זיך מיט זיי ניט גערעכנט.

זייט 179, רעכטס, ש. 12, אינטערעסאַנטע ריטערלעכקייט. זע ז. I, לינקס, ש. 3—4; ז. 17. רעכטס, לעצטע שורה; ז. 90, רעכטס, ש. 11—13.

זייט 183, ש. 12 לינקס. פונוואַנען האָט איזבל, די טאָכטער פונם צידון־קיניג, געוואוסט אַזוי קלאָר די געשיכטע, אַז זי האָט אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג, זיך באַנוצט מיט אַזאַ מעטאַפאָר? זעט אויס, אַז די פּראָזע האָט געשאַפן דער שרייבער. אַזוי אויך: הרצחת וגם ירשת? האתה זה עוכר ישראל? אַ סימן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ ליטעראַריש ווערק.

זייט 184, רעכטס, ש. 12: ס'איז אויפפאַלנדיג, וואָס דער קיניג פון ישראל האָט באַנוצט פאַר אלישען דעם זעלבן טיטל („רכב ישראל ופרשיו"), וואָס אלישע אליין האָט באַנוצט פאַר זיין רבין אליהו. זע פריערדיגע נאָטיץ.

זייט 185, לינקס, ש. 5 און ווייטער. די פאָלק־מאַסן האָבן געהאַלטן חזקיה'ס אַקציע פון צושטערן די במות פאַר אַ פאַרברעך

קעגן גאָט. זע III בוך, זייט 186, רעכטס. אויך די שרים אין יענער צייט האָבן אַזוי געמיינט.

זייט 197. עטלעכע באַמערקונגען:

א) אין מלכים ב' י"ב ווערט דערציילט א געשיכטע וועגן רעמאָנט פון טעמפּל כּמעט אין די זעלבּיגע ווערטער, ווי דאָ. צי שטאַמט עס דערפון, וואָס די נעמען פון די קיניגן זיינען ענלעך: יהואש און יאשיהו — דערפאַר איז די זעלבּיגע געשיכטע איבער־געחזרט געוואָרן צוויי מאָל?

ב) דאָ ווערט דערציילט, אַז יאשיהוס אַקציע איז געקומען צוליב דער געפונענער ספר - תורה און אין דברי הימים ווערט דער־ציילט פאַרקערט, אַז פריער האָט זיך אָנגעהויבּן די אַקציע פון צו - שטערן די במות און נאָכדעם איז געפונען געוואָרן די ספר־תורה.

ג) פאַרוואָס ווערט אין ירמיה ניט דערמאָנט די געפונענע ספר - תורה? צי האָט ער דערפון ניט געוואוסט, אָדער האָט דערפון ניט געהאַלטן?

ד) זע נאָטיץ צו זייט 138.

זייט 226, רעכטס, שורה 8 פון אונטן. אין גאַנץ מלכים ווערט ניט דערמאָנט דער נאָמען ירמיהו, ווייל אין זיין צייט האָט מען פון אים ניט געהאַלטן. די קיניגן האָבן געהאַט זייערע אייגענע נביאים. אפילו דער קיניג יאשיהו דער רעפאָרמאַטאָר האָט געהאַט זיין נביאה'טע חולדה, די פרוי פון א הויף - באַאמטן.

עזרא אָבער האָט שוין יע געהאַלטן פונם דאָזיגן מין נביא. חגי און זכריה, זיינע אָפיציעלע נביאים, זיינען געוואָרן קאַנאָניזירט אין די פיר און צוואַנציג הייליגע שריפטן, דעריבער ווערט דאָ אויך ירמיה דערמאָנט צום גוטן.

# נאכוואָרט

מיין אַרבעט איז פאַרענדיגט. די צוגעזאָגטע 50 דרוק־בויגנס זיינען געגעבן, ניט אין 5 ביכער, ווי פּראָויסגעזען, נאָר אין 3 גרויסע ביכער, דערביי זיינען די ביכער II און III געדרוקט במעט אינגאַנצן אין טאָפּעלע זייטן, צו צוויי עמודים, ווייל צום אָנגקינדיגטן אינהאַלט אין פּראָספּעקט זיינען צוגעקומען נאָך אַ ריי פּאָעמעס, ווי: בראשית, נח, יהושע, שלמה, רחבעם, ירבעם, אלישע, די געפונענע ספר ־ תּורה, דער חורבן, דניאל, עזרא, נחמיה, איכה, קוהלת און פאַרשיידענע קלענערע.

דעם ביבלישן עפּאָס האָב איך געגעבן במעט אינגאַנצן; אַקעגן ־ זשע פון דער ליריק אין תּנ״ך האָב איך אויסגעקליבן נאָר יענע קאַפּיטלען, וועלכע פאַרמעגן אַ גאַנצן פאַרענדיגטן און פאַר־קיילעכטן אינהאַלט און ס׳האָט זיך באַקומען בלויז אַן אַנטאָלאָגיע פון דער ביבלישער ליריק.

בסך הכל איז מיין ווערק אַ פּרוב, צו געבן אונזער אַלטן תּנ״ך אין אַ מאָדערנער ליטעראַרישער פאָרם. דערביי האָב איך זיך באַמיט, אויסצוגעפינען די ליטעראַריש ־ דיכטערישע אויסדריקן אין תּנ״ך און זיי אַקצענטירן, אַזוי, למשל, האָב איך אין די לעצ־טע קאַפּיטלען פון איוב (גאָטס מענה) אויסגעפונען, אַז זיי זיינען איין גרויסע בילדערריייכע שילדערונג פונם נאַטור ־ באַשאַף, אַז דער עיקר איז דאָרט ניט די פילאָזאָפיע, נאָר די פּלאַסטיק; און דער לייענער האָט איצט פאַר זיך איינע פון די פּרעכטיגסטע ־ מעכטיג־סטע קלאַסישע דיכטונגען, וואָס קען געשטעלט ווערן אין איין ריי מיט די אַלט ־ גריכישע און רוימישע פּאָעטישע ווערק און וועט פונם פאַרגלייך זיכער געווינען. (I־טער בוך, זז. 7—15).

אין נחום פּרק ג׳ האָב איך באַמערקט אַ שטאַרקע דינאַמיק אין דער גאַנצער ריי קורצע צוויי ־ ווערטערדיגע אויסדרוקן, וואָס

יעדערער פון זיי איז ווי א ראקעט - שאָס, און איך האָב עס איבער־געגעבן אין די קורצע שטרוימיגע שורהלעך, (ו־טער בוך, זייט 145).

אין שירת דבורה אינם פסוק „מקול מחצצים בין משאבים״ האָב איך דערפילט אין ביידע טיילן פונם בילד דעם אויסדרוק פון קלאַנגען; דאָ פיילן - שאָס און דאָ לויב - געזאַנג. האָב איך עס ארויסגעבראכט בולט אין דער איבערזעצונג (ו־טער בוך, ז. 81).

און אַזוי אין הונדערטער ערטער.

ווען מיין ווערק איז שוין געווען איז דרוק, האָב איך זיך דערוואוסט, אז דער אמעריקאַנער געלערנטער חיים שוים האָט שוין לאַנג ארויסגעגעבן א בוך מיטן זעלביגן נאָמען „ביבלישע גע־זאַנגען״, וואָס אַנטהאַלט אויך איבערזעצונגען פון תנ״ך. באַקע־נענדיק זיך מיט יענעם בוך, האָב איך זיך איבערצייגט, אז בעת דאָרט איז דער צוגאַנג צום תנ״ך א היסטאָריש - וויסנשאַפטלע־כער, איז ער ביי מיר א ליטעראַריש - דיכטערישער. איז דעריבער דאָרט אין דער איבערזעצונג ניט אָפּגעהיט די ריטמישקייט און שיינקייט פונם סטיל, אָקעגן - זשע זיינען דאָרט צו איטלעכם גע־זאַנג צונעגעבן גרויסע וויסנשאַפטלעכע דערקלערונגען. אגב, איז פונם בוך ארוים בלויז דער ערשטער טייל, וואָס אַנטהאַלט א גאַנץ קליינע צאָל געזאַנגען.

אָבער אויב איך האָב זיך ניט אריינגעלאָזט אין חקירות פון ביבל - קריטיק, האָב איך אָבער געהאַלטן פאַר נויטיג, צו געבן אין די נאָטיצן, צום סוף פון איטלעכם בוך, עקזעגעטישע דערקלערונ־גען, צווישן וועלכע ס׳איז פאַראַן א געוויסע צאָל מיינע אייגענע חידושים. אויף דידאָזיגע נאָטיצן מאַך איך אויפמערקזאַם דעם לייענער, ווייל זיי דעקן אויף פאַרבאָרגענישן און לייזן רעטענישן אין דער אויפפאַסונג פונם ביבלישן טעקסט.

דער ערשטער בוך „ביבלישע געזאַנגען״ האָט באַקומען א זוואַרימע אויפנאַם און א גאַנצע ריי גינסטיגע אָפּרופן פון לייענערס און קריטיקער, ווי: דער באַוואוסטער וויסנשאַפט - מאַן א. ש. הערשבערג, דער יונגער פאַרשער דר. ה. פראַנק, די ביאַליסטאָקער לערערס ש. בראָטמאַכער, מ. זאַבלוראַווסקי און אַנדערע, וואָס האָבן גערעדט וועגן מיין אַרבעט מיט אָנערקענונג.

איך וואָרט אָבער אויף אַ געניויערן אַנאַליז פונם גאַנצן ווערק, נאָכן פּאַרטיפן זיך אינם אָריגינאַל, פאַרגלייכן די טעקסטן און אָפּשאַצן דעם דיכטערישן ווערט פון מיין אַרבעט. ערנסטע באַמערקונגען און אָנווייזונגען וועל איך אָננעמען מיט גרויס דאַנק און וועל זיך באַמיען אויסצוניצן זיי פאַר אַ צווייטער אויסגאַבע, אויב מיין ווערק וועט זוכה זיין דערצו.

צולעצט האַלט איך פאַר מיין חוב, אויסצודריקן אַ דאַנק דעם קאָמיטעט. וואָס האָט, מיט זיין מאָראַלישער דערמוטיגונג נאָכמער ווי מיט מאַטעריעלער אונטערשטיצונג, מיר געהאָלפן אַדורכפירן דידאָזיגע ריזיגע אונטערנעמונג, אַרויסצוגעבן אַ ווערק פון 50 דרוק - בויגן, אין דער היינטיגער שווידערלעך - טראַגישער צייט און פאַרענדיגן די אַרבעט אין משך פון איין יאָר.

איך דאַנק אויך מיינע חברים פון קאָאָפּעראַטיוו „פּרעסע", וואָס האָבן מיט זייער הברשער באַציאונג מיר מעגלעך געמאַכט רעאַליזירן די אויסגאַבע.

פּסח קאַפּלאַן.

ביאַליסטאָק. טבת תרצ״ט.